STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06317

DOS LETSTE LID

Moshe Broderzon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה בראָדערזאָן

✶

דאָס לעצטע ליד

דאס בוך איז ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון:

יידישן שרייבער-פאראיין אין ישראל;
לובלינער לאנדסמאנשאפט (דזשוליוס גאלדמאן-פאנד);
אברהם און חנה בורשטיין.

משה בראָדערזאָן

דאָס לעצטע ליד

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשל״ד — 1974

MOSHE BRODERSON

DOS LETZTE LID

משה בראָדערזאָן / **דאָס לעצטע ליד**

פאַרלאַג י. ל. פרץ
רח' אלנבי 31, תל־אביב
I. L. Peretz Publishing-House
31 Allenby st. Tel-Aviv

©

נדפס בישראל תשל"ד
Printed In Israel 1974

דפוס „מופת", י. ריזמן, ת"א, רח' עין־הקורא 6, טל. 32968

אַ לעבעדיקע מצבה
פאַר אונדזער מאַן און פאָטער

משה בראָדערזאָן

שיינע מרים בראָדערזאָן
און טאָכטער חנה

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער מיטהילף פון

יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל ;
לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט (דזשוליוס גאָלדמאַן־פאָנד) ;
אברהם און חנה בורשטיין.



משה בראָדערזאָן נאָכן צוריקקומען פון ראַטנפאַרבאַנד
פאָטאָגראַפירט דורך אברהם גרינשפּאַן

פון פאַרלאַג

משה בראָדערזאָן איז געבוירן געוואָרן דעם 23סטן נאָוועמבער 1890 אין מאָסקווע און געשטאָרבן דעם 17טן אויגוסט 1956 אין וואַרשע.

דער רוב פון זיין ליטעראַרישער, טעאַטראַלער און רעדאַק־טאָרישער טעטיקייט איז פאַרבונדן מיט לאָדזש, וווּהין ער איז געקומען מיט זיינע עלטערן אַלס קינד נאָכן גירוש מאָסקווע.

שוין פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לידער: „שוואַרצע פליטערלעך" (פּיעטריקאָוו 1913).

מאָסקווע איז געווען דאָס אָרט וווּהין ער איז אַנטלאָפן צוויי מאָל — אין ביידע וועלט־מלחמות.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַרעפנטלעכט ער אין מאָסקווע לידער אין וועלכע ער ווייזט שוין אַרויס שפּראַך און פאָרם־מייסטערשאַפט („שיחת חולין", „אַ פּראַגער לעגענדע", „תמרל", „אַ באָבע־מעשהלע").

נאָך דער מלחמה קערט ער זיך אום קיין לאָדזש און גרינדעט דאָרט אין 1919 צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידישע דיכטער דעם קרייז „יונג־אידיש" און גיט אַרויס אונטער דעם נאָמען זעקס זאַמל־העפטן וואָס דריקן אויס זייערע שטרעבונגען.

אין פאַרלאַג „יונג־אידיש" גיט בראָדערזאָן אַרויס אַ ריי עקס־פּרעסיאָניסטישע דראַמאָלעטן: „אַ חתונקע", „שניי־טאַנץ", „צונגע־לונגען", „מלכת שבא", „תחית המתים". גלייכצייטיק דערשיינען: „בעגייסטערונג" (1920), „שוואַרץ שבת" (1929), „פּערל אויפן ברוק" (1920), „איבערגאַנג" (1921).

אין יאָר 1922 שאַפט בראָדערזאָן צוזאַמען מיטן דיכטער י. מ. ניימאַן, דעם קינסטלער יצחק ברוינער און דעם מוזיקער הענעך קאָן אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער „חד גדיא", וואָס גיט פאַרשטעלונגען אויף ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס.

אין 1927 גרינדעט ער דאָס באַוווּסטע קליינקונסט־טעאַטער „אַררט", וואָס איז אַ וויכטיק קאַפּיטל געשיכטע אין יידישן טעאַטער.

אין 1924 שרייבט ער אַן אַ ביבלישע אָפּערע „בת שבע" (אויפגעפירט מיט דער מוזיק פון הענעך קאָן).

אין 1939 פאַרעפנטלעכט ער זיין פּאָעמע „י" — 50 געזאַנגען וואָס קענען באַטראַכט ווערן ווי אַ נביאישע אָנקינדיקונג פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף דער וועלט און אויף אונדזער פאָלק.

משה בראָדערזאָן איז געווען דער גרויסער שפּראַך־ווירטואָז אין דער יידישער ליטעראַטור. זיין שפּראַך־מייסטערשאַפט האָט אים געשטעלט אויבנאָן פון דער יידישער דיכטונג. נישט געקוקט אויף זיין אינדיווידואַליסטישן צוגאַנג צו קונסט איז ער אַלע יאָרן געווען אַ דיכטער־קעמפער סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָרם.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אַנטלאָפן קיין מאָסקווע, ווו ער האָט געשטעלט זיין גלענצנדיקע פעדער אין דינסט פון קאַמף קעגן היטלעריזם, דעם שונא פון יידישן פאָלק. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אַרעסטירט געוואָרן דורך דער נ.ק.וו.ד. און פאַרשיקט געוואָרן אין די לאַגערן. ערשט אין יאָר 1955 איז ער באַפרייט געוואָרן און נאָך לאַנגע אינטערווענצן ביי דער סאָוויעטישער מאַכט איז אים געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צוריקצוקערן זיך קיין פּוילן.

געקומען קיין וואַרשע איז ער אַ קראַנקער און צעבראָכענער און דריי וואָכן שפּעטער איז ער געשטאָרבן, נישט זעענדיק אַפילו זיין לאָדזש.

אַ סך פון זיינע כתבים זענען פאַרלוירן געגאַנגען, ווען די נ.ק.וו.ד. האָט בראָדערזאָנען אַרעסטירט. אָבער אַ טייל פון זיי האָט זיין פרוי שיינע מרים באַוויזן אויסצובאַהאַלטן און ברענגען קיין ישראל. די לידער פון יענעם פּעריאָד ווערן דאָ אין דעם בוך „דאָס לעצטע ליד" געגעבן.

דער פאַרלאַג י. ל. פּרץ גיט איבער דעם יידישן לייענער דעם עזבון פון גרויסן שפּראַכמייסטער מיט דער איבערצייגונג, אַז דער נאָמען משה בראָדערזאָן, וועט ווידער אַרויסרופן די אָפּ־קלאַנגען און אַסאָציאַציעס, וואָס ער האָט תמיד אַרויסגערופן ביים יידישן קולטור־מענטש.

דאָס לעצטע ליד

פול זון — די שטאָט
פון וועלכער... סוף ניינצן ניין און דרייסיק כ׳בין אַוועק
זי איבערלאָזנדיק אויף הפקרשן באראָט.
אַוועק אין ווייטיקפולן און סכנהדיקן וועג...
ס׳איז פול די שטאָט מיט ליכט,
וואָס נידערט פון משופּעדיקן לייטער
און לייכט אַריין מיר אין געזיכט
מיט פרייד, וואָס אומגעריכט.
נאַ, זע... ס׳איז די שטאָט געוואָרן ברייטער.
זע גוט: געוואָרן איז די שטאָט גערוימער.
ס׳פּאַרציען ווונדן זיך מיט הויט.
אויף חורבות ווערט אויף ס׳ניי עקשנותדיק געבויט.
און ס׳גרינען, און עס שאָטענען זיך ביימער...
חידושן אַ סך נאָך וועסטו —
אַזוי פיל נייע נעסטן!
נאַ, זע!... טאָ קוק אויף אַלץ זיך אום אַרום.
איך זוך מיט אַלע חושים... מיט אברים רמ״ח איך זוך.
און ס׳שלאָגט דאָס האַרץ — אַ שלאָגן שטום...
וויי־וויי, איך שטיי אויף גרענעץ — פיל איך — פון
צוזאַמענברוך.
אַבער... ניין! נישט שטיין! איך טאָר נישט
אָפּשטעלן דאָס האַרץ
פאַר צער דאָס איינגעדאַרטס,
וואָס אָפּשטאַרבן איז גרייט ממוכן.
איך הער נישט אויף צו זוכן
ווי אין אַ הינערפּלעט צעטראָגן,

צו זוכן די, וואָס זייער נאָמען — נישט אַרויסצוזאָגן...
נאַ, זע! — זאָגט אונטער מיר די זון...
מיט וועלכער שטאָט איז פול —
נאַ, זע... און ווער נישט דול,
פאַרליר נישט ס׳גלויבן...
דו זעסט? — דו זעסט? די מחנות טויבן,
די טשאַטעס שטילע, גוטע, אומשולדיקע טויבן —
אָט ד אָ ס וואָס דו זוכסט, וואָס קיין מאָל נישט פאַרגעסטו.

די טויבן זע —
דאָס זענען די נשמות ריינע
פון דיינע אומגעבראַכטע
ברידער־שוועסטער...
די ציטערדיקע — שרעק זיי נישט —
זיי וועלן נישט אַוועק פון זייערע די נעסטן
אַפילו, ווען די לעבעדיקע שרידי פליטה
בחפזון
אין בענקען און אין ווייטיק
די טויבן וועלן די פאַרלאָזן...
יאָ... די טויבן ד י
פון אונטן און פון אויבן
וועט מסתמא קיינער קיין מאָל נישט
פון האַרץ מיר קענען רויבן —
מיט זיי פאַרבונדן איז מיין לעבן
און מיין גלויבן!

דאָס איז דאָס לעצטע ליד פון משה בראָדערזאָן, געלייענט אויפן קבלת־פנים לכבוד דעם דיכטער אין וואַרשעווער יידישן מלוכה־טעאַטער. פאַרעפנטלעכט אין „פאָלקס־שטימע” דעם 12.8.1956.

מיינע ריטמען

די ריטמען פון מיין ליד — נישט געמאָסטן, נישט געוווּיגן
און נישט דורך פינגער־צייל באַשטימט איז זייער טראַף,
דער שלאָג פון האַרץ — נאָר ער, ער טוט מיר אונטערטראָגן
דעם גאַנג פון ליד און וועג פון זיין באַשאַף.
די גראַמען פון מיין ליד — איך זוך זיי נישט —
אַליין זיי קומען,
זיי קומען פּאַרזיכטיקע, פּאַרכטיקע און שטעלן זיך
צו צוויי אין ריי,
אַ מאָל צו דריי — אַרומגענומענע במזומן,
אין שרעק צו גיין אַליין אין חושך פון זאַוויי.

און מיט מיין בילד און מיין געדאַנק אין יאָך
פון ליד זיי שפּאַנען,
בעת לאַפּעס האַריקע פון אונדזער נישט־געדאַכטן גרויל —
עס זענען אָפּט מיין האַרץ מיט קלעמעניש מהנה
און לייגן זיך מיט זייער איבל אויפן מויל.

ניין, כ'מעסט זיי נישט די ריטמען, כ'פּאַס נישט
מיינע גראַמען!
די קינצלערייַ און קונציקייט אויף לויט און גראַם
און מינץ —
זיי מאַכן מיר ביי אַנדערע פּאַר חרפּה ס'פּנים פלאַמען:
דאָס אַלץ איז גוט — מיר דאַכט זיך — נאָר נישט
איצט פּאַר אונדז.
אדרבא, פּרוּווט דעם אומקום פון מיליאָנען זעקס
צו ריטמיזירן,

גערוימקייט פאַרן גראַם זוכט אין אונדזערן געמיט;
עס איז מיר איצטער פרעמד צו קומען אין באַרירונג
מיט דעם לכתחילה אויסגעצאַצקטן, אויסגעפוצטן ליד.

ס'איז איצט די צייט נישט דעם צער אין טרויער־ניגון
צו פאַרוויגן,
אין פויגלשן געדאַנקען־שווונג, צי פויגלשן געזאַנג,
נאָר לידער — קיזל־שטיינער, לידער — אייזן,
לידער — דורכגעברענטע ציגל
הויפּענען מען דאַרף פאַרן נייעם פונדאַמענט!

אויף אונדזער חורבן

אַ יעדער ייד געבליבענער איז איצט אַן איוב ;
אין יעדער יידיש האַרץ פאַרשליידערט ליגט אַ מת :
הרוגים יידן 52 טויזנט — קיעוו,
הרוגים 25 טויזנט אין אַדעס !
און טויזנטער און צענער־טויזנטער און מערער —
עס וואַקסט די צאָל מאַרטירער אין יעטוועדן לאַנד ;
ווו נאָר אַ פוס געשטעלט — איז חורבן, גרויל־צעשטערונג,
איז פייניקונג, איז לעסטערונג און שוידער־שאַנד.
מיליאָנען אומגעבראַכט עס האָט דער ברוינער גולם
דורך שפיכת־דמים, נע־ונד זיין, דורך פאַרראַט.
מיר האָבן אומגעוואָגלט הונגעריקע, הוילע
אין נייע גלותן, אין צוואַנגען פונעם חשד !
אין נייע פינצטערנישן, האָפענונגסלאָזע, לאַנגע,
צו גרויל פאַרקנעכטיקט, אין אויסגאַנגסלאָזער שרעק,
מיר זענען אין אַ הינערפּלעט, אַנטמענטשט, געגאַנגען,
און פון דעם צער און פיין געטראָגן שווערע פעק...
פון לאַנד צו לאַנד געטריבן האָט זיין קראַפט די רויע,
זיין נישט־געצוימטער, אומדערקלערטער טעמפּער האַס —
געטרונקען זיך מיר האָבן אין דייטשישער דער צוואה
און לייב און האָר געריסן זיך פון זיין צרעת...
פאַרפייניקטע, פאַרפיקט פון די נבלה־קראָען —
פאַרגעסן שיר מיר האָבן דעם כתב פון העלן טאָג ;
ס'איז יעדער ייד אַן איוב, אַ ירמיהו —
און חורבן גרויס איז אונדזער פלאָג און קלאָג !

ראָבאָט

אַז נישט קיין מענטש, נישט קיין חיה, טאָ וואָס איז פאָרט
די פּאַרזעניש, דער קריפּל פון יאָרהונדערט ?
צו באַצייכענען דעם מין אירן, דעם סאָרט —
און ווי ווערט זי פון דער בריאה אָפּגעזונדערט ?
ווער האָט די פּאַרזעניש אויף דער וועלט געבראַכט ?
ווער האָט געמאַכט זי אָן אַ יעדן סימן ערע ?
און אויסגעטראָגן האָט זי וועלכע מוטער־טראַכט ?
פון וועלכער זינד האָט עס איר אָפּשטאַם אָט די זרע ?
קיין נפש מיט קיין בלוט און גייסט — זיכער נישט —
אין בלוט לעבט פרייד און צער, אין גייסט לעבט
זיכער ווערדע,
ביי דער פּאַרזעניש איז בלוט און גייסט פּאַרווישט —
באַצוועקט איז מאָרד אַפילו פון געמיינסטן מערדער.
ווער געפורעמט האָט די מטורפע געשטאַלט,
וואָס האָט אַ דונער אומגעריכט די וועלט געטראָפן ?
נישט קיין פאַנטאַזיע פון קיין גרויל־ און שרעקן־וואַלד ! —
און ווו נעמט מען אַזאַ שטראָף — זי צו באַשטראָפן ?
אַוועלכע קראַפט געהאַלטן האָט עס אין דער קלעם
און וועלכער כוח האָט מיט דעם געטאָן באַפעלן ?
דער גולם לעגענדאַרישער, ער טראָגט אַ שם,
וואָס פיס די ליימענע אים לערנט שווער צו שטעלן...
פון וואַנען האָט די אַראָגאַנץ און גרויסקייט־מאַניע
דערגרייכט צו נידערטרעכטיקייט פון ריינסטער פּראָבע ?
אויף דעם פּאַרזעניש שטייט : „מעיד אין גערמאַניע״ :
נישט מענטש, נישט חיה איז זי, נאָר ראָבאָט !

1939—1942

ווער ווייסט, צי וועל איך דורך דער צייט אַדורכטראָגן

מיין קאָפּ,

ווער ווייסט —

אַז זאָרג אַזוי פיל איז צו אים באַשערט ?

ווער ווייסט —

צי וועל איך דורך דער צייט אַדורכטראָגן

מיין האַרץ,

אַז הימל האָט זיך אויף דער ערד איבערגעקערט ?

ווער ווייסט —

צי וועל איך דורך דער צייט אַדורכטראָגן

ס'געביין,

אַז כ'ווייס נישט —

ווען דאָס גרויסע אומגליק ט'בלייבן שטיין ?

ווער ווייסט —

צי וועל איך דורך דער צייט אַדורכטראָגן

מיין ליד,

אַז מיט די וואָרצלען

רייסט אַרויס די צייט — ס'געמיט ? !

ווער ווייסט —

אַז ס'פאַלט אַראָפּ

דער קאָפּ

אויף שוואַרץ

פון האַרץ,

מיין טרויער —

אויף געביין

אויף ביטערן געוויין,
אין קעלט געגליט —
פייפט יאָמערלעך דאָס ליד!

דערהרגעטע קינדער

איך האָב געזען אויף די וועגן ליגן, אויף שאָסייען,
די קינדער די דערהרגעטע דורך קויל פון פיינט,
איך האָב געזען, ווי איבער זיי לבנה־נעכט עס גייען,
געזען פון שרפה־פייערן אויף זיי די שיין.

מיט הענט און פיס צעוואָרפן זענען זיי געלעגן,
צי איינגעקאָרטשעט אין דעם לעצטן וויי־געשריי,
מיט אויסגעשריי, וואָס קיין מאָל וועט נישט אויפהערן
צו פרעגן,
פאַר וואָס, פאַר וועלכע זינד דען קומט עס זיי?

געזען — אַ ייִנגעלע אַנטקעגן הימל אויסגעצויגן,
זיין פנים האָט אַ בלוט־קאָליר געהאַט אַזאַ,
פאַרגלייזט ביי אים געוועזן זענען שוין די אויגן,
און אויף די ליפּן אָפּגעהאַקט האָט קויל דעם יאָמער: מאַ...

איך אין דער צייט

עס גיט די האַק פון קעגנוואַרט אַ בליץ מיר איבערן נאַקן,
און פון אומגעריכטקייט —
כ׳שליס די אויגן צו אויף זיבן שלעסער:
די פינצטערניש איז איר משיח־צייט בגוואַלד מתקן...
— איז אפשר כולו חייב אויף דער וועלט איצט בעסער?
עס זענען אויסגעלאָשן דורכן שנאה־שטורעם אַלע
ליכטער —

איינגעזויגן אַ וואַמפּיר אין יעדן שלייף איז —
אויגן צוגעמאַכט — אויף אויגן־לעפּלעך גרויל־געוויכטער:
רויטקייט... גוססדיקע זון צעפלאַמט אין חורבן־שריפות...
ס׳טוט מיר וויי ביז טויט, און ס׳איז געליימט מיר
יעדער אבר,

לוויה־מאַרשן שפּילן אויף אַנטוישונג.
עפן איך די אויגן אויף, און כ׳זע מיין צייט —
אַ קאַלטער ווערעמדיקער קבר,
און אַרום — אַרום — אַרום אַ שטורעם פונעם חושך!

צום יידישן דיכטער

יידישער פּאָעט,
אַז גערעדט — זאָל זיין גערעדט!
און נישט גערעדט בלויז,
בלויז געזאָגט.
אַזאַ מין טאָג אַ פּינצטערער
פאַר אונדז האָט נישט געטאָגט!
און נישט געזאָגט בלויז,
נאָר געטאָן!
און יעדער וואָרט
זאָל זיין אַ פאָן!
און נישט אַ פאָן בלויז,
נאָר אַ פלאַם,
און נישט אַ פלאַם בלויז,
נאָר פון פלאַקערן אַ ים —
אַ ים פון דעם פאַרניכטנדיקן שפּאַס,
אַן אָקעאַן
פון עוקר מן השורשדיקן האַס!
אָ, ברודער, יידישער פּאָעט,
אַ האַס —
וואָס נישט געזאָגט בלויז, נישט גערעדט,
נאָר פלאַקער אולטראַ־פיאָלעט,
וואָס אויסברענען מיט וואָרצלען וועט
דעם שולדיקן
און זיין
משונהדיקן חטא!

אויס מענטש!

פֿאַרשאלטן, גורל, זײַ, דו אין טאָן דײַן דעם געמײנעם,
פֿאַרשאָלטן אין דײַן איצטער, אין איצטערדיקן גאַנג,
וואָס האָסט אַ האָז דערשראָקן געמאַכט פֿון מענטש
פֿון אײנעם,
און פֿון דעם מענטשן צווײטן — אַ שטיקנדיקע שלאַנג...
גראָבט האָז פֿאַר זיך אַ קבר, און שרעק זײַן יעדער אבר,
שוואַך און אַפּגענומען, געשטאַרט, פֿאַראַליזירט —
וועט דען רחמנות האָבן אויף בײדע זײַ — אויף זײַ ווער?
אויף בײדע די פֿון שוואַכקײט פֿון זײערע פֿאַרפּירט?
געשטאַלט פֿון מענטש זײַ בײדע, זײַ האָבן איצט
פֿאַרלוירן —
צו געטלעכקײט פֿון מענטשן פֿאַרלוירן איז דער וועג:
די שלאַנג פֿאַר האָז האָט מורא, דער האָז פֿאַר שלאַנג
האָט מורא
אין אונדזערע פֿאַרפֿינצטערטע משוגענע די טעג...
רוימט האָז מיט הענט די צואה, פֿון זיך אַלײן מאַכט חוזק,
פֿאַר זיך אַ קבר גראָבט ער, דער אומגליקלעכער האָז,
מיט האַרץ און מיט נשמה פֿאַרקרעציקט און פֿאַרלײזיקט,
אין צוואַנגען פֿון די שלאַנגען, אין שלאַנגישן היפּנאָז...
און שלאַנגיש הויט עס ציטערט — פֿון אַלע זײַטן שרעקן,
פֿון אַלע זײַטן פּחדים — פֿאַר זיך אַלײן אַ שרעק!
עס וועט אויף יאָרן סטײען, עס וועט אויף דורות
קלעקן —
ווער ווײסט פֿון זײַ, ווען פּחד וועט זײַן וועג אַוועק...
גראָבט האָז פֿאַר זיך אַ קבר, און שלאַנג אין דרערד
פֿאַרגראָבן

צום אונטערגאַנג פֿאַרשאָלטן, צום אומקומען געבענטשט,
פֿאַרגעסן האָבןביידע, פֿאַרגעסן שוין זיי האָבן
און קענען נישט געפֿינען צוריק דעם זינען — מענטש!

מיידל מיט דער ליאַלקע

די זאַוויערוכע האָט זיך ווייט צעהוליעט,
אין קוימען פון דער כאַטע וויינט דער ווינט.
דאָס מיידעלע צום האַרצן דריקט און טוליעט
די ליאַלקע קליין: — „נישט טשעפּע, ס'איז מיין קינד!"
די זאַוויערוכע האָט זיך הויך צעוואָיעט,
אין קוימען שטאַרקער נאָך דער ווינט עס קלאָגט.
„זיי רואיק, ליאַלקעלע, דיין מאַמע זאָיע
אין דיר אַ בת־יחידה — איינס — פאַרמאָגט"...
די זאַוויערוכע האָט זיך אימהדיק צעשריגן,
דער ווינט אין קוימען, ווי אַ שלאַנג ער צישט.
— שאַ, ליאַלינקע, די מאַמע ט'דיך פאַרוויגן,
אָט זעסטו כ'האָב מיין טרער דיר אָפּגעווישט...
די זאַוויערוכע ברענט, אין פלאַמען איז די כאַטע,
און זעסט דער ווינט פון אַלע זייטן — צינדט...
— ווו זענט איר איצטער, מאַמע... מאַמע, טאַטע...?
מיט ליאַלקע כ'גיי אַנטלויפן — מיט מיין קינד...
די זאַוויערוכע רעוועט מיט די פלאַמען,
דער ווינט משוגע איז געוואָרן זע:
דער מלאך־המוות פליט מיט ווינט צוזאַמען,
ער פליט אַראָפּ העלדיש מיט זיין פיקע...
די זאַוויערוכע — אויסגעגאַנגען ממש
מיט ווינט אַנטלאָפן איז אין חושך — שוואַרץ —
און ליאַלקע האַלט איר לייוונט־הענטל מאַמיש
אויף זאָיעס דורכגעשאָסן קינדיש האַרץ!

הענט

די רעכטע האַנט געשפּאַנט — צו שאַפונג און צום טון,
די רעכטע האַנט געשטרעקט — באַגריסונג צו דער זון,
צום שלום אויסגעשטרעקט אין פריד־געפיל געגרויסט,
און אייזן פעסט צום פיינט — געביילט אין האַרטער
פויסט!

די לינקע האַנט ביים האַרץ צו האַרציקייט, וואָס נאָגט —
די האַרציקייט פאַרשענקט, און האַרציקייט זי מאָנט,
די צערטלעכקייט פאַרטיילט, מיט צערטלעכקייט זי גלעט,
ז'איז ווייך אין מילד־באַריר, ווען מאַן עס ווערט פאַעט...

דאָס פידלשע געזאַנג, מיט ליבע פול און צאַרט,
דעם ניגון ציט אַרויס די לינקע האַנט ביים הארץ,
און רעכטע האַנט געשטאַרקט, מיט נאַקעט־קראַפט
אַנטבלויזט,
דעם ניגון האַרט און שאַרף פאַר קאַמפסליד ברענגט
אַרויס!

און ס'טרעפן זיך די הענט, ביים אַרעמען, וואָס ליב,
ביים ווערגן שונאס האַלדז אין רגעס גרויזאַם, טריב,
אין פינגערשן געברעך, בעת יאוש און בעת צער,
און בעת דער תפילה שטום צום אייביקן דעם האַר!

וואַכזאַמקייט־אַלאַרעם

ס'איז יעדע רגע איצטער וואַכזאַמקייט־אַלאַרעם:
אַזוי — איז רויש פון יעדן שטורעם ווינט,
אַזוי איז קנאַל פון דונער אומדערבאַרעמט,
אַזוי איז דאָס געוויין פון קינד,
אַזוי איז רוף פון איטלעכער סירענע,
אַזוי איז שטילקייט, וועלכע שרעקן האָרכט,
אַזוי איז ס'שרייען פונעם שרפהדיקן ברענען,
אַזוי איז יעדער שטילסטער שאָרך,
אַזוי דאָס רוישן פון די טעלעגראַפן־זיילן,
אַזוי איז יעדער ליכטיקער און פינצטערער סיגנאַל,
אַזוי איז יעדער רגע־וועג אין ווייל־מיילן,
אַזוי איז יחיד איינזאַמער און גרויסער כלל.
אַזוי דאָס פייפן פון די לויפנדיקע באַנען,
אַזוי דער אָנזאָג פון דער שווימענדיקער שיף,
אַזוי איז ס'האַרץ אין דעם הבל־הבלימדיקן שפאַנען
צו יעדער הויך, צו יעדער טיף —
אַזוי אין טעג אין גרויזאַמע, מיט גרויל וואָס שפּאַרן,
ווו ס'האָט דער מענטש אַן אָנלען־אָרט,
אַזוי — דאָס עכאָ פון דעם אַלץ — דער וואַכזאַמקייט־אַלאַרעם
אין יעדן קלאַנג פון וואָרט!

נישטאָ קיין וועג צוריק...

— הער וואַכמייסטער! הער וואַכמייסטער!
— וואָס איז? איין אויגנבליק!
— הער וואַכמייסטער! הער וואַכמייסטער!
מען האָט מיך דאָ געשיקט...
— מען האָט געשיקט דיך אויסשפּירן
דעם נאָענטן וועג פֿאָרויס!
— הער וואַכמייסטער! הער וואַכמייסטער!
דער וועג עס לאָזט זיך אויס —
— ווער לאָזט זיך אויס?! וואָס ווייסטו וואָס?
וואָס האָסטו אויסגעטראַכט?
— הער וואַכמייסטער! הער וואַכמייסטער!
נישט גוט האָט זיך געמאַכט...
— וואָס טראַכסטו אויס? וואָס קלערסטו אויס?
פֿאָרויס מיר שפּאַנען דאָך!
— הער וואַכמייסטער! הער וואַכמייסטער!
אַלץ שנעלער קומט די בראָך!
— נאָך רעדסט אַ וואָרט — דערשיס איך דיך,
דערשיס איך, ווי אַ הונט!
— הער וואַכמייסטער! הער וואַכמייסטער!
דער אָפּגרונט האָט אַ גרונט!
ס'איז אויפגעריסן יעדער וועג
און חרוב יעדע בריק,
הער וואַכמייסטער! הער וואַכמייסטער!
נישטאָ קיין וועג צוריק!

פאַרגעדענקען און נישט שענקען

קיין חיה רעה האָט מען נאָך נישט לעבעדיקערהייט
באַגראָבן,
ווי דאָס מיט אונדז געטון זיי האָבן,
קיין פי און רינד מען האָט נישט לעבעדיקערהייט
געשניטן בריסט,
ווי זיי געטון עס האָבן אינעם מאַרדלוסט וויסט.
קיין חיה, קיין בהמה האָט מען לעבעדיקערהייט נישט
אַראָפּגעהאַקט און אָפּגעשניטן גלידער,
ווי זיי — זיי האָבן עס געטון מיט מיינע ברידער.
קיין נפש לעבעדיקן האָט מען נישט געשניטן לייבער
שטיק ביי שטיק,
ווי זיי, זיי האָבן עס געטון באַהאַוונט, באַלמעלאָכיש
און געשיקט.
קיין חיה רעה האָט מען לעבעדיקערהייט נישט
אויף דער העלפט געריסן,
ווי זיי, זיי האָבן עס געטון מיט אונדז, די כלבים־ריטער
אָן געוויסן,
מען האָט נאָך לעבעדיקערהייט קיין שרצים נישט געזעגט,
ווי זיי — זיי האָבן עס מיט אונדז צו טון געפלעגט...
קיין שלאַנג אַפילו האָט מען לעבעדיקערהייט קיין
אויגן אויסגעשטאָכן —
ביי זיי איז עס געווען אַ מעשה שבכל־יום — אַ יום־טוב
אין דער וואָכן
ווען האָט מען לעבעדיקערהייט געהאָנגען ביי דעם
גאָרגל אויף אַ האָק,
ווי אין טעג אין אונדזערע — אין פינצטער־שטאָק ?

װען האָט מען עס דאָס מענטשן־לײב אין חלב־ליכט
און זײף פֿאַרװאַנדלט
און צום פּרײז „פּראָ פֿינפֿציק מאַרק אַ לײכע" געהאַנדלט ?
װער האָט פֿאַרנומען זיך — אַ װאָסער פֿאָלק,
אַ װאָסער לאַנד,
אַ פֿאָלק אַ גאַנצן איבערענטפֿערן צו חוזק און צו שאַנד ?
װער האָט פֿאַרנומען זיך — צו אױסראָטן אונדז אַלע
זיך געקװאַפּעט
דורך מאָרד און בראַנד — להשמיד, להרג ולאבד ?
מיר װײסן גוט און װעלן׳ס אױף דור־דורות פֿאַרגעדענקען
און — נישט שענקען !

ווײַס־שוואַרץ

די מאַרליע אַזוי ווײַס — אַ ווײַסער קרעפּ;
די ווײַסקייט מײדלשע — קלאָרער אַלאַבאַסטער,
אַ רויטע ווערט אויף בלוטנדיקע קעפּ,
וואָס ווערט שטילער און פאַרבלאַסטער.
אַריבער קעפּ עס בייגן זיך אין צער
די אויגן מילד, די שוועסטערשע, די ברעמען,
און הענט, וואָס זענען צאַרט און וווּנדערבאַר
וואָס פּיין אַזוי פיל קענען איבערנעמען!
— ס'טוט ווי דיר, ברודער מײנער, ס'טוט דיר ווי,
טאָ לען זיך אָן אין מיר איצט פעסטער, פעסטער,
יאָ... גרינער גראָז איז עס... דײן ווײַב... דײן שוועסטער...
און ווײַס עס איז אַרום — נישט טראַכט פון טויט —
עס איז אַ ווײַסע וועלט — אַ שטילע און אַ ווײַסע,
וואָס אויסגעקעמפט דו האָסט מיט בלוט און רויט —
פון דיר, מײן העלד, די וועלט דערציילט אַ מעשה...
אַ ווײַסע וועלט, ווּ מענטש צו מענטש איז פרײַנד,
ווּ פעלקער ברידערלעך, און נישט פאַרקויטיקט...
זע, טאָג אַ ווײַסער האָט דאָך אויפגעשײַנט —
נאָר דער באַנדאַזש דער ווײַסער — מער נישט נייטיק...
אין ווײַסקייט ביסט אַוועק — אַוועק דײן האַרץ;
פון אָדלער איז אַ ווײַסע טויב געוואָרן! — — — —

באַגלייטן אויגן דיך פאַרדעקט מיט שוואַרץ —
מיט שוואַרץ געמיט און שוואַרצן קרעפּ אויף ארון!

דער לאַנדקנעכט טראַכט

כ׳האָב ווייט פון דאַן אַ לאַנד געהאַט!
און ס׳לאַנד איבערגעלאָזט,
אַוועק בין איך אין לאַנד, וואָס פרעמד
אויף ברען פון זון און פראָסט.
כ׳האָב אין מיין לאַנד אַ היים געהאַט,
בין איך פון איר אַוועק,
און דאָ איז פרעמד מיר יעדער שפּאַן,
פון יעדער טיר יאָגט שרעק.
כ׳האָב אין דער היים אַ ווייב געהאַט,
אַוועק בין איך פון איר,
איז דאָ מיין קומען צו אַ פרוי
אי זנות, אי שאַנד־באַריר!
כ׳האָב פון מיין פרוי געהאַט אַ קינד
בין איך אַוועק פון אים,
און דאָ אויף קינד וואַרפט אָן אַ שרעק
מיין אויסזען און מיין שטים...
איך האָב אַ לאַנד, אַ היים געהאַט
אַן אייגן ווייב, אַ קינד —
בין איך פון זיי אַהער אַוועק,
איז אַלץ אַוועק מיט ווינט!
איז אַלץ אַוועק מיט וויי און ווינד,
און ווערט באַדעקט מיט ראָסט —
און ס׳לעבן, וואָס איך האָב געהאַט,
האָט איצט זיך אויסגעלאָזט!

ווינט — ווידערשטאַנד

דער ווינט האָט אויפגעהויבן זיך פון אַלע זייטן,
ער טראָגט זיך אום משונהדיק, ער לעשט און צינדט —
געשפּענסטער־רייטער פונעם כף הקל עס רייטן.
וואָס ס׳טראָגט דעם קערן „גוט״ אין אַלטער וועלט —
פאַרשווינדט.
ס׳פאַרשווינדן מיט דער שטאָט און דאָרף די פיל מיליאָנען,
געגליכן צו געקוילעטע די שאָף און רינד —
דער הערשער איבער מענטשן־גייסט איז — איין סכנה,
אין שפּיל דער ווילדעסטער, וווּ קיינער נישט געווינט...
וווּ בלויז פאַרשפּילן קענען אַלע די פאַרטנערן,
אין שפּינעכץ אייגענעם פאַרפּלאָנטערט איינגעשפּינט —
רייסט ווינט דער אויפגעהויבענער פון האַרץ אַרויס
די שטערן,
עס בושעוועט צעיושעטער דער תקופה־ווינט...
דער ווינט האָט אויפגעהויבן זיך און בייגט צו דר׳ערד צו
און דריקט אין דר׳ערד אַריין — אין קבר — פאָלק
און לאַנד.
דאָס איבערלעבן וועלן מוטיקע די הערצער,
וואָס ווייסן ווי דעם ווינט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד!

אָראַנגוטאַנגען־מאַרש

שאָסטאַקאָוויטשן

דאַמבאַ־דאַמבאַ, דאַמבאַ־דאַמבאַ
מיט דער פּויק פון טאַמטאַמען,
מיט די אויפרייסן פון באָמבן
גייען זיי און לופט פאַרסמען...
שפּאַנען די אָראַנגוטאַנגען,
לאַפּעס אויסגעשטרעקט אין פויסטן,
פון אַ וואַלד אַרויסגעגאַנגען
מיט דער חרפּה, דער אַנטבלויזטער...
אויפגעברויזט און אויפגעיוירן,
אויפגעכראַסטעט, אויפגעבונדן,
יעדע שפּראַך פון מענטש פאַרלוירן,
יעדער זין פון מענטש פאַרשוווּנדן...
אויף די ווונדן זאַלץ זיי שיטן,
קעפּ פון מענטשן זיי סקאַלפּירן
מיט די פּאַראַזיטן־זיטן,
וואָס נאָך מענטשן־בלוט זיי גירן...
שפּאַנען פונעם גרויל געפּאַנגען
און גערירט אויף די געהירן —
ווילדע וואַלד־אָראַנגוטאַנגען
רייען אייזערנע מאַרשירן...
דאַמבאַ־דאַמבאַ, דאַמבאַ־דאַמבאַ
מיט אַ פּויקערישער מאַניע,
מיט געוואַלד־געליאַרעם־באָמבן
פונעם דזשונגל־וואַלד — גערמאַניאַ!

פון פריער אויס

ווער ס׳האָט מיט שאַרפן אויג געזען,
געזען האָט זיי מסוכן:
זיי האָבן נישט געהאַט דעם מוט
אין אויגן גלייך צו קוקן.
שגעון, אָדער בראָנפן שטאַרק
דעם בליק האָט זיי פאַרצויגן:
מע האָט פאַרמשפּטקייט געזען —
ביי זיי אין העלע אויגן...
זיי האָבן הילכיק געמאַרשירט
און דונערדיק געדרשנט,
האָט פויק געפויקט, געשאַלט טראָמפּייט
אין זיגערישע מאַרשן.
ווער ס׳האָט מיט אויער שאַרף געהערט
ס׳געפילדער בגילופין,
דער האָט געהערט פון אונטערגאַנג,
פון **ס. אָ. ס. די** רופן...
ווער חוש הריח שאַרפן האָט
און קען אויף ווייט דערשמעקן,
געשפּירט האָט איבלדיק געשטאַנק
פון זיי — די טויטע שרעקן.
געשטונקען האָט פון זייער זיין —
אַ חרפּה צו דערציילן —
געסרחעט האָט פון זיי אויף מייל
מיט ווערעם פון נבלה!

זעלנער און טויט

פון שריפות איז דער הימל רויט,
פון זונען־אונטערגאַנג —
לעם זעלנערס זייט עס שטייט דער טויט,
ער וואַרט, ער וואַרט צו לאַנג...
דער זעלנער איצט אַ טאָגבוך שרייבט
ביים אומגליק אין דער צוואַנג —
אַ בלייכער זכר, מיינט ער, בלייבט,
און דאָס איז זיין פאַרלאַנג!
אַזוי פיל שוין פאַרגאָסן בלוט,
אַזוי פיל גרויל געבראַכט!
ווּ נעמט דער מענטש אַזוי פיל מוט
צו דעם נישט־דאַ־געדאַכט?
אויף הפקר איז געבליבן היים
און יונגע ווייב און קינד,
ער איז נישט מער אַ שטיק פון ליים,
געשליידערט אויפן ווינט...
שטייט טויט ביי זייט און קוקט אַריין
אין זעלנערשן געשריפט —
ער שווייגט מיט שריפהדיקן שיין,
וואָס בלוט אויף וואָרט עס טריפט.
און אַז דער זעלנער פרעגט — מיט וואָס
זיך ענדיקן וועט אַלץ —
דאַן גיט זיך טויט צו אים אַ לאָז
און שטיקט אים ביי דעם האַלדז...

האַמלעט — איצט

שטייט האַמלעט ווידער אויף דער שוועל פון קאַטאַסטראָפן
אין ברייטן דעם ירושה־מאַנטל איינגעהילט,
די אויגן זענען בלינד, כאַטש אויפגעריסן, אָפן —
אין זיך אַריינגעטיפט זיי וואָגלען, וואַנדלען ווילד.
אַזוי פיל שאַרבנס אין דעם קבר אויסגעגראָבן,
מיליאָנען שאַרבנס חרוב — אין דער גאָרער וועלט,
וואָס אַלע וועגן אויף פּאָרויס, צוריק זיי האָבן
אָן שום באַוואָרענישן איצטער אים פאַרשטעלט...
די קבר־ווערעם פרעסן אים זיין קאָפּ לאַנגהאָריק,
זיי זענען מאַרך געוואָרן אים, וואָס שאַרף און אָנגעשפּאַנט ;
ער קוקט אויף שאַרבן אין זיין האַנט : — „ס'איז
נעבעך יאָריק ? !"
— „יאָ, ע ר איז עס !" — עס ענטפערט צייט —
דער קברות־מאַן.
ואלה שמות : דאָס איז פון ל יי ב נ י צ ן דער שאַרבן,
וואָס האָט געחלומט פון דעם פרידן אומעטום —
דעם חלום, וועלכער גוססט, האַלט אין איינעם שטאַרבן
אין די פאַרלאַנגען און אין מעשים גוט און פרום...
און דאָס־אָ זענען שאַרבנס פון די קעפּ באַקאַנטע,
באַלויכטן האָבן בליצן זייערע די נאַכט :
דער שאַרבן פון פאַרנונפט דער קלאָרער — אָט
פון ק אַ נ ט ן,
וואָס האָט געבוירן העגלען, וואָס האָט מ אַ ר ק ס
געבראַכט.
אין טראַכטן אויפגעבראַכט ווערט האַמלעט פון די טענות
פון זיינע אייגענע — אין קבר מיט די פיס —

די פראַגע איצט: נישט יאָ צו זיין, צי נישט צו זיין איז,
נאָר פראַגע איבער אַלע פראַגן, צי מען א י ז!

אַ שאָד דער יאַט...

דאָס איז אַ טרויעריקע זאַך,
איר'ט מסכים זיין אַוודאי:
געשטאַנען געץ איז אויף דער וואַך
פאַרטראַכט, פאַרמוטשט גראַדע...
ער האָט געקלערט און זייער קלוג
אין פלען געזען זיך נעמען:
ער האָט דעם קריג שוין גאַנץ גענוג —
צו וואָס? פאַר וואָס? פאַר וועמען?
ער האָט געקלערט — פאַר וואָס די שטראָף?
פאַר וואָס אים קומט דאָס שמאַכן?
געקלערט: ס'איז אין לדבר סוף
צו אַלע זיבן זאַכן...
ער האָט צוויי הענט, געזונטע הענט
צו לעבן און צו ליבן —
די זאַכן האָט ער קוים דערקענט
און איז אין קריג פאַרטריבן —
האָט ער געטראַכט, און זייער קלוג:
„אין זיג איך האָב קיין גלויבן,
איך האָב אים שוין, דעם קריג גענוג,
כ'וועל גיין די הענט געהויבן"...
נאָר ס'האָט אים הענט אַ האַנטגראַנאַט
אַראָפּגעריסן גראַדע...
אַ שאָד דער געץ — אַ שאָד דער יאַט,
„איין זעהר גראָססע שאַדע!"

וועגן וואַשן בלוט...

אַנטקעגן דעם וואָס איר, פרוי טרודל, שרייבט
צו אייער מאַן דעם לעאָנאַרד אויפן פראָנט,
אַלס ליבע מוטער און אַלס טרייע ווייב,
און קעגן דעם, וואָס איר אין בריוו באַטאָנט,
אַז אויב די בגדים וועלן זיין פאַרשמירט
צי איינגעשמוצט אין אונדזער הייסן בלוט
טאָ לאָזט זיך וואַשן עס... איר האָט פרובירט...
אָ, ליבע גנעדיקע מאַדאַם גערטרוד,
איז קעגן אויסוואַשן דאָס הייסע בלוט
איך וויל אייך וואָרענען, פרוי טרודל, זיס,
אַז ס'וואַשט זיך נישט מיט וואַסער אַזוי גוט
איך ווייס עס, ליבע פרוי, און אויף געוויס...
מיט כעמיקאַליען איז עס אויך קיין פלאַן
ס'הייסט, כעמיש וואַשט זיך אויך דאָס בלוט נישט אויס —
דאָס איבעריקנס ווייסט שוין אייער מאַן,
וואָס קען נישט ליידער שוין צוריק... צו הויז...
דער לעאָנאַרד, אייער מאַן, ער איז שוין טויט,
אים איז שוין גוט : אים טוט שוין גאָרנישט וויי ;
ער האָט, פאַרשטייט איר מיך, מיט בלוט וואָס רויט,
מיט בלוט זיינעם, געוואַשן אונדזער שניי...
איז קעגן דעם, פרוי טרודל, וויסן זייט
און וואָס איך זאָג מיט האַרץ און שכל הערט :
דאָס בלוט אויף וואָל, אויף לייוונט צי אויף זייד —
דאָס בלוט מיט בלוט נאָר אָפּגעוואַשן ווערט...

פאַרזיי 1942

אין פרילינג ניינצן־צוויי־און־פערציק,
אין אימפעטיקן ווינט־געדריי
באַזונדער אימהדיק און שמערציק
געווען איז דער פאַרזיי...
מיר האָבן פעלד פאַרזייט מיט גופים
פון שונא אונדזערן, וואָס וויסט —
צו דעם יושר האָט גערופן,
ס'האָט פעלד געדאַרפט דאָס מיסט!
האָט בלוט געגאָסן זיך — אַ מבול,
עס איז געווען אַ בלוטפאַרפלייץ,
געקאָרטשעט האָט זיך דער מחבל —
די שפין — דער האַקנקרייץ...
אַליין אויף זיך האָט טויט גענומען
דער שונא אין שגעון זיין:
צו ערד צו אונדזערער געקומען
און אין דער ערד אַריין!
אין פרילינג ניינצן־צוויי־און־פערציק,
אין אימפעטיקער קריג־זאַוויי,
באַזונדערס אימהדיק און שמערציק
געווען איז דער פאַרזיי —
פאַרזייט מיט דייטשישער נבלה
מען האָט דאָס סלאַוויש ברייטע פעלד —
וועט שפּעטער האָבן צו דערציילן
פון גליק די גאַנצע וועלט!

די „סטרומאַ״

די „סטרומאַ״, אין דערטרונקען געוואָרן דורך
אַן אומבאַוווּסטער קריגסשיף — האָבן
געמאָלדן די דייטשן — דעם 24 פעברואַר 1942

פון רומעניע זיבן הונדערט פופציק יידן
שווימען מיט דער „סטרומאַ״ — אַ בולגאַרישע שיף:
אין דעם שוואַרצן ים די כוואַליעס זידן,
אויפגעקאָכט אין שוואַרצן ים עס איז די טיף.
ס׳לויפן יידן פונעם דייטש און פון רומעניע —
הונגעריקע שטאַרבן אויס אַ יעדן טאָג,
— נאָר ס׳איז דאָך דער טאָג אי לויטערער, אי שענער,
ווייל ער זעט נישט נאָענט די חרפה און די פלאָג;
ווייל ער זעט נישט פנימער פון האַס צעדרייטע
אין קאָנווולסיעס־ספּאַזמען פונעם מאָרד —
זיבן הונדערט פופציק יידן שרידי פליטה
האָבן נישט אויף דער יבשה איצט קיין אָרט...
שוואַרצער ים אויף רוקן האָט גענומען
נע־ונדניקעס און טראָגט זיי צו אַ ברעג,
קאָכט און זידט דער ים, נאָר רואיק שווימט די „סטרומאַ״
פירט אַוודאי אין אַ נייעם גוטן וועג...
אין אַ נייעם וועג דורך אָפּגאַנג אין די בלוטן,
גומל בענטשן יידן — פטור איז מען צער —
הונגעריקע די געמיטער, נאָר באַרוטע —
גאָט צו דאַנקען, גאָט צו לויבן איז דערפאַר!
און זיי דאַנקען טאַקע גאָט און טאַקע לויבן
פון דער טיף פון האַרצן, פון דער סאַמע טיף,

נאָר אין מיטן, פון טאָרפּעדאָ־שטויס געהויבן,
זינקט אין שוואַרצן קאָכעדיקן ים די שיף!

אויסוועג

פאַרבלענדט פון אַ פיקס־אידעע,
דורך אומזין און דורך שנאַפּס גערייצט,
מאַרשירן זיי מיט ווילד־געשריי
און מיט דעם שוואַרצן האַקנקרייץ.
אויף פאָן קאָלירן זענען דריי:
דער האַקנקרייץ איז שוואַרץ ווי טויט,
אין קרייז — איז ס׳ווייסע (הלמאי?)
אין ראַנד דאָס רויט, ווי בלוט איז רויט...
ס׳איז אַלץ אַוועקגעשטעלט אין קאָן
פון ווילד־געפיל דאָס אָפּגעגאַרטס —
קאָלירן אַלע פון דער פאָן:
פון רויט פון האַרץ, פון ווייס און שוואַרץ;
און יאָרן דויערט שוין די שלאַכט
וואָס ברענגט מכלומרשט זיג נאָך זיג,
בעת אַלץ איז דאָס נאָר אויסגעטראַכט,
בעת אומגליק קומט גאָר אַנשטאָט גליק,
טאָ זע, סאָלדאַט, וואָס האָסט צו טאָן,
און טו עס גלייך, ווי מען באַדאַרף,
אויב פאָטער ווילסטו זיין און זון,
טאָ תיכף נעם ס׳געווער און וואַרף —
ווייל דורכגעשאָסן איז דאָס שוואַרץ,
דאָס טריפה רויט איז שוין פאַרברענט,
טאָ נעם זיך אָן אַ קראַפט אין האַרץ
און מיט דאָס ווייסע הייב די הענט!

אומזיסט

פון שיינע פרעסט, פון טיפע שנייען,
אַהיים געקומען מיט טראָפּייען
איז אָטטאָ לאָוז אַהיים,
און ס'פייניקט אים אַזאַ געדאַנק,
(עס טרעפט אַ מאָל ביי אים עס צאַנקט)
אַזאַ געדאַנק געהיים:
געבראַכט טראָפּייען קאַסטנס גאַנצע,
חוץ לאָרבער־קרענץ וואָס אים באַקראַנצען
מיט אַ מאָראַליש רייץ;
מיט אָפּשריפטן פון לויבבאַפעלן,
אַז ער איז גוט און וויל געפעלן
און אויך — אַן אייזנקרייץ...
געבראַכט אי שיך, אַ צענדליק הויזנס
פון ריינעם וואָל, פון וואָל פון בלויזן,
און העמדער גאַנצע טיץ...
נאָר וואָס־זשע נוצן די טראָפּייען,
אַז אַלע זיי לאיבוד גייען —
עס קומט אים נישט צונוץ ?...
ווי קען עס אים דאַן וויל באַקומען,
אַז פונעם „אָסט" צוריקגעקומען
ער איז אַן הענט און פיס...
פון שווערע פרעסט, פון טיפע שנייען
אַהיים געקומען מיט טראָפּייען,
און ס'איז געווען אומזיסט...

דריי סיבות

דער שניי איז ווייס, און — ווייס דער קאָפּ
ביים זעלנער פרידריך פּרויס,
די אויגן זינקען אים אַראָפּ,
זיין שטאָלץ און קראַפט איז אויס.
— איר, דייטשער זעלנער, פרידריך פּרויס,
די סיבה וואָס — דערקלערט,
וואָס איר צו אייער טייל אַרויס
האָט זיך נישט אומגעקערט.
פאַר וואָס אַוועק אין מיטן שלאַכט ?
וואָס האָט איר אים פאַרגאַפט ?
וואָס האָט אייך דאָ צו אונדז געבראַכט
אין דער געפאַנגענשאַפט ?
זאָגט פרידריך פּרויס דער זעלנעריונג,
וואָס מיט דעם גרויען קאָפּ —
אין אויג ביי אים בליצט אויף אַ פונק,
ער דרייט זיין מעשן קנאָפּ —
און זאָגט אַזוי : — כ'האָב סיבות דריי,
וואָס מיר געגעבן קראַפט
אַרויסצוגיין פון שעפסן־ריי
צו דער געפאַנגענשאַפט...
איינס : לעבן וויל איך... נישט פאַרשעמט,
מיט גרויסער פולער מאָס ;
צוויי : שטאַרבן כ'וויל נישט אין דער פרעמד
און דריי : דאָס אַלץ — צו וואָס ?

פּאַראַפראַזע

געווען אַ ליד „די וואַכט אַם רהיין"
האָט רהיין געקלונגען ריין און שיין,
ס'האָט, זאָגט מען, שיין געקלונגען!
און ס'פּאָלק האָט עס געזונגען!
און רהיין געווען איז טאַקע ריין —
אַזוי געדאַרפט מען האָט פאַרשטיין,
נאָר איצטער איז'ס לעגענדע,
די זאַך האָט זיך געענדערט...
געזונקען איז דאָס פאָלק אין שאַנד,
אין מאָרד איז שולדיק יעדע האַנט,
אין בלוט איז עס געטונקען,
געזאָפּט און אָנגעטרונקען...
פאַרלוירן האָט עס זיך פאַר גליק,
כאָטש ס'איז געקומען זיג נאָך זיג,
כאָטש ס'האָבן וועלטן־נאַרן
געבלאָזן אין פאַנפאַרן...
געווען אַ ליד: „די וואַכט אַם רהיין"
וואָס איצט פאַרלוירן האָט דעם חן,
וואָס וועלט — געווען מבזה —
קומט איצט די פּאַראַפראַזע:
געווען אַ ליד: „די וואַכט אַם רהיין"
האָט'ס ריין געקלונגען, ריין און שיין,
דעם ליד דאָס רעכטס זיינס טוט'ס
און זינגט: „די וואַכט אַם... שמוץ".

ס׳איז אַ געדאַנק!

דריי אַפּיצירן, העלדן דריי:
דער האַנס, דער היינץ, דער אָטטאָ
אויף מיאוסער געשיכטע גאַנץ
זיי האָבן שוין חרטה...
געשיכטע מאַכן האָט געוואָלט
דער אומזין אומגעריכטער
און דאָ אַרויסגעקומען איז —
אַ מיאוסע געשיכטע...
דער היינץ, דער אָטטאָ און דער האַנס
פּאַר ברענגען חמרים־שאָדן
מיט העלדן־אייזנקרייצן פול
זיי זענען שווער באַלאָדן.
אַריין זיי זענען אין דער זינד,
אין זומפּ, אין טיפער בלאָטע —
טאָ וואָס־זשע זאָלן איצטער טאָן
דער האַנס, דער היינץ, דער אָטטאָ?
וואָס טוט מען ווייטער? ווי אַרויס?
עס טראַכטן אָפּיצירן —
משוגע ווערן קען מען דאָ,
מען קען די קעפּ פאַרלירן...
און אויפגעכאַפּט האָט דעם געדאַנק
דער גורל ביי די אוי׳רן...
און בוכשטעבלעך די העלדן דריי
עס האָבן קעפּ פאַרלוירן!

סך־הכל

געציילט האָט הונדערט פערציק מאַן
דער בראַווער עסקאַדראָן
מיט בראַוועו הונדערט פערציק פערד
און עסקאַדראָנען־פאָן...
דער עסקאַדראָן אין שטורעמלויף
געלאָזט האָט זיך — גאַלאָפּ,
געלאָפן איז, געפלויגן איז:
אַ האַנט, אַ פוס, אַ קאָפּ...
און נישט דערפלויגן צו דעם ציל
מיט דער אַנטבלויזטער שווערד —
מגולגל אין אַ ווילדער מיל
דער הימל און די ערד...
און ס׳פליט דער הימל און די ערד
אין שטורעם, אין גאַלאָפּ!
און אַלץ האָט זיך איבערגעקערט —
געשטעלט זיך אויפן קאָפּ...
און סטאָפּ!... אַרויסגעהאַקט די שווערד —
און איצט, וואָס הייבט מען אָן?
געבליבן איז איין מאַן, איין פערד
און עסקאַדראָנען־פאָן...
געציילט האָט הונדערט פערציק מאַן
דער בראַווער עסקאַדראָן
און בראַוועו הונדערט פערציק פערד
מיט עסקאַדראָנען־פאָן...

נו, גוט...

נו, גוט, באַפֿאַלן זענט איר, צענדליקער, מיך איינעם,
ווען ס'האָבן זיך די קוילן מיר שוין אויסגעלאָזט —
איר האָט דערגרייכט אַ רעזולטאַט אַ שיינעם:
און נעמען מיך — אַן אויפֿגאַב איז געווען פּראָסט...
נו, גוט, איר וועט מיר הענט און פֿיס פֿון קערפּער האַקן,
איר וועט מיר אויסשטעכן די אויגן פֿון מיין קאָפּ,
איר וועט סקאַלפּירן מיך, דעם קאָפּ אויף שטיין
צעקנאַקן —
איר וועט מיר אויסצאַפּן די בלוטן טראָפּ נאָך טראָפּ.
נו, גוט, איר וועט מיך ברענען, בראָטן, שניידן, שטעכן —
מיט צונג מיט מיינעם פּרוּוון אויסרייסן אַ וואָרט,
איר וועט מיר אַלע ריפּן מיינע פּרוּוון איבערברעכן,
צי מיינט איר טאַקע, אַז ס'וועט רירן מיך פֿון אָרט ?...
נו, גוט — איר וועט אכזריותדיק מיין לייב פֿאַרשמייסן,
איר וועט מיך רעדערן און פֿערטלען מיר מיין לייב,
איר, גוט־באַקאַנטע, טרויעריק־באַרימטע פּרייסן,
וואָס מענטשן־מאַטערניש ביי אייך איז צייטפֿאַרטרייב.
נו, גוט — איר וועט מיך שיסן, הענגען און פֿאַרברענען
און וועט מיין אַש צעשטויבן אויפֿן ערשטן ווינט,
איר וועט אַלץ טאָן, וואָס אויסוווּרף־לוסטמערדער עס
קענען —
איר וועט זיך זעטיקן צום מייקענען מיט זינד...
נו, גוט — איר וועט מיך אומברענגען אין פּיין און שמאַכטן,
קיין סימן וועט איר איבערלאָזן פֿון געביין...
ווי וועט איר אָבער הרגענען מיין טיפֿע פֿאַראַכטונג,
מיין אייביקן האַס צום לעבן אייערן געמיין ?

פאַרשפּאָרט צו טראַכטן

דער געלער גאָטפריד לייענט אויפמערקזאַם דעם בריוו,
וואָס ס'שרייבט זיין ווייב די דיקע בלאָנדע מאַרטע:
— ווי לאַנג נאָך? — שרייבט זי — ווייַ, דו האָסט
נישט קיין באַגריף...

איך האָב קיין כוח לענגער שוין צו וואַרטן...
נישט מעגלעך איבערטראָגן פון דעם קריג די לאַסט:
דער צער, די זאָרג דערהרגעט דאָך אונדז אַלע
און יעדער נייער זיג — ווי מ'וואָלט פון אונדז געשפּאַסט —
דעם הונגער און די נויט מאַכט אַלץ ברוטאַלער!
אויך דו, מיין גאָטפריד ליב, האָסט אָפּגעפּרירט די פיס...
וואָס וועסטו טאָן אין קריג מיט פיס געפרוירן?
מען דאַרף פאַרבייטן דיך — דאָס איז דאָך נישט גערעכט...
אָ, שוין־זשע איז שוין אַלץ, אַלץ פאַרלוירן?
עס קייקלט זיך אַ טרער און ווערגט מיך ביי דעם האַלדז:
וואָס זאָלן מיר דען טאָן, וואָס זאָל מען מאַכן?
מוז אומקומען דען אַלץ, מוז טויט פאַרדאַרבן אַלץ?
מוז טאַקע ס'פאָטערלאַנד אין אומגליק קראַכן?!
ס'איז שרעקלעך, גרויזאַם, אויף יעדער דייטשער שוועל
און — בעסער נישט צו טראַכטן, נישט צו קלערן,
אַ תל פון אונדז געמאַכט, געמאַכט אַ וויסטן תל,
אויס, גאָטפריד, ס'איז משוגע דאָך צו ווערן...
דאָ שטעלט זיך גאָטפריד אָפּ: דערלייענט נישט דעם בריוו...
— וואָס ווייסט די מאַרטע דאָרט? ער מוז זיין זאַך טאָן...
כאָטש אפשר זי גערעכט... איך האָב נישט קיין באַגריף...
אים טרעפט אַ קויל אין קאָפּ: פאַרשפּאָרט צו טראַכטן!

קאַשמאַר

אַז אונדזער צייט די איצטיקע וועט זיין שוין לאַנג
פאַרגאַנגען
אין דער געדעכעניש, אין טויטע אותיות שטאַרן,
וועט בלייבן לעבעדיק זי אין געזאַנג געפאַנגען,
און אין די פינצטערסטע, די גרויליקסטע קאַשמאַרן.
אין די חלומות אונדזערע אין חושכע און וויסטע,
מיט אויסטערליש־פאַנטאַסמאַגאָרישע צעיושעטע די
חיות —
זיי וועלן קומען מיט אַ וואָיענדיקער, בילנדיקער מיסטיק
אין הוראַגאַנען־זאַוויערוכעס פונעם כאַאָס.
עס וועלן אַנגסטן אונדז באַשלאָגן קאַלטע, טויטע,
דער אָטעם וועט זיך אין די לונגען אונדזערע דערשטיקן,
עס וועלן רונצלען אונדז די הויטן,
עס וועלן אָפּפאַלן פון לייב און לעבן שטיקער.
מיר וועלן גרוי ווערן, גרוי און אַלט אין חלום,
וואָס וועט די צייט אונדז די שרעקלעכסטע דערמאָנען.
עס וועט שוין פריי זיין, אַ פרייד אַן אמתע און שלום,
און דורות שפּעטערע אין דעם קאַשמאַר
עס וועלן אַלץ נאָך קרעכצן:
— דייטשן... דייטש... גערמאַנען !...

דער וועלט־באַגראַבער

ס׳האָט פאַר דער וועלט אַ גרויסע גרוב —
געווער פון העכסטער פראָבע —
אַ גרויסע גרוב, דער גרויסער קרופּ
האָט ברייט און טיף געגראָבן...
אַרומגענומען ט׳גאַנצע וועלט,
באַגראָבן אַלץ באַפוילן,
אין שפּיץ פון גרעבער זיך געשטעלט
און אָנגעשיט די גרוילן!
די בערג פון גרוילן אָנגעשיט
אויף שווידערלעכן אופן.
טאָ פונעם גיהנום הייס־צעגליט,
ווו קען מען דען אַנטלויפן?...
און אומדערמידלעך האָט די האַנט
געגראָבן טיפער, טיפער
ביז אָפּגרונט האָט פון שפּאָט און שאַנד
צעטומלט די באַגריפן...
ביז קרופּ אַליין — אַ שווערער שטיין —
אין גרוב עס איז געפאַלן,
אין גרוב — יסורים און געוויין —
געוואָרן איז פאַרפאַלן...
ביז גראָבנדיק די גרויסע גרוב
אין לעצטע אַנגסטן־שווייסן
איז אומגעקומען ער, דער קרופּ,
און ווי זיי דאָרטן הייסן...

די בלויע דיוויזיע־געשיכטע

פון שפּאַניע פון ווייטן, פון גוואַדאַלקוויוויר
געקומען אין אונדזערע קאַנטן
עס זענען געקומען — זיך טאָן אַ פּרוביר
צוועלף טויזנט די רויבער־בירבאַנטן.
גנבים און שווינדלער, געהויבן די קעפּ,
גאָר ריטערלעך וואַזשנע געהויבן,
עס האָט זיי דער דייטשישער שווינדל פאַרשלעפּט
אַהערצו צו מאָרדן און רויבן...
זיי זענען געקומען זיך טאָן אַ פאַרמעסט
אויף אונדזערע וועגן די פרייע,
מונדירן די בלויע געפּאַסט און געפּרעסט —
אַ בלויע באַנדיטן־חבריה.
אַ בלויע באַנדיטן־דיוויזיע פון ווייט,
פון שפּאַנישע הימלען די קלאָרע —
בלויז דאָנען, הידאַלגאָס, בלויז איידעלע לייט —
סעניאָרן, סעניאָרן, סעניאָרן....
אוי סאַנטאַ מאַריאַ, וואָס האָט דאָ פּאַסירט,
וואָס ס'קען אַלץ אין רוסלאַנד פּאַסירן,
זיי האָבן פאַרלוירן דאָס לעבן, פאַרפירט
צוזאַמען מיט בלויע מונדירן...
די בלויע דיוויזיע, גזלנים איינס־איינס,
ווער האָט זיך געקענט אויף דעם ריכטן,
זיי זענען, אַלס קליין עפּיזאָדל — אַ קליינס
אַריין אין דעם טויט און געשיכטע.

כאַפעניש

עס האָט די צייט פון אונדז געשאַפט,
אַזאַ מין בייזע שוואַרצע קראַפט,
אַ פינצטערע אויף גאָרער וועלט,
וואָס וואַקסט אָן שיר, אָן אויפהער שוועלט —
און ס׳איז די קראַפט, וואָס רוי און ווילד
צום ציל צום איינציקן געצילט:
פאַרכאַפן, אויסכאַפן וואָס מער,
די וועלט צו מאַכן וויסט און לער.

און פוסטער, וויסטער ווערט די וועלט,
וואָס אירע יאָרן ביטער שעלט,
וואָס שטיקערווייז זי ווערט צעכאַפט,
וואָס בלוט ביי איר ווערט אויסגעצאַפט.
און ס׳כאַפעניש גאָר לאַנג עס גילט:
מיליאָנען־מאָרד — די אָרגיע ווילד,
אַלץ כאַפן נאָך און נאָך און נאָך,
ביז ס׳כאַפט דעם כאַפער כאַפט די בראָך!

שפּיאָנען

סאַ נפקא מינה — שולצע, מייער, אָדער מיללער,
צי ווי זיי אַנדערש דאָרטן הייסן אַלע קענען,
צי טראָגן זיי בלויז סיגנע־נומערן אַפילו,
אַלץ איינס — זיי זענען שטילע אויסוווּרפן — שפּיאָנען.
אַ זייגערמאַכער ערגעץ, צי אַ באַנק־באַאַמטער,
אַ הדרת־פּנימדיקער דאָקטער — נישט צום כאַפּן:
פון וועלכער שליחות גייט ער, און פון וועמען שטאַמט ער
דער אַדלמאַן, דער פּאַן־שפּיאָן, אַ פּאַן... אַ פּאַן־פּאַפּען...
אויף זייער פּאַן, ביי אָט די יחוסדיקע פּאָנען,
איז אָנגעשריבן גניבה, גזילה און נבלה,
זיי פּראָוואָצירן אומגליק — אומעטום שפּיאָנען —
פון שפּיאָנען־אַרבעט פרום זיי ווערן אָנגעקוואָלן...
מיט נידערטרעכטיקייט אומאויפהערלעך זיי האָגלען,
פון אויגן שטראָמט ביי זיי אַ גיפטיק־גרינער פינקל,
נישטאָ קיין אָרט אויף דר'ערד זיי זאָלן נישט באַנאָגלען,
נישטאָ פון זיי אויף ערד־קיילעך קיין רואיק ווינקל...
פאַרריכט בייטאָג די זייגערס פּינקטלעך פּרט, הער מיינער!
הער שולצע ווידער אַרבעט ערגעץ אין אַ בענקל,
הער מיללער גוט חולאתן היילט ער, טיכטיק זייער —
אין צווישן צישעט מען אין געהיימען ראַדיאָ־שענקל...
אַזוי זיי טראָגן אומעטום דאָס אומגליק און די גיפטן —
צעשטערן פעלקער־פרידלעכקייט, טרינקען שיפן...
אין די באַהעלטענישן טראָגן שיפר־שריפטן —
שפּיאָנישע געהיימע, אימה־היעראָגליפן.

ס.ס.

וואָס געווען איז געווען, וואָס געשען איז געשען,
ס'איז אַלץ געשטאָרבן אַוודאי,
מיר'ן גאָרנישט געהערט, און מיר'ן גאָרנישט געזען,
מיר זענען עס־עס — אַ בריגאַדע.
ס'איז נישטאָ קיין אַמאָל, און קיין צוקונפט — נישטאָ —
מיר טראָגן דעם איצט אויף די לענדן;
און די רגע פון איצט — און די איצטיקע שעה —
מיר ברענען, מיר מאָרדן, מיר שענדן!
עס איז טויט דאָס געפיל — שוין אַ בר־מינן לאַנג —
מיר האָבן עס לאַנג שוין באַגראָבן;
עס איז טויט דאָס געפיל, עס איז טויט דער געדאַנק —
די כלומרשטע געטלעכע גאָבן...
יאָ, אַ טאַטע געהאַט און אַ מאַמע געהאַט,
אַ סימן — אויף וועלט דאָ מיר זענען...
עס זאָגט אונדז איצט גאָרנישט אָט דער עלטערן־שטאַם —
מיר מאָרדן, מיר שענדן, מיר ברענען...
וואָס הייסט פרוי, וואָס הייסט קינד, וואָס הייסט
מצווה און זינד —
דער אויפקום פון מענטשן געבוירן? —
וואָס פאַראַן — אַלץ פאַרשווינדט, קיין צוריקוועג געפינט.
פאַר אונדז איז שוין אַלעס פאַרלוירן...
און דעריבער איז וועלט אונדז — אַ פגר, אַ מת —
מיר ברענען, מיר שענדן, מיר מאָרדן,
מיר — אַ מתים־אינערץ, אַ בריגאַדע עס־עס,
אַ וויסטע, אַ פינצטערע האָרדע!

דער האַס־פּאַרזיי

מען האָט געזייט אַ קיילעכדיקן יאָר
און נישט איין יאָר, נאָר גאַנצע, לאַנגע יאָרן,
מען האָט פּאַרזייט דעם האַס — אַ גאַנצן דור —
וואָס אייביק בלייבן וועט אין דעם זכרון...
פון וואַנען איז פון זרע אַזאַ סכום
גענומען מיט אַ מאָל — פּאַרזייט געוואָרן ?
און אויפגעגאַנגען איז פון סם — די בלום
אין ניינצן צוויי און פערציק — בלום פון צאָרן :
יבשה האָט מיט יעדן זאַמד געפלאַמט,
געגליט די טריט פון אַלץ, וואָס טראָגט דאָס לעבן ;
און ים און טייך מיט טראָפּן האַס געסמט —
פון לעבן דורכגעשרפעט די געוועבן...
די בלום פון האַס, וואָס אולטראַ־פיאָלעט,
האָט דורכגעפלאָכטן זיך מיט זונענשטראַלן,
און מענטשן מיט דעם אייגן בלוט געזעט,
ווי בלומען־בלעטער זענען אָפּגעפאַלן...
דער האַס האָט אויפגעבליט און אָפּגעבליט
און טרויעריק עס איז געווען זיין שטאַרבן,
און טרויעריק עס איז געווען דער שניט —
אַן אויפגעבונדענער אין שווערע גאַרבן.
יאָ, שרעקלעך איז געוועזן דער פּאַרזיי
— פון טויזנטער די סדומען און עמורהס —
אין דעם זכרון וועלן בלייבן זיי
פון דורי־דורות !

קיינער וועט נישט מוחל זיין!

וועט ווער דען מוחל זיין זיי וו׳ נישט איז און
וו ע ן נישט איז,
שוין נאָך דעם סוף פון גרויל, נאָך דעם נצחון?
וועט וו אָ ס פאַרהיילן דען דעם אייביקן דעם ריס?
צי דאָ אַ היילונג פאַר דעם לעבן אונדזערן צעבראָכן?
ס׳וועט איטלעכער געבליבענער ביים לעבן אויף דער ערד,
דער אויסגעדויערטער אין גרויזאַמער סכנה
צוריק זיך מאָנען, וואָס דאָס פאָלק־מחבל האָט צעשטערט,
און ביזן טויט אַריין אין פאַרוואורף זיינעם מאָנען:
— גיב, מערדער, אָפּ: מיין ווייב, מיין מאַן, מיין קינד,
גיב אָפּ די עלטערן, די שוועסטער און די ברידער,
פאַרווייען אונדזער צער — נישטאָ אַזאַ מין ווינט,
פאַרוויגן אונדזער וויי — נישטאָ אַזעלכע לידער!
וועט קיינער מוחל זיין זיי ביזן גרוב אַריין
און די נקמה רופן וועט איעדער אבר —
אַזוי עס איז, אַזוי וועט זיין
ביזן שוועל פון זייער קבר!

הענגל און גרעטל

דער הענגל איצט איז אויפן פראָנט,
די גרעטל — אין דער היים,
זי אים דערמאָנט, ער זי דערמאָנט —
אין האַרצן אין געהיים...
דער הענגל „קעמפט״, דער הענגל שעכט,
ער שענדעט און ער רויבט —
באַפעל פון דער קאָמאַנדנשאַפט —
אין וועלכער ר׳איז פאַרגלויבט...
די גרעטל אויך — פאַר ס׳פאָטערלאַנד
האָט בתולה נישט געשעצט,
מען מוז אַ הור זיין גאָר אָן שאַנד —
אויב ס׳גילט אַזאַ געזעץ...
דער הענגל מאַכט פאַר דייטשלאַנד רוים:
ער פויזעט און ער קריכט,
די גרעטל דאַרף אַ יונגן בוים
פאַרפלאַנצן. ס׳איז איר פליכט!
דער סוף דערוייל — דערהרגעט טויט
דער הענגל איז אין שלאַכט;
פאַרקרעצט איז גרעטלס לייב, די הויט —
פאַרמאַכט איז גרעטלס טראַכט...
דער הענגל פוילט איצט אויפן פראָנט,
די גרעטל — אין דער היים,
ס׳איז אַ געשיכטע גוט באַקאַנט
וואָס גאָרנישט איז געהיים...

דער גליקלעכער

אַ ווייל איז רואיק שטיל אויף ערד און הימל,
אַ ווײַלע אָפּגעלאָזט דער ווילדער רעש —
שרייבט ביים לבנה־שיין דער זעלנער קימל,
האַנס קימל שרייבט אַ בריוו אין דעם בלינדאַזש:
— „מיין טייערע ליזעט, מיין גוטער פאָטער,
כ׳געפין זיך איצט אין שרעקלעכן ראַיאָן,
ווו שיסעריי קיין רגע איז מען פטור,
און ס׳לעבן איינגעשטעלט עס איז אין קאָן,
דאָ טויזנטער עס זענען אומגעקומען,
קיין איינציקן חבר האָב איך שוין נישט מער —
די ערד זיי אַלע ס׳האָט שוין צוגענומען,
אַנשטאָט זיי זאָלן צונעמען די ערד...
אוי, פאָטער מיינער, איידעלער און גוטער,
מיין ליבע, איינציקע, טייערע ליזעט,
איך הער, מיך רופט צו זיך מיין טויטע מוטער,
ווייל איך אַליין — דעם טויט אויף זיך איך בעט...
דאָס בעט איך גאָט, אַ קויל ער זאָל מיר שיקן
אין קאָפּ אַריין... נישט דויערן זאָל לאַנג —
דער טויט הייסט גליק דאָ... וויל איך ווערן גליקלעך,
צו קענען זאָגן: דאַנקע... גאָט — זיי דאַנק!"
יאָ, גליקלעך איז דער האַנס: ס׳איז נישט דערשריבן
דער בריוו... ס׳איז ווידער קאַנאָנאַדע־רעש:
ס׳איז האַנס מיט קויל אין קאָפּ געבליבן ליגן
אַ טויטער אין דעם „זיכערן" בלינדאַזש...

געטע און — האָרסט וועסעל

אין זייד־סורדוט, אין זיידן שטרימפּ
צעווישן אַלע געטער,
אויף סאַמע שפּיץ פון דעם אָלימפּ
זיצט יאָהאַן וואָלפגאַנג געטע...
דאָס פּנים ערנסט און פאַרטראַכט
ביים גאון איז פון ווייםאַר:
— „וואָס האָט מען אַ באָרדעל געמאַכט
פון פאָטערלאַנד, אוי וויי מיר!
ווער שפּאַרט עס דאָ אַרויף אַהער
אין לעצטע די מעת־לעתן,
אַ מערדער און אַ סוטענער?
ווי הייסן זי?" — „האָרסט וועסעל!
האָרסט וועסעל הייס איך, ליבער פרוינד —
אַ קאַרליקל, אַ צווערגל —
דער פירער אייך האָט נישט געשווינט,
זייט מוחל פונעם בערגל!...
שטאָט אייך כ'וועל זיצן אויף דעם אָרט
צעווישן הערן געטער,
דעם אויבנאָן פאַרנעמט מיין וואָרט,
זאָ איזט'ס, קאָלעגע געטע!"
און געטע מיט די זיידן־שטרימפּ
ציט אָפּ מיט זיינע זאַכן,
און ס'לאַכן הויך אויף דעם אָלימפּ —
טייוולאָניש געטער לאַכן...

אליהו הנביא און דער „נייער סדר"

...אָווע־טאָווע — זאָגט דער אַלטער — אליה־נביא איז
אַרויס אין יענער סדר־נאַכט,
ווען לבנה איז אַ פולע אין דעם הימל הויך געשטאַנען,
אָנגעהויבן איבער שטאָט און דאָרף צו גיין, ווי
יעדעס יאָר צו גאַסט פאַרבראַכט,
איבער וועגן, איבער אומוועגן צו שפּאַנען —
ערשט ס'עפנט זיך קיין טיר נישט, ווייל נישטאָ קיין
יידיש טויער און קיין טיר,
ווייל ס'איז אין ערגעץ נישט קיין יידיש היים און הויז
פאַראַנען,
און אויך קיין ייד נישטאָ, נאָר קברים אָן מצבות —
אָן אַ שיעור,
וואָס די מלחמה לעצטע איז מיט זיי געווען אונדז מהנה...
קיין קול נגינה הערט זיך נישט, ווי נישט געווען
וואָלט עס קיין מאָל גאָר,
נישט קשיות פרעגן, נישט פאַרענטפערן מיט דעם
עבדים, אוי, היינו,
נאָר פון דער ערד אַרויס עס וויינט דאָס בלוט פון
לעצטן יידן־דור,
און ס'איז דאָס וויינען אויכעט אומגעוויינלעך,
ווי געריירט פון זינען...
גייט אליה־נביא, שפּאַנט אַרום דער גאָרער קיילעכיקער ערד,
דורך פייער און דורך אייזן פון די פראָנטן, ווי אין
בייזן חלום,
די דונערנדיקע קאַנאָנאַדן־קלעפּ צעטראָגן קוים ער הערט,
און עמעץ לאַכט פון אים: — שלום־עליכם אייך, ר' אליה...

— האַ ? עליכם־שלום !
— דאָ שטייט אַ כוס פאַר אייך... און דאָ פאַר
אליה־נביא נאָך אַ כוס...
דער איינער זיס איז... זיס ביז גאָר... און ד ע ר
איז ביטער וואָלט איך שווערן...
אוןביידע איבער ברעגן זענען פול... עס גיסט זיך
איבער... וואָס איז דאָס ?
— דער איינער איז מיט אונדזער בלוט... דער צווייטער
איז מיט טרערן !...
האָט אויסגעשפּיגן אליה־נביא... פע... נישט־דאָ־געדאַכט,
און — אויפגעבראַכט
געריסן האָט ער קריעה זיך אויף אַלטע, טראַנטעדיקע
הימל־קליידער...
אָווע־טאָווע אליה־נביא איז אַרויס אין יענער סדר־נאַכט
און „שפוך חמתך" האָט ער אימהדיק געשריגן
אויפן „נייעם סדר"...

20.4.43 ראשון של פסח

געסטאַפּאָ

ס׳טוט טיר דער ווינט אַ ריר, דער ווינט טוט שויב
אַ ריר —
און ס׳הייבן הערצער אָן גאָר האַסטיק קלאַפּן,
אַ שרעק, וואָס אָן אַן עק, מורא אָן אַ שיעור:
— געסטאַפּאָ!
אַ שאַנק עס טוט אַ זיפץ, אַ שטול עס טוט אַ קרעכץ,
און ענג דער אָטעם ווערט, נישט אָפּצוכאַפּן,
דאָס ערגסטע קומט עס אָן, דאָס שלעכטסטע פונעם
שלעכטס:
— געסטאַפּאָ...
אַ פויגל פליט פאַרביי, אַ פליגל טוט אַ רויש,
אַ קאַץ גיט ערגעץ וואָס מיט נעגל שאַרף אַ דראַפּע,
אַ מויז עס לויפט אַרויס דערשראָקן פון אַ קויש:
— געסטאַפּאָ...
ס׳רינט וואַסער פון אַ קראַן, אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן,
צו האַסטיק עפנט זיך אין ערגעץ־ווו אַ צאַפּן...
אַהאַ, די שוואַרצע לייט, וויי־וויי צו אונדזער קאָפּ:
— געסטאַפּאָ!
אַ שאָטן שלייכט פאַרביי פון מענטש זיך אָפּגעטיילט
און לאָזט זיך נישט פון אים אין חושך כאַפּן;
עס שאָרכט די פינצטערניש פון אימה אויסגעשיילט:
— געסטאַפּאָ!
און אַז די זעלבע לייט, אָט די געסטאַפּאָ־לייט,
דערזעען נאַכט הייבט אָן דעם טאָג צו כאַפּן,
דאַן שרייט די שרעק אין זיי, די גרויזאַמקייט עס שרייט:
— געסטאַפּאָ!

וואָרטסלייט

— העי, אַלטער, און דו, אַלטע, פון דער שטוב אַרויס,
אַרויס גייט בײדע איצטער פון דער כאַטע!
און אויפן גאַס איז קאַלט און זאַוויערוכע גרויס
און אומעט מאַטער...
— נו, שנעלער רירן זיך! — עס הילכט אין לופט
אַ שאָס —
שוין איין מאָל אייך געזאָגט: זיך שנעלער רירן!
פרעגט ברוגז זיך דער אַלטער ביי דעם דייטש: — צו וואָס?
אין גאַס — אַ קרירה...
— אַז ס'איז אַזאַ באַפעל — מסתמא דאַרף צו זיין,
און זיי נישט, אַלטער, בייז און מאַך קיין ליאַרעם,
לאָז אָפּ, דו אַלטער נאַר, מיט דעם עקשנות דיין —
ס'וועט ווערן וואַרעם!
די אַלטע שלעפן פיס, די דייטשן יאָגן: — שנעל!
די אַלטע פאַלט אויף שניי, פרעגט אַלטער: — ווייטער?
— יאָ, ווייטער, ווייטער נאָך... און זיי, לויט דעם באַפעל,
מען פירט צום שייטער.
מען מאַכט קיין שהיות נישט — עס איז נישטאָ קיין צייט,
ס'איז אויסגערעכנט צייט — די צייט איז טייער,
טאָ וואַרפט מען זיי אַריין אין שייטער און עס שרייט
דער צאָרן־פייער...
עס ברענען שוין די האָר... עס ברענט דעם אַלטנס באָרד...
— נו, אַלטער, זע, עס האָט זיך גאָט דערבאַרעמט!
מיר דייטשן, כאַ־כאַ־כאַ, מיר אָבער האַלטן וואָרט!
געמאַכט אייך וואַרעם!

אויף יעדן פאַל

ער איז פון אַדעליקן שטאַם,
כמעט אַ וואָרע מעשה:
געווען אַזאַ אַריסטאָקראַט
דער הער באַראָן פאָן שייסע...
וואָס הייסט עס עפּעס וואָס: „געווען",
וואָס טייטש: „געווען", און — איצטער?
יאָ, איצטער אויך מע קען אים זען,
אין גרויסן כבוד זיצט ער...
ער שטאַמט פון גרויסן יחוס גאָר,
פון נאָרדישער דער ראַסע
און אַלע קעגן אים — ס'איז קלאָר —
אַנטקעגן אים פאַרבלאַסן:
זיין אור־אור־פאָטער פלעג
מיט ים־רויב וועלט באַגליקן,
אַ מאַן געווען אָן אַ פלעק,
אַ צפונדיקער וויקינג;
זיין עלטער־עלטער־זיידע האָט
געמאַכט קאַריערע פון מאָרדן:
מיט צלם אויף שווערד, מיט צלם אָן גאָט,
פון ריטערלעכן אָרדן...
זיין לעצטער זיידע — גענעראַל —
ער פלעגט דעם קאָפּ פאַררייסן,
און ער אַליין — אויף יעדן פאַל —
איז... הער באַראָן פאָן שייסע!

שלאַכטפעלד־פּייזאַזש

טויט־דערהרגעטע עס ליגן צוגענאָגלט צו דער ערד
אין דעם עלנט האַרבן —
אומגליקלעכע אומבאַקאַנטע מענטשן, אויסגעמישט
מיט פערד
בעת מעת־לעתן שטאַרבן...
תבואה־גאַרבן אויסגעפלאַקערטע אין דורכגעפּולווערט־
ווייסטן פעלד,
ביימער — טויט־דערשלאָגן,
און אַ וועלט אַן אומעטיקע, און אַ טרויעריקע וועלט
פּרוּווט דעם טויט דעריאָגן.
בלוטן אָפּגעלעבטע אָט אָקאָרשט, און פולווער אָפּגעברענט
אין די כמאַרעס גליען —
ציען פון די שווערע וואָלקנס זיך טויט־ביינערדיקע הענט,
ס׳רייסן קראָען קריעה...

זייער שרייען

— פאַר וואָס, צו וואָס, צי ווען זיי מאַכן אַן אַזאַ מין
ליאַרעם ?
פאַר וואָס דען גרילצן זיי אַזוי, אַז — זיי זיך גאָט
דערבאַרעם !
צו וואָס אַזאַ משונהדיק גערודער ?
— ס'איז מחמת פחד, גוטער־ברודער !
— פאַר וואָס אַזוי מין אויסגעצויגן גלייך אין שלאַכט
זיי גייען ?
צו וואָס דען יאָגן זיי זיך מיט משוגענע געשרייען ?
דאָס מאַכן זיי דאָך נישט אויף אַ קאַטאָוועס ? !
— ס'איז מחמת אימה... אימת־מוות !
דאָס שרייען, פילדערן זיי, גרילצן, בראַזגען, ברעכן,
דאָס לעסטערן זיי, חוזקן און הייליקייט פאַרשוועכן
און אַלץ באַגאַווערן זיי און באַשפּייען —
כדי זיך אַליין צו איבערשרייען !

ווי אַזוי?

נישטאָ קיין שווינדל אויף דער וועלט, אַזאַ פאַרברעכן,
וואָס פאַר די מנוּוולים זיין זאָל פרעמד,
און אַלץ פאַרויס באַטראַכט און אַלץ פאַרויס באַרעכנט —
אין אויגן גלייך געקוקט און אומפאַרשעמט...
נישטאָ דאָס נידערטרעכטיקייט, וואָס זיי נישט אייגן,
נישטאָ אַזאַ פאַרראַט — פאַר זיי פאַרוועַרט,
דערגרייכט די איבערנידערטרעכטיקייט־מדרגה,
צו העכסטער שטופּע פון דעם מינדערווערט...
און אָט אַזוי זיי זענען שיכורע געגאַנגען —
מיט אויגן רויט פאַר אויסגאַנגלאָזיקייט —
ווי אין אַ טראַנס, פון בייזע כישופן געפאַנגען,
אַרומגעגאַנגען פריי אין אונדזער צייט.
פאַר וואָס מען האָט זיי נישט געשמידט אין אייזן־קייטן?
פאַר וואָס אין צוואַנגסהעמדער זיי נישט געקליידט?
פאַר וואָס געוואַרט, געלאָזט זיך אין דער וועלט
צעשפּרייטן?
פאַר וואָס פון זיניקע נישט אָפּגעשיידט?
דאָס אַלץ אַ רעטעניש פאַר צוקונפט וועט פאַרבלייבן.
אָפּהענטיקייט — פון וואַנען האָט געשטאַמט,
און צוקונפט־יאוש וועלטישן עס וועט פאַרשרייבן
אין שורות עפּישע און אויך געגראַמט...
און טראַכטנדיק פון די נפשות שרעקלעך אָרעם
מען וועט זיך חידושן, ווי האָט'ס פּאַסירט,
וואָס די פּחדנים, נידערטרעכטיקייט־נבחנים,
עס האָבן אונדזער צייט אַזוי פאַרפירט...

חלום און וואָר...

אַ שווערע איז די אָפּעראַציע —
זייער שווער,
די אַרבעט דעם כירורגס איז נישט צום שאַצן ;
די בלוטן שלאָגן זיך אין שלייפן הייס,
דער שטערן איז באַדעקט מיט שווייס
און ביי דער שוועסטער בלאַנקט אין אויג אַ טרער —
עס ווירקט מסתמא די נאַרקאָזע :
דער זעלנער מיט אַ האַנט באַוועגט
און אויף וויפל כוח קלעקט,
ער מורמלט, כאָרכלענדיק מיט ברוסט :
— דווקא, דווקא מיר געמוזט
שטיוול ענג אַזעלכע געבן —
אַ העזה !
זיי דריקן מיר די פינגער און די פיאַטעס !
כ׳לעבן —
עפּעס דאָ נישט גלאַט איז...
און די קאַלאָשן פון די שטיוול פאַלן גאָר אַראָפּ —
צו ברייט, צו לאַנג,
געגעבן מיר אַ גאָב
און — פאָלג אַ גאַנג.
דער אָפּעראַטאָר אָטעמט שווער.
ביים אַסיסטענט
עס ציטערן — די איבעריקע הענט,
די קראַנקן־שוועסטער ווישט אַראָפּ די טרער
און ביים סאָלדאַט עס אַרבעט רואיק האַרץ און לונגען,
מען האָט אים אין פאַלאַטע אָפּגעפירט

מיט פיס מיטביידע אַמפּוטירט —
אַזוי אַז די אָפּעראַציע איז געלונגען.

זיי מעגן דאָס זינגען

— ליב פאָטערלאַנד, ליב פאָטערלאַנד
מעגסט רואיק, זיכער זיין !
נישטאָ גאָר אויף דער וועלט קיין שאַנד,
פאַר אונדז זאָל זיין — נישט פיין :
מיר זענען העלדן, בראַווע לייט,
מיר ווייזן, וואָס מען קאָן,
און אַז מע דאַרף, עס ברענגט די צייט,
אונדז נוצט אַ פרעמדע פאָן —
און אַ שינעל פון פיינט.
מיר זענען שטענדיק גרייט׳ס צו טאָן —
ס׳איז נישט קיין נייס פון היינט...
און אַז אין די אַטאַקעס גיין
מיר דאַרפן זייער פיל,
דאָן טרייבן מיר פאַר זיך אַליין
באַפעלקערונג ציוויל...
ס׳איז קיין שום חטא, ס׳איז קיין שום זינד
ביים ברעכן האַלדז־געניק,
צו מאָרדן זקן, פרוי און קינד —
דאָס איז אַזאַ טאַקטיק.
צו ברענען אונדז — נישטאָ קיין בראַנד,
צו שטראָפן אונדז — קיין פיין,
ליב פאָטערלאַנד, ליב פאָטערלאַנד
מעגסט רואיק, זיכער זיין !

טויטן־קעפּ

צוויי ברידער — מערדער זענען זיי —
דער הוגאָ און דער פּריץ,
האָט גורל זיי געטאָן אַ דריי
געמאַכט מיט זיי אַ וויץ:
זיי מאָרדן איצטער נישט פּריוואַט,
דערהויבן איצט — ווי שייך! —
מלוכיש איז איצט מערדערטאַט,
אַ יאַט פון דריטן רייך.
זיי האָבן זויף, זיי האָבן פרעס,
מעטאַל — די קעפּ, די קנעפּ:
פון דיוויזיע דער עס־עס
זיי זענען „טויטן־קעפּ".
ס'איז זייערער דער באַרוף,
ס'איז זייער דינסט, און ברויט,
און אויף זייער פירערס רוף —
זיי ענטפערן מיט טויט.
ציווילער מענטש פון פאָלק און לאַנד
אין זייער איז באַזיץ,
איז רוטינירט אין מאָרד די האַנט
פון הוגאָ און פון פריץ.
און ס'האָט געדויערט ביז פאַרשאַדט —
דער טויט האָט זיי פאַרשלעפּט
ביז זיי — זיי זענען גאַנץ פּריוואַט
געוואָרן טויטן־קעפּ.

אַך, פרידריך, פרידריך...

אַך, פרידריך, פרידריך, נאַר, דו נאַר
דו, דומער קערל, דו,
וואָס האָט געטויגט אַזוי פיל צער,
וואָס ט'דיר געשטערט דיין רו?
אָט זעסטו, ווי דער טויט דיר גייט —
דיר דיינע פוסטריט נאָך,
ווי ער איז דיך פאַרציקן גרייט,
ווי גרויס עס איז דיין בראָך!
אַך, פרידריך, פרידריך, דומער יונג,
וואָס האָסטו עס באַדאַרפט,
אויף נאָז זיך הענגען לעבער־לונג
די שנאה דיין — געשאַרפט!
אָט זעסטו, ווי דער טויט פאַרשייט
פאַרלויפט דיר איצט דעם וועג,
ווי טויט פון נאָנט, ווי טויט פון ווייט
פאַרשניידט דיר דיינע טעג!...
אַך, פרידריך, פרידריך, אָרעם קינד,
פאַרפירט מען האָט דיך גראָב,
געזייט דעם ווינט, געשניטן ווינט —
איז וויי און ווינד צום קאָפּ...
אָט זעסטו, ווי דער טויט, וואָס שלעכט,
האָט דיר דיין רעכט געטון.
וואָס האָסטו מיט דיין זיין פאַרשוועכט
די ערד אונטער דער זון?

אויסניכטערונג

פון פינפטער ראַטע בין איך אַ יעפרייטער
מיין נאָמען איז פריץ שולץ — און שוין!
דעם פירער דינען כ׳בין געווען אַ גרייטער,
דערפאַר באַקומען כ׳האָב מיין לוין.
די פינפטע ראַטע, פאָלק דריי הונדערט דרייסיק
אַזוי געגויער איז די זאַך...
איך האָב געשלאָגן זיך גאָר העלדיש, פלייסיק,
געשטאַנען אויף דער דייטשלאַנד־וואַך.
ס׳איז הונדערט דריי און אַכציק די דיוויזיע
אַזוי איז עס כמעט געגוי...
מיר האָבן כוח אין דער שלאַכט באַוויזן —
אַרויס פון אים צעשלאָגן, בלוי...
פריץ שולץ — פון פינפטער ראַטע בין איך איינער
געבליבן לעבן, און איך טראַכט:
צו וואָס געטויגט דער קריג האָט דער געמיינער,
צו וואָס מיר האָבן אים געמאַכט!?
פאַר וואָס געווען בין איך אַ טויבער, שטומער,
איך טראַכט, און קען עס נישט פאַרשטיין:
פאַר וואָס פון פינפטער ראַטע בלויז דער נומער
געבליבן איז, און — איך אַליין...
פאַר וואָס פריץ שולץ אַ גזלן איז געוואָרן,
און איז באַגאַנגען אַלע זינד —
פאַר וואָס אויף זיך ט׳גענומען וועלפיש צאָרן
פריץ שולץ — אַ טאַטע פון אַ קינד?

אַ בריוו פון פראָנט

מיין ליבע עלזע, ליבסטע מיין,
באַקומען כ׳האָב אַ נייס:
דער אומגליק איז אין שטוב אַריין,
די האָר אויף זיך איך רייס.
מיין פאָטער, וויסטו, טויט איז לאַנג
מיט וואָכן צוויי צוריק...
איצט אַ ידיעה איך עמפּפאַנג
און טרער מיין האַלדז עס שטיקט...
מיין צווייטער ברודער — שוין נישטאָ —
דערהרגעט אין אַ שלאַכט.
און איך פאַרשילט די יענע שעה,
וואָס האָט מיך דאָ געבראַכט...
יאָ עלזע ליב, יאָ, עלזע קרוין,
דו הער מיין אמת וואָרט —
ס׳ווערט דער און יענער נישט געשוינט,
וואָס טראָגט מיט זיך דעם מאָרד...
טאָ בין איך מערער שוין נישט יונג —
איך בין אַ קראַנקער גרייז,
ס׳ווערט אויסגעלאָשן יעדער פונק
פון פרייד... דער קאָפּ איז ווייס.
מיין ליבע עלזע, ליבסטע מיין,
זוך אויס אַ יונג אַ צווייט.
אַזוי ווי ס׳איז, אַזוי מוז זיין —
פאַר מיר אַ קבר כ׳גרייט!

מײן לעבן

געבוירן כ'בין געוואָרן צו דער ערד — אַ בוים —
אַ פּרוכטבוים,
וואָס טיף אַרײַנגעוואָרצלט אינעם גרונט,
פון ערד געצויגן כ'האָב מײַן יניקה — וואָר און חלום,
די אומרו און די רו — פון גרונט און פון אָפּגרונט.
אין ערשטע יאָרן מײַנע ווינטן אין דער בלעטער־גרינקייט
גערוישט עס האָבן אָפּט מיט אומעטיקן יוגנטשמערץ.
אַזוי פיל צײַט פאַרגאַנגען, אַזוי פיל רוישנדע געזאַנגען —
אויף אומוואַרשײַנלעכקייט, אויף אויגנשײַנלעכעס,
אויף אומבאַקלערטס!
די ווינטן פון דער צײַט די בלעטער האָבן געריסן,
געבראָכן צווײַגן האָבן מיר... איך האָב עס ווי נישט געזען
און אַליין אין שאָטן מײַנעם זיך אָפּט געשפּיגלט,
און — כ'בין זיך מודה — אָפּט געשעפּטשעט כ'האָב: זע,
מה נאה אילן זה...
די גרינקייט מײַנע, בליעכץ און אומצײַטיקייט כ'האָב
געלאָזט זיך פליקן
פונעם ווינט דעם בײזן און זאָרגלאָזן פּזרנות מײַן,
בעת איך אַליין — איך האָב געקרימט זיך ביי דעם פּרווון
געניסן פונעם רויען נישט געצײַטיקטן גרינעם ווײַן...
אַצינדער שטיי איך שטאָלץ אַ פּרוכטבוים אַ באַיאָרטער
און צײַטיק, רײַף די פּירות זענען — צײַטיק, גאָלד,
אַ גרייטער פאַר דער רײַפקייט מאַכן „שהחיינו"
מיט שטילסטער שטיל געשטילט, מיט הילכיק קול
צעקולט...
נאָר ס'איז נישט־דאַ־געדאַכט געקומען דאַ דער אכזר־העקער

מיט אייזן־זעג און האַק געקאָוועט אין שנאה־פלאַם —
איך שטיי דערצאָרנט אין הוראַגאַן פון שקר
און העקער זעגט און האַקט מיין שטאַם.

אָקטאָבער 1942.

יידיש־דייטש

עס פלאַטערן אַרום — אַרום מיר ווערטער
פון דער שפּראַך פון מיינער,
וואָס — שטאַם פון זיי איז בלוטיקער דער דייטשער
שטאַם ;
זיי וויינען, קלאָגן זיך, מיט אַ פאַרדרוס דעם ביטערן
זיי טענהן,
אַז שטאַם דער דאָזיקער דעם לעבן זיי פאַרסמט...
מען האָט באַגאָסן זיי מיט מענטשלעך בלוט
אין אַלע צייטן,
אין אומשולדיקן בלוט געטונקען זיי אין אונדזער דור,
זיי בעטן רחמים זיך : מהות און דעם לבוש פון זיי צו בייטן,
צו כשרן זיי פון דעם שטאַם אין אונדזערן שוואַרץ־יאָר...
זיי רייסן זיך אַרויס פון גרענעצן פון שפּראַך — דערווידער
איז די ערד פון איר, וואָס טריט פון זיי עס בריט,
זיי רייסן זיך אַרויס פון מיינע יידישע די לידער
און פון מיין טראַגישן דעם יידישן געמיט...
זיי טוען ווי מיר איצט — פאַרשאַפן מיר אַן שיעור יסורים
און כ'זוך פאַר זיך פאַרענטפערונג, ווי אויך פאַר זיי
אַ טרייסט,
איך זוך אַ וועג צו איינשטילן גערעכטן שטורעם,
און כ'ווענד זיך צו אַ יעדן וואָרט : — באַגרייפסט,
פאַרשטייסט ?
פאַרשטייסט, מיין וואָרט — געכשרט האָט דיך לאַנג
מיין פאָלק, מיין מאַמע,
דער שורש דער גערמאַנישער איז לאַנג שוין אַטראָפירט,
דו שטאַמסט אַצינד פון וואָרצלען אַנדערע און שטאַמען,

אין אונדזער לעבן אייגנעם פון לאַנג שוין אויספּרובירט...
זיי ווייסן: קיין טעווטאָן פאַרשטייט נישט ווערטער ריינע,
קיין רוויבריטער פאַרשטייט נישט פון קיין שפּראַך דעם ווײ
און ס׳איז פאַר זיי קיין דייטש נישט ס׳וואָרט
פון היינריך היינע,
אַן אַנדער גאָר, אַן אַנדער שפּראַך איז ס׳דייטש פון זיי...
ס׳וועט אונדזער יידיש מיט די אַלע וווּנדן זיינע אָפּן
אויפגעריסן
בלייבן אויף דערקענטעניש און ליבע גרויס געבענטשט,
בעת דייטשע שפּראַך פאַרגעסט, פאַרלירנדיק ס׳געוויסן,
אַזעלכע גרונטווערטער, ווי גאָט און מענטש!

דער פסק־דין

נישט לעכערלעך זיך מאַכן מיט קיין פרידנס־קאָנפערענצן
בײַ די קײַלעכדיקע טישן,
נאָר שטעלן פאַרן אָנרחמנותדיקן פעלקערשן געריכט
און די רשימה פון פאַרברעכנס די אַפּאָקאַליפּטישע
גלאַסן מישן
און גלײַכגילטיק דעם פאָלק — דעם פעלקער־מערדער —
שפּײַען אין געזיכט.
אַ מערדער — ווען ס׳ווערט אָנגעווענדט אַנטקעגן אים
דער האַרבסטער פון די פּאַראַגראַפן,
איז טויט דער פּסק פאַר אים, איז עין תחת עין,
טאָ וואָסער אורטייל קומט דעם פאָלק פון גנבהשע
און רויבערישע און שענדערישע אָפן,
וואָס האָבן מיליאָנען יונגע מענטשן־לעבנס גרויזאַם
אומגעבראַכט — ווערט מען עס דען פאַרצײַען!
שטייט, פעלקער, אויף! ס׳געריכט גייט! ס׳קומט
פּסק־דין דער האַרבער,
האַלט, וועלט, דעם אָטעם אײַן אין טיפן טרויער דײַן
צעבויטעטע!
דער אורטייל איז:
— דאָס אָפן־פאָלק מוז שטאַרבן
מיט מיליאָנען טויטן!

דער פּענאָמען

נישט טראַכטן דאַרף דער דייטשער סאָלדאַט,
ער דאַרף נאָר צו מאַרשירן און מאַרשירן,
עס טראַכט פאַר אים דער פירער זיינער „בלאַט",
וואָס צו נצחונות כלומרשטע ער טוט אים פירן...
עס טראַכט דער פירער אויסלייזן זיין לאַנד,
זיין פאָלק באַפרייען, גליק פאַר אים צו קריגן,
דערויף אין היטלער־גרוס ער הייבט זיין האַנט,
נאָר ס'איז אַ ליגן, ס'איז אַ וויסטער ליגן!
עס טראַכט דער פירער: שולדיק איז דער ייד,
ער שרייט אויף יעדן פלאַץ און קלינגט אין גלעקער
— אין אַרישקייט ער איז שטרענג אָפּגעהיט,
נאָר ס'איז אַ שקר, ס'איז אַ וויסטער שקר!
עס טראַכט דער פירער — מיט מיין גרויס דערפאָלג
איך וועל פון פאָלק פון מיינעם מאַכן הערן —
פון פאָלק פון מיינעם בלויז אַ הערן־פאָלק,
נאָר ס'איז אַפּערע, אויסשליסלעך אַפּערע...
עס טראַכט דער פירער בלויז פון זיך אַליין,
אַפילו נישט פון אייגענעם געזינדל...
אַפּערע, ליגן — אַלץ, אין אַלגעמיין
איז'ס שווינדל, שווינדל און נישט מער, ווי שווינדל...
איין זאַך צו דעם נאָר צוגעבן מע קען
אויף ליכטיקייט צום אויבן־דעם־געבראַכטן:
פון יאָרהונדערט אונדזערן דער פּענאָמען
ער איז פון די, וואָס קענען גאָרנישט טראַכטן.

דער פירער טראַכט...

ס'טראַכט דער פירער נישט קיין סך,
כאָטש זיין פונקציע איז צו טראַכטן —
שטייט אַ זעלנער אויף דער וואַך
פון דעם דור דעם נישט געדאַכטן...
טראַכט דער פירער: בלוט כ'פאַרגיס,
בלוטן שטראָמענווייז עס כוואַליען,
לענדער גאַנצע איך פאַרוויסט,
פון די פעלקער כ'בין אַ תלין...
אָבער דאָס איז מיר נישט שווער,
ס'מאַטערט מיך נישט מיין געוויסן.
וואָס מיר זיפץ און וואָס מיר טרער:
ברענען, רויבן, הענגען, שיסן...
וואָס דער חילוק — קינד און קייט,
קליין צי גרויס די מערדערייען,
אַבי אויסגעפירט גאָר ברייט
ווערט מיין ווילן, ווערט מיין רעיון!
אַלע מענטשן זענען וועלף,
מענטשן וואָלף־אינסטינקט פאַרמאָגן.
ס'האָט די צייט איצט פינקטלעך צוועלף
פאַר דער גאָרער וועלט געשלאָגן —
טראַכט דער פירער נישט קיין סך,
ווי זיין פאָלק דאָס אומבאַטראַכטע —
שטייט אַ זעלנער אויף דער וואַך
פון דעם דור דעם נישט געדאַכטן.

יאָהאַנס בליצלויף

עס איז אַ שווערע לאַסט צו טראָגן אויפֿן קאַרק
דעם טויט פֿאַר זיך אַליין, און פֿאַר קעגנער ריזיק שטאַרק,
אַרומצוגיין געאָרעמט מיטן מלאך־המוות —
דאָס איז קיין שפּילעכל, דאָס איז נישט קיין קאַטאָוועס!
טראָגט יאָהאַן אום דעם טויט, און שווערער אַלץ
די לאַסט —
צום טויט פֿאַר גאַנצער וועלט — אַ כוח דאַרף מען האָבן!
דערצו דאַרף מען אימפּעט און איבערמענטשלעך האַס —
אַ גאַנצע וועלט און זיך אַליין צו באַגראָבן...
עס דריקט דער טויט זיין קאַרק, און בייגט אים איין
אין דריי
און קאַלטע מיתה־אַנגסטן אים זיין גוף באַשלאָגן,
צי איז די גאַנצע מיתה־מיסיע אים געווען כדאי,
צי וועט ער גאָר צום ענדציל קענען זיך דערשלאָגן?
צו שווער איז זי, די גרויסע לאַסט — דער אַלגעמיינער טויט.
ווי אַזוי זיך ראַטעווען — אויף וואָסער אופֿן?
אין גסיסה־פּחד ציטערט שווידערלעך אויף אים די הויט.
ער ווייסט: איין אויסוועג איז פֿאַראַן — זיך איילן, לויפֿן!
נון, לויפֿט ער איבער גרענעצן פֿון שכל און פֿאַרשטאַנד
און ס'רייט דער טויט אים אויפֿן קאַרק נישט באַזאָטלט,
פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק, פֿון איין פֿאַראומגליקט לאַנד
צום צווייטן לאַנד
מיט דייטשער קאַלטער פּינקטלעכקייט, וואָס עובר בטל...
מיט דעם געדאַנק פֿון טויט פֿאַר אַלע האָט ער זיך
דערשטיקט,
ער האָט דעם טויט אויף זיך גענומען — אָנגעצויגן,

דער מלאך־המוות יאָגט און יאָגט און ציט די טויטן־שטריק,
און יאָהאַן לויפט — פון לעכער פליען אים די אויגן!

רחמנות

די מאַמע יונג געשענדעט איז:
זיי זענען צען געקראָכן
מיט כל הפּיין געמאַטערט — ביז
מען האָט זי טויט דערשטאָכן,
זי ליגט דערהרגעט אויף דער ערד
מיט אָפענע די אויגן —
דאָס מעסער הייס נאָך באַלד עס ווערט
ביי איר פון ברוסט געצויגן...
עי, פּריצל, בראַווער קערל דו,
געהאַט האָסט פאַרגעניגן...
דו זעסט דאָס זויגקינד וויל אין רו,
עס וויל אין וויג נישט ליגן...
פאַרוויגן דאַרף מען עס צי גאָר...
ניין, אַ רחמנות טויטן,
זאָל'ס כאָוועז זיך אויף לאַנגע יאָר
אין ראַטנלאַנד דעם רויטן...
און טאַקע גלייך, אַ שאָד אַ וואָרט
לייגט פריץ דאָס קינד צו מאַמען —
אַ קינד מיט מוטער, ערנוואָרט,
זיי דאַרפן זיין צוזאַמען...
ס'פאַלט צו דאָס קינד צו מאַמעס ברוסט,
עס קוקט אין טויטע אויגן
און הייבט גלייך אָן מיט אימפּעטלוסט
דאָס בלוט פון ברוסט צו זויגן...

דער געהאָנגענער רב

עס שרייט מיט שטילקייט דער פאַרטאָג
אויף מיטן מאַרק אויף גרויסן,
דער רב אין שוואַרצן לאַנגן ראָק
אויף תּליה הענגט אין דרויסן...
עס הענגט דער אַלטער רב אויף ווינט,
דער קראַנקער רב פון שטעטל,
אויף ראָק — ווער ווייסט פאַר וועמענס זינד —
איז צוגענייט אַ צעטל...
„דאָס האָב איך אים געמאַכט דעם קריג,
„געמאַכט זי, די מלחמה,
„אין קריג געפונען כ'האָב דאָס גליק,
„הייל־היטלער... הייל!... און — אמן" !
דאָס פּנים בלוי, עס שרייט און שרעקט
דערקענען קוים מען קען אים,
אַ לאַנגע צונג אַרויסגעשטעקט
די אַלע וועלטנאַראָנים...
פון אויגן ברייט אַרויסגעשטאַרצט
מיט פּיין, וואָס אָנגעקוואָלן,
עס שטראָמט אַרויס פון טיפן האַרץ
אַן אייביקע אַ קללה —
טאָ שרייט מיט שטילקייט דער פאַרטאָג,
מיט טויטער טרער אויף וויע.
דער רב אין לאַנגן שווארצן ראָק
ער שאָקלט זיך אויף תּליה...

די דריטע וועלט־מכה

זיי מאַכן אָנגריפן, אין ברייטע שורות גייען,
און מחנותווייז באַלאַגערן די לייז־אַרמייען —
די כלבים־ריטער־באַנדעס פון טאָטאַלן קריג...
עס האָבן אויסגעכאָוועט זייערע די בלוטן,
די דמים טריפהנע, די בליטן וואָס געמיין,
די לייז די בייסיקע — די קללה פון נישט־גוטן,
דעם שמוץ אַראָפּגעבראַכט פון ברעגן פונעם רהיין...
טאָ קריכן זיי אַריין אין זייערע געדערים:
ס'איז אייגן, ראַסיק בלוט פון העלן שטאָלצן נאָרד.
נון, פרעסן זיי די לייבער בלאָנדע לייז און ווערעם
און ס'ווערט מיט מאָרד באַצאָלט פאַר לייזיקן דעם מאָרד!
ווער שולדיק איז דערין וואָס האָט אַ וועלט פאַרלייזיקט?
ווער שולדיק איז אין מאַרש אין לייזיקן פאַרויס,
וואָס האָט פון אַלץ געמאַכט אַ טעמפּן פנים־חוזק —
ווער אַנדערש דען, ווי ס'פּאַלק מיט אים, זיין אויבער־לויז?
ווער וועט עס ווען אַ מאָל די מכה די פאַרגעסן,
די כינים מצרישע, און איצט טעווטאָנען־פּלאָג,
וואָס האָט אין גופים זיך פון פעלקער איינגעגעסן,
און לאָזט נישט אָפּ ביי נאַכט און לאָזט נישט אָפּ ביי טאָג...
פאַרטראָגן איז עס שווער: ס'קאָסט יונגע בלוט און לעבן,
נאָר פּטור ווערן דאָך מיר וועלן אָט די לייז.
מיר וועלן זיכער זיך מיט זיי אַן עצה געבן,
מיר וועלן אויסראָטן די לייז — דיוויזיע־ווייז!

פון אַ מאַמעס אַ בריוו

...נישט גוט מיט אונדז, מיין טייער קינד,
מיין איינציקער, מיין אַטטאַ —
איך מיין: ס'איז אונדזער גרויסע זינד
און ס'העלפט נישט קיין חרטה...
דו האָסט דאָך גאָרנישט קיין באַגריף,
ווי אומגליקלעך מיר זענען.
אַלץ טרויעריקער זענען בריוו,
און ס'העלפט נישט קיין שום טענה...
אַט שרייבט מען: פיל חברים דיין —
זיי זענען אומגעקומען,
און מיר אין גרויסער צער און פיין
מיר מוזן שווייגן, שטומען...
קורט הײנס איז טויט, און אויך קורט דעם
מאַקס יונגאַנס, הערבערט מיללער...
מיר מוזן זיין למען השם
פון גראָז אַ סך נאָך שטילער!
פאַר וואָס קומט אונדז די גרויסע בראָך,
די שוידערלעכע בלאָטע?
מיין טייער קינד, צי לעבסטו נאָך
בן־יחיד מיינס, מיין אַטטאַ?...
דיין מאַמע האָט איצט דעם געפיל,
אַז דו ביסט אויך אַ קרבן,
און זי — ווי לעבעדיקע פיל —
איז אויך שוין אָפּגעשטאָרבן...

טאָטאַלע נידערטרעכטיקייט

שוין איצט זיי לייקענען, און וועלן לייקענען נאָך שפּעטער,
זיי בילן איצט זיך אָפּ, און וועלן וואַיען אויך דערנאָך,
ווי די געמיינסטע די פּחדנים־שווינדלער און פאַררעטער,
ווען ביי דער האַנט געכאַפּט און ס'קומט אויף זיי
די האַרבע בראָך.

זיי טוען אָפּ דאָס עקלהאַפּטסטע, אומגעצוימט און אָפן,
נישטאָ קיין שקר אויף דער וועלט פאַר זיי זאָל זיין
ער טריף.

אויף זייער נידערטרעכטיקייט, געמיין אומאיבערטראָפן —
זיי בינדן אויס אַ האַקנקרייץ, געפלאָכטן אין אַ שלייף...
וואָס טייטש באַגראָבן לעבעדיקערהייט, וואָס הייסט
מע טאָר נישט?

און אפשר לעבעדיקערהייט מע טאָר נישט ברענען אויך?
עס, נאַרישקייטן, „בלעדזין", ס'איז נישט מער, ווי גאָלע
גאַרנישט;

באַגראָבנדיק דעקט צו די ערד, פאַרברענענדיק — דער
רויך!

פאַרגעוואַלטיקן מען טאָר נישט, זאָגט איר, קינדער
מינדעריעריק,

ס'איז מיאוס, זאָגט איר, לויט דער עטיק אייער,
זייער מיאוס,

מיר אָבער וויקינג־ריטער, טוען עס זיכער ווי געהעריק,
און מער, ווי מיאוס איז'ס וווּנדערבאַר און פאַבלהאַפּט,
און זיס...

מיר שטעכן אויס די אויגן ביי די קעמפער רויט־אַרמייער,
די צינגער שניידן אויס, מיר האַקן אָפּ די פיס און הענט,

נאַר ס'איז אַ בלבול אַלץ, און לייד עס טוט אונדז זייער :
ווי האָט איר עס דערקענט, אַז מירן זיי דערנאָך
פאַרברענט ?
שוין איצט עס לייקנט פון דער שרעק פּחדנישער באַוויגן,
דער קינדער־שענדער, זקנים־מערדער, אויגן־שטעכער כלל.
און איבעריקנס — שפּיזן אייך פאַרשטאָכענע די אויגן —
און, איבעריקנס, איז דאָך די מלחמה אונדזערע טאָטאַל !

נבלה־פאַנטאַזיע *

פאַנטאַסטיש די פאַרברעכערישקייט איז ביז שטוינען,
אַריינגעלייגט אין דעם עס זענען שללים מי:
אין שאַרבנס זייערע די אויסטערלישסטע גרוילן ווינען
מיט נידערטרעכטיקסטע נבלה־פאַנטאַזי!
די גרעסטע פרייד זיי ברענגט — פאַרניכטן הייליקטימער,
דאָס אומצוכט זייערס לייגן זיי אויף דעם אַלטאַר,
זיי שפּייען אויף דער זאָרג דער מענטשלעכער אַן קימער,
זיי שפּייען אין דעם האַרץ אַריין פון טיפן צער.
וואָס הייליקייט, וואָס רייניקייט — אַ בבא־מעשה! —
דאָס טאָר נישט וויסן דער גערמאַנישער דער הער,
דער כלל און יחיד — אַלץ איז „בלעדזין", „שייסע",
— ביים וואָרט „קולטור", שטעל אָן, ציל אָן דעם רעוואָלווער...
הומאַנישקייט איז שטות פון ווייכע דעמאָקראַטן,
רחמנות — אומזין איז פון דער אינטעליגענץ...
דעם דייטשן גייסט קען יידישקייט אָט די נאַר שאַטן —
מען דאַרף זי נישט אין דייטשע זיגערישע קרענץ;
צום האַלטן זי באַדאַרף מען ווייט, גאָר ווייט אויף מיילן —
זי איז דעם גייסט גערמאַנישן אין גאַנצן פרעמד.
דער עיקר — פרעסן, זויפן, רויבערשע פאַרוויילונג,
וואָס מער אכזריותדיק און ציניש אומפאַרשעמט:
אַז שענדן קליינע מיידלעך, איז אויף מוטערס אויגן,
אַז שענדן מוטערס — מוזנ'ס קינדער דווקא זען —
ס'זעט אויס פאַנטאַזיע — נישט געשטויגן, נישט געפלויגן —
דאָס וואָס אין אונדזערן יאָרהונדערט איז געשען.

* לייען: נעוואָלע־פאַנטאַזיע.

דער סם

פאַרסמט די מענטשן זענען מיט דעם שרעקלעכן דעם סם,
וואָס אָפּגעטויט האָט הערצער זייערע און מוחות,
וואָס חיהשקייט אַרויסגעריסן האָט פון יעדן צאַם,
פאַרסמט ביז טויט, און ס'מענטשלעכע אַוועק מיט
רויך איז.
אַוועק מיט רויך איז הערלעכקייט פון דיכטערשן געזאַנג,
אַוועק מיט רויך די באַד־בעטהאָווענישע קלאַנגען —
מיט רויך פאַרטונקלט דער הויכער פילאָזאָפישער געדאַנק,
מיט רויך פאַרפינצטערט, איינגעקלעמט אין פייערצוואַנגען.
אין רויך דערטרונקען איז די גאָלדענע די לאָרעליי —
אַריינגעוואָרפן זיך אַליין אין ים פון פלאַמען,
ס'וועט קיין שום צייטווייליקער „זיג" נישט לינדערן
דעם וויי,
יסורים פון פאַרעלנטער דער דייטשער מאַמען...
פאַרסמט די מענטשן זענען מיט דעם מוראדיקסטן גיפט,
משונהדיק זיי וואַרפן זיך אין וואַנזין־פּיבער
און גאַוועך דער משוגענער פון לעפצן זיי עס טריפט —
עס העלפט נישט, „יעזוס מאַריאַ"... און, „אַך, גאָט דו
ליבער!"
עס גייט נישט איבער אויף אַ ווייל, אַ רגע לאָזט נישט אָפּ,
פאַרלוירן יעדער זין פאַר זון און זונענפאַרבן,
און ס'יאָגט אַזוי און פליט אַזוי אין אָפּגרונטן אַראָפּ,
אַזוי, אַזוי ביז סאַמע אומקום, ביזן שטאַרבן...
פאַרסמט די מענטשן זענען מיט דעם גרויליקסטן דעם סם,
דאָס האַרץ און מוח זיי מיט וואָרצלען אויסגעריסן,
ווייל דער מטורף זייערער עס האָט מיט רויך און פלאַם
אין לייב און לעבן זייערן זיך איינגעביסן!

עקל, האַס, פאַראַכטונג

ווער האָט זיך ס'גרויסע אומגליק פאַרשטעלן געקענט,
בעת ס'האָט נאָך נײַנצן־פערצן־אַכצן וועלט געפרעסן,
אַז ווונדן דאַמאָלסטיקע האָבן נאָך געברענט,
ווער האָט'ס געקענט פאַרגעסן?
ווער האָט געאַנט עס פון פאַר קיינעם נישט געדאַכט,
אַז אָנצינדן דעם מערב וועט אַ פײַער ווידער,
אַז אָנצינדן אַ פינצטערניש אַזאַ מין נאַכט
אויף נאָך געקרעמפטע גלידער?
ווער האָט געקענט עס האָבן גאָר אַ סימן חשד,
אַז הענט פון אַרבעטער אַ שווערד עס וועלן שאַרפן
און מערב דער געפרוווטער זאָל זיך מיט פאַרראַט
אויף אונדזער מזרח וואַרפן?
פון לאַנד פון קלאָרן פאַרנונפט, פון דיכטונג, פון מוזיק
פון קלאָרע פון די לויטערע קרישטאָלן־קוואַלן,
ווער האָט געקלערט, עס וועלן דאָרט צום וואָרט צוריק
איצט קומען קאַניבאַלן?
ווער האָט געדענקט, אַז דאָס וואָס גרויס און הערלעך שיין
קען ווערן מיט אַ מאָל צעריבן און צעמאָלן,
צעבראָכן ווערן קען די ברכה אויך אַליין,
פאַרוואַנדלט אין אַ קללה?
ווער האָט עס אין אַ טרוים אַפילו פאַרגעשטעלט,
ווער הערן און געדענקען, קלערן גאָר, צי טראַכטן,
אַז אויפוועקן מען קען צו זיך פון גאָר דער וועלט
דעם עקל, האַס, פאַראַכטונג?!

ווירקלעכקייט־באַלאַדע

דער שכל איז נישט משיג דעם משוגענעם געדאַנק,
וואָס האָט דאָס פאָלק דערפירט צו קאַטאַסטראָפע,
עס כאַפּט נישט אויף דאָס אויג — דער בליק
באַוואָפנט דעם געדאַנק,
און קוקט אין אומגליק גרויס פאַרשטאַרט און אָפן.
עס נעמט דאָס האַרץ נישט אויף די גאַנצע ווילדעניש
און גרויל
און פרוווט אַוודאי נישט דעם אומגליק שאַצן,
אַנישט — פאַר שרעק וואָלט אָפּגענומען אויער און
דעם מויל,
און האַרץ און מוח וואָלטן זיכער פּלאַצן...
מיר זענען שטאַר געוואָרן אינעם אומגליק, טויב און בלינד,
מיר — וואָס דעם טויט אין אויגן גלייך מיר קוקן,
מיר הילן זיך אין שווערע מאַנטלען פון דעם וויי און ווינד
און טרייסטן זיך: ס׳איז נישט אַזוי מסוכן...
און דאָ מיליאָנען יונגע לעבנס קומען אום אין קאַמף —
עס ברענען מזרח, מערב, צפון, דרום
און אין דעם ברענענדיקן מערדערישן דעם בלוט־געקראַמף
עס וואַקסן אָן אַן אויפהער קברים, קברים...
ניין, נישט קיין ווירקלעכקייט, קיין וואָר דער אומגליק
זעט איצט אויס,
נישטאָ קיין אויסזיכט פון דער וואָר דער קלענסטער.
אויף אַלע שוועלן שטייט דער מלאך־המוות שוואַרץ
און גרויס
און קוקט אַריין אין אַלע שויבן, פענצטער.

ניין, נישט קיין מענטשן ווירקלעכע מאַרשירן איצט
פון דאָרט,
נאָר בלויז געשפּענסטער זענען עס אַוודאי,
געשפּענסטער מיליאָנען, וואָס פאַרגעסן ס'מענטשלעך
וואָרט —
ניין, נישט קיין וואָר, נאָר גרויזאַמע באַלאַדע!

אויס מיסטיק!

אַז ס'פּאַלק איז אויסגעליידיקט הויל געוואָרן פון מהות,
פון גאַנצער שפע זיינער איז געוואָרן — וויסטקייט,
דאַן האָט פון יענער וועלט אין אים געהילכט אַ מתים־גרוס,
דאַן האָט אַ ווינט אים אויפגעמישט אַ בלאַט פון מיסטיק.
מיט פינקטלעכקייט און אייטער־שמוץ און אשפה
איינגעריסט,
מאַרשירן האָבן אָנגעהויבן אייזן־רייען,
ערזאַץ פון מיסטיק האָט מען פּראָדוצירט פון ברוינעם
מיסט:
וועלט, ציטער! ס'גייען אומבאַזיגבאַרע אַרמייען.
מסתמא זענען זיי פון גורל־גרוילן אויסדערוויילט...
מסתמא קומען זיי פאַר אונדזער זינד אונדז שטראָפן...
און נישט אומזיסט אין דעם אַפּאָקאַליפּסיס ווערט
דערציילט...
נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטן מער, אויף וועמען האָפן...
די מיאוסע מיתה־מיסטיק האָט געפּרוכפּערט זיך, געמערט
און פעלקער איינגעבראָכן חרובדיק און קלאָגיק,
ביי רעזיגנירטע האָט אַ שרעקיקע אַ טרער געטרערט:
נישטאָ קיין אויסוועג דאָ — מלחמת גוג־ומגוג...
עס שטראָמט, די לאַווע גייט, דער ברוינער טויטער
כאַאָס גייט
אין דיסציפּלין געפּאַנצערטע, בראָנירטע חיות,
ס'ווערט מיסט־מיסטיפיקאַציע און דיוועריסיע געזייט
אויף פעלקער אויפגעשווידערטע אין וויסטן כאַאָס.
און ס'האָט געדויערט אַזוי לאַנג די מיסטיקע זאַווײַ
ביז אויך אויף אונדזער פעלד און וועלט זי איז אָנגעפאַלן

און די קלאָר־אויגיקע אומבויגיקע די רויטאַרמיי
האָט יאָמערן געמאַכט די מיסטישע שאַקאַלן...

נישטאָ קיין תירוץ

נישטאָ קיין תירוץ אויף דעם גרויל און שאַנד,
נישט קיין פאַרענטפערונג אויף גרויזאַם־טאַטן,
עס וועט נישט כשרן קיין שום פאַרשטאַנד
דעם אומזין, וואָס האָט זין פון פאָלק פאַרראַטן!
קיין תירוץ — פון „ווערסאַל איז דער טראַקטאַט״,
קיין תירוץ איז „די פראַגע לעבנס־שטח״,
ס׳איז נישט נאַיוו אַזוי און פשוט גלאַט
דער האַרבער ענין — ענין מענטש־פאַררעטער!
וואָס האָט עס אַלץ צו טאָן מיט פעלקערמאָרד,
מיט לענדער־חורבן — מיט אַ וועלט־צעשטערונג,
וואָס האָט צו טאָן די ש י ל ע ר י ש ע קאָרט
מיט פרווו פאַרמעקן אונדזער זון און שטערן?
און ווען מלחמה, ווען אַפילו קריג
(מלחמות זייערע געזעצן האָבן),
וואָס הייסט עס: קינדער אויף העלפט צעפליקט
וואָס הייסט עס: מענטשן לעבעדיק באַגראָבן?
וואָס הייסט: דעם מענטש צוגלייכן מיט דעם מיסט?
וואָס הייסט: אַלרייניקייט אין אומצוכט שמירן?
וואָס הייסט: די פרויען אָפשניידן די בריסט?
וואָס הייסט: אַנטפרוכפערן, סטעריליזירן?
נישטאָ קיין תירוץ אויף דער שאַנד און גרויל,
און קיין פאַרענטפערונג דערויף וועט קומען,
ווייל ס׳וועטביים וואָרט פאַרקרומט ווערן דער מויל,
ווייל ס׳וועט דערוואָרגן ווערן אינעם גומען!

נישט היסטאָריע

אַזאַ איז זייער וועג, וואָס ווייס נישט פון קיין פריילעכס,
נישט קוקנדיק אויף שאָלן פון די זיגפאַנפאַרן,
אַזאַ — דער גרויסער וועג איז — זייער דרך מלך
מיט בידנע קברים־צלמים, אומעטום, וואָס שטאַרן...
אַזאַ איז זייער גרויסער וועג פון דעם נצחון —
דער מאַרש פון הונען און באַרבאַרן און וואַנדאַלן,
נישט קוקנדיק, וואָס פרייד פון לעבן איז געבראָכן,
וואָס ס׳פּויקן די ליטאַוורען און פאַנפאַרן שאַלן...
אַזאַ איז זייער גרויסער וועג — דער וועג פון תליות,
פון אָפּגעהאַקטע קעפּ אויף עשאַפאָטן
און דאָך קיין פאָלק אַוועקגעשטעלט אויף קני איז.
זיי גופא, זיי מאַרשירן אינעם לאַנד פון שאָטן.
אַזאַ דער וועג פון אומגעבראַכטע פיל מיליאָנען,
דורך הונגער און דורך פייער, און דורך שטאָל און אייזן,
און דאָך — עס ווייט מיט טויט אויף זייערע די פאָנען
און אין אַ טויט אַ זיכערן פאַרשטאַרט זיי שפּרייזן...
וואָס זיכער יעדער סוף, אַלץ שטאַרקער די רציחה,
אַ מין נקמה פאַר פאַרמשפּטקייט זיי טראָגן.
עס קומט צום אומקום צו אין טעמפּן אין די גיכע —
צום אומקום־אָפּגרונט דער בראַנירטער אייזן־וואָגן.
אַזאַ איז זייער גרויסער וועג אין טויט געזונקען,
דער וועג פון פירער אייערן דעם „הייל־זיג״ בריה.
באַלד קראַכן וועט דער וועג, פאַרבלוטיקט און פאַרשטונקען,
וואָס צומאַכן עס וועט די בלאַט פון דער היסטאָריע!...

טורקסטול, יאַנואַר — פעברואַר 1942.

נישט דאָ געדאַכט

זיי זענען פעסט געאָרעמט — צוויי:
דער שטאַרקער פראָסט, דער ווייסער שניי,
און ווינטזאַווײ און ווינטגעדריי
און האַנס דער זעלנער אין טראַנשיי.
— וואָס טוט מיין ווייב? וואָס טוט מיין קינד?
אַליין ווּ בין איך דאָ אַצינד?
דאָ קום איך אָפּ פאַר וועלכע זינד?
זיי זענען צוויי — דער וויי און ווינד...
פון אויג עס קייקלט זיך אַ טרער,
אַ טרער, וואָס ביטער און וואָס שווער,
ווי קומט עס, וואָס איז דען דער מער,
ווי קומט צו אים אַ טרער אַהער —
ס'ווערט בליק ביי אים פאַרשטאַרט, פאַרבלאַסט
און טרער אויף באַקן פרירט אין פראָסט,
פאַלט ביקס פון האַנט — אַרויסגעלאָזט —
דער ווינטזאַוויי נאָך שטאַרקער בלאָזט.
נאָר האַנס דער זעלנער, ווי אַ סך,
ער שטייט פאַרגליווערט אויף דער וואַך,
ער שטייט און וואַכט אין נאַכט און טראַכט:
איך בין... איך בין נישט דאָ געדאַכט...
און וואַכט אַזוי אין דער טראַנשיי
ביז ער אַליין ווערט פראָסט און שניי,
מיט ווינטזאַוויי, מיט ווינטגעדריי,
ער — האַנס און טרער — געאָרעמט צוויי.

טאָטאַל

מיט אַלטן גרויסן גענעראַל,
מיט גענעראַל פּאָן קלוגע
פּאַסירט עס האָט אַזאַ מין פּאַל —
ער איז טאָטאַל משוגע...
ער האָט דערהערט, ער האָט דערזען
דער גענעראַל פּאָן קלוגע,
אַ גרויסער אומגליק איז געשען —
ער איז טאָטאַל משוגע.
ביי זיך ער פרעגט : צו וואָס, צו ווען,
הער גענעראַל פּאָן קלוגע,
ווער קען עס אויסהאַלטן, ווער קען ? —
ער איז טאָטאַל משוגע...
צו וועלכן טייוול — לעבנסרוים ?
פרעגט גענעראַל פּאָן קלוגע,
אויף מויל ביי אים שלאָגט אויס אַ שוים —
ער איז טאָטאַל משוגע...
צו וואָס געוואָרפן פאָלק און לאַנד,
פרעגט גענעראַל פּאָן קלוגע,
אין אָפּגרונט פון דער זינד און שאַנד —
ער איז טאָטאַל משוגע...
געטויט מען האָט דעם גענעראַל —
דעם גענעראַל פּאָן קלוגע,
ווייל ס'איז געווען דער קריג טאָטאַל
און ער — טאָטאַל.... משוגע !

גענעראַל פּאָמאַדע

עס שטייען שטייפע ביי דער טיר
ביים גענעראַל פּאָמאַדע
יעפרייטער וווּרסט, יעפרייטער ביר
ביים הויפּט פון דער בריגאַדע...
— וואָס ברענגט איר שיינס, וואָס ברענגט איר גוטס ?
איך רעכן — גוטס אַוודאי ?
— דער אָנגריף קומט נישט אונדז צונוץ,
הער גענעראַל פּאָמאַדע.
— וואָס הייסט, מיר גייען דאָך פּאַריס ?
זאָגט גענעראַל פּאָמאַדע.
— צוריק פּאַריס, פון שונאס שטויס —
צוריק מיר לויפן — גראַדע...
— אָ, שאַדע... הייסט עס, אַז איך — אויך
מיט דער צוריק־פּאַראַדע,
טאָ איבערלאָזן אַש און רויך !
זאָגט גענעראַל פּאָמאַדע...
— דאָס ווערט געמאַכט, שוין, גענעראַל —
הער גענעראַל פּאָמאַדע,
עס ברענט דער שייער, הויז און שטאַל —
אַלץ ברענט מיט גאָטעס גנאַדע...
— אַבי איר זענט נאָר דאָ מיט מיר,
זאָגט גענעראַל פּאָמאַדע,
יעפרייטער וווּרסט, יעפרייטער ביר
איז גאַנץ נאָך מיין בריגאַדע !

מיט היטלער־גרוס

מיט היטלער־גרוס, געהויבן האַנט,
עס גיט אַרויס דער לייטענאַנט
אַזאַ באַפעל געלאַסן:
— צוויי שיינע מיידלעך — דאָ אַריין,
צוויי יונגע בתולות שוין זאָל זיין! —
געזונט, נישט אויסגעלאַסן!
ווייל ער, דער בראַוועער אָפיציר,
האָט ליבע־בענקשאַפט אָן אַ שיעור,
דאָס בענקט ער נאָך זיין כלה...
און ס'גיט דער קריג, און ס'גיט דער זיג
אַזוי מין ווייניק ליבעגליק
ביי זיינע גליקן אַלע!
נאָר זאָל זיין כלה זיין נישט בייז,
ס'איז קיין פאַרראַט דאָס גוט זי ווייסט —
עס וועט איר גאָרנישט שטערן...
ער וועט זיך נוקם זיין אין זיי —
פאַר כלה — אין די מיידלעך צוויי,
וואָס וועלן אים געהערן...
דאָס אַלץ — און ס'הייבט דער לייטענאַנט
זיין שטרענג באַפעלערישע האַנט
צום זעלנער, דעם פאַרמיטלער,
און יענער, אים צו דינען גרייט,
גלייך אויסגעצויגן פליכטיק שטייט:
— הייל, צום באַפעל! הייל־היטלער!

*

*

דאָס איז קיין לעסטערונג, אָ, ניין!
מע דאַרף עס ריכטיק נאָר פאַרשטיין,
די פּאָרנאָגראַפיע־קאַרטלעך שיין,
וואָס אין געבעטבוך ליגן,
דאָס איז נישט מחמת שאַנד און זנות,
צי ווייל אַזוי זיין דאַרף און מוז,
ס'איז פּשוט צוליב אויגנעגנוס,
ס'איז מחמת פאַרגעניגן...
דאַרפ'ס גאָט נישט נעמען אים פאַר שלעכט
און מיצצי — ס'ווייב — פאַר אומגערעכט
און מוטטי — פאַר געמיין און פרעך —
פאַר די מאָראַל פאַרדאַרבן,
זיי ווייסן אַלע — איבעראַל,
אַז... ס'איז נישטאָ קיין אידעאַל,
און פאַר דעם קריג אים קערט די גאַל —
ס'איז לאַנגווייליק צום שטאַרבן...
טאָ האָט זיך עס אַזוי געשיקט,
אַז אין געבעטבוך שאַנד עס ליגט —
אין בוך אַנטציקט, אין בילד אַנטציקט,
דאָס האַרץ און אויך די זעעלע...
און איבעריקנס, וואָס דער מער,
וואָס איז ווען פאַר אַ שטער —
צו אַלעם דעם נישט ער געהערט:
ר'איז — האָמאָסעקסועלער!

דער טעות אין חשבון

אַלץ איז אויסגערעכנט פּינקטלעך און גענוי,
אַלץ מעטאָדיש, פּראַקטיש, בולט, קלאָר אַזוי,
אַלץ פּאַרציפּערט דייטלעך ביז דער מינדסטער האָר —
קיין שום רעטעניש — אַלעס גלייך ביז גאָר:
קאָרפּוסן מאַרשירן אין דיוויזיעס — פעסט;
קלענסטן פּרט קאָמאַנדשאַפט קיין מאָל נישט פאַרגעסט,
שטורעם־ליאַרעם דאַרף מען, זיין זאָל גרויסער רעש
און פאַר מענטש באַשפּייזונג און פאַר פערד פוראַזש.
פלוגצויג פונקט אַזוי פיל, טאַנקען אויך דאָס גלייך,
און מיט די האַרמאַטן, ביקסן איז מען רייך.
און אַזוי פיל באָמבעס, קוילן, שטעכלדראָט
און אויך שטריק אויף תליות. אַך דו ליבער גאָט,
קוילן־וואַרפער, מינעס, פייערווערק־ראַקעט,
גאַזן און באַקטעריעס — דאַרפן אַז מען וועט.
און צום פאַרגעניגן — גאַנצע ימים ויין,
און פרעזערוואַטיוון — צום געזונט זאָל זיין.
אייזן־טראַנספּאָרטן — ס׳קומט אַיעדן העלד
הילצערנע די צלמים — ס׳גייט ווער פון דער וועלט.
אַלץ איז אויסגערעכנט פּינקטלעך אויף דער האָר,
אַלץ עס גייט אין וועג מיט, אַלץ איז בולט קלאָר,
נאָר אַ קליינער טעות אין דער זאַך געמאַכט —
טעות אינעם חשבון — אומגליק האָט געבראַכט:
ס׳גייען די אַרמייען, טויט מיט זיי באַפעלט,
הילצערנע די צלמים האָט אַ סך פאַרפעלט!

נייער מין אַפּן...

פּאַוויאַן, גאָריללע און מאַנדריל
זיי שאַרן זיך צו קראַטן שטיל,
די קראַטן פון די שטייגן —
פאַרחידושטע זיי שווייגן:
עס האָט, ווי אין נבואה־טראַנס,
דערציילט האָט זיי דער שימפּאַנס,
זיי ווייזנדיק דעם הינטן,
אַז — ס'בלאָזן נייע ווינטן...
והא־ראיה, נייע — אַן אַנטיק:
דער מענטש צום אַף ער גייט צוריק —
עס האָט זיך שוין געשאַפן
אַ נייע ראַסע אַפּן...
— אַ ראַסע אַפּן, ראַסע־ריין
(דער חילוק, זאָגט מען, זייער קליין)
יאַוואָל, מאַדאַם גאָריללע...
נישט אַלע בלאָנד אַפילו,
נאָר אלא־וואָס — די אַפּן ניי
מאַרשירן, שפּאַנען אין אַ ריי
און ווי די מענטשן זאָגן:
אַ טעכניק גוט פאַרמאָגן...
איז שאַרן זיך צו קראַטן שטיל,
פּאַוויאַן, גאָריללע און מאַנדריל,
דערשראָקענע זיי גאַפן:
מ'עט ברענגען נייע אַפּן...

מינכען — נירענבערג

קיין פייער קען אַ שטאָט אַזוי נישט שטאַרק צעשטערן,
ווי ס׳קען אַ בייזער נאָמען אין דער וועלט:
ס׳האָט מינכען אַזאַ אומגליק גרויס געטאָן באַשערן
און נירנבערג — אין ריי פון שענדער זיך געשטעלט...
וועט וואַרשע אָפּבויען צוריק די הייזער שענער,
פּאַריז וועט אָפּוואַשן פון פּאַנטעאָן די שאַנד,
נאָר מינכען, נירנבערג — פון זיי נישט ווערן קלענער
די חרפּה וועט, וואָס האָט געשטעמפּלט ס׳גאַנצע לאַנד!
ס׳וועט לאָנדאָן ווידער מיט מיליאָנען צירקולירן,
מיט פרייד פון ב ל י ט ץ לעניגראַד וועט ווייטער גיין,
נאָר מינכען, נירנבערג — אַלץ ווייטער וועט פאַרפירן
די חרפּה זייערע, ס׳געמיינסטע פון געמיין...
ווייל מינכען ס׳גרעסטע אומגליק האָט אין שענק געבוירן
דאָס גרויל־פאַרזעעניש — בעסטיאַלע משוגעת
און נירנבערג האָט ס׳מפּיל־קריפּעלע פארלוירן,
די יידן־געזעצן — קרוין פון וואַנזייניקן האַס...
וועט וועלט די וווּנדן אירע זיכער זיך פאַרהיילן
און יידן וועלן בלייבן אין דער וועלט געמערט,
פון מינכען, נירנבערג מיט עקל מ׳עט דערציילן
אַזעלכעס, וואָס וועט אייביק בלייבן אומדערהערט...
קיין בראַנדן קענען שטעט אַזוי נישט וויסט צעשטערן,
ווי סדום־ועמורהדיקער מוראדיקער חטא.
איין אויסלייזונג דער גורל קען זיי נאָר באַשערן
ס׳זאָל אָפּגעמעקט ווערן דער זכר פון די שטעט!

אָרדענונג מוז זײַן!

דער פּויל, דער יונגער זעלנער יאַן,
געגנוג האָט שוין מלחמה;
פֿאַר גרויל אין זיך, פֿאַר גרויל אַרום
געפֿינט ער נישט קיין נאָמען —
דאַן זוכט ער אויס דער יונגער יאַן
פֿון דײַטשישער שערענגע,
אַ שטריקל פֿעסט געפֿינט ער זיך
און וויל — און פּרוּווט זיך הענגען.
נאָר ס'איז דער וואַכמײַסטער אויך וואַך
(ס'איז יושר דאָך פֿאַראַנען)
און פֿון דעם שטריק האַלב לעבעדיק
ער נעמט אַראָפּ דעם יאַנען...
וואָס איז עס פֿאַר אַ הפקר, וואָס?
ווער האָט אים רעכט געגעבן
דעם יאַן, דעם דײַטשן זעלנעריונג,
אַליין זיך נעמען ס'לעבן?....
און ס'ווערט געמאַכט אַ פֿעלדגעריכט
מיט פּראָקוראָר און ריכטער,
און משפּטן — מען משפּט אים
מיושבדיק און ניכטער;
און ס'איז דער אורטייל קורץ און שאַרף
מיט שכל און געוויסן —
דעם פּויל, דעם דײַטשן זעלנער יאַן,
נישט הענגען, נאָר דערשיסן!

דייטשע סאַנקציע

[illegible]

אין פרעמדן דעם נאָרוועגן־לאַנד,
אין לאַנד פון די פיאָרדן,
גייט שווערער צו די רויבעריי,
גייט שווערער צו דאָס מאָרדן.
און אַז לאַנגווייליק ביז טויט,
ס'איז גרויל, שטאָט אַלע גליקן,
דאַן פרוווט דער דייטשער זעלנעריונג
מיט שטריקל זיך דערשטיקן...
נאָר באַלד קומט אָן אַזאַ באַפעל
פון מלכות פון באַפעלן:
דעם גאַנצן דייטשן גאַרניזאָן
אין קנעכטשאַפט תיכף שטעלן,
אַז ס'ווערן אָנגענומען גלייך
די מיטלען, סאַנקציעס האַרבע,
אַז ס'מאַכט זיך נישט אַזוי די זאַך
אַליין צו פרוווּן שטאַרבן.
דעם מלכות ס'לעבן גאַנץ געהערט
מיט אַלע זיינע פאָלגן
און ווייַ און ווינד וועט יענעם זיין,
ווער ס'וועט זיך דעם נישט פאָלגן.
און זעלבסטמאָרד פרוווּן וועט באַגיין
אין לאַנד פון די פיאָרדן,
אין דייטשלאַנד זיין משפחה גאַנץ
מען וועט אים דאַן דערמאָרדן.

ווי אַנדערש דען?

אַ חזירל אַ פעטס, אַ העלס געווען,
געווען אין דעם קאָלכאָזניקס כאַטע,
האָט האַנס געשאָכטן עס — ווי אַנדערש דען?
און איצטער איז ער שוין אַ זאַטער...
אַ קליין קאַנאַריקל אין שטייג געווען,
האָט'ס דייטשע לידער נישט געזונגען,
האָט האַנס דערוואָרגן עס — ווי אַנדערש דען? —
ער איז צופרידן: ס'איז געלונגען...
אַ קייטהונט איז אין הויפביידל געווען,
וואָס האָט אויף פרעמדן הויך געבילן,
האָט האַנס דעמס קאָפּ צעהאַקט — ווי אַנדערש דען? —
וואָס האָט עס אים דעם קאָפּ צו דולן.
דער אַלטער באַלעבאָס איז אַלט געווען,
די באַלעבאָסטע גאָר אַ שיינע —
האָט האַנס דערשאָכטן זיי — ווי אַנדערש דען? —
זיי וועלן מער שוין דאָ נישט וויינען...
און קליינע זענען מיידעלעך געווען,
זיי האָבן אויך מסתם געליטן,
האָט האַנס מיט מעסער טעמפּ — ווי אַנדערש דען? —
די העלדזעלעך זיי איבערשניטן...
זיצט האַנס אין שטוב, ווי גאָרנישט נישט געשען,
דעם קאָפּ געזונקען און באַטרונקען:
„וואָס ס'לעבט — נישט ליידן דאַרף" — ווי אַנדערש דען?
אין מוח לעשן זיך אים פונקען...

עס וואָיען הינט

עס וואָיען הינט צוזאַמען מיט די ווינטן,
דער עלנט וואָיעט אין אַ יעדן ראָג:
ווו זאָל מען זיך, ווו קען מען זיך אַהינטאָן
סיי אין דער נאַכט, סיי אין דעם מיטן טאָג?
אַז אָפּגעזאָגט ס׳איז ענדגילטיק דאָס לעבן,
און ס׳מאַטערט אַלץ און ס׳פּייניקט אַלץ די נויט,
עס רייסן זיך געפּלעכטן און געוועבן
און ס׳לעבן, מיד, עס בעט אויף זיך דעם טויט!
נאָך קיין מאָל נישט האָט מענטשלעך אומגעלומפּערט,
נאָך נישט געהאַט פון שאַנד אַזאַ מין שלל,
נאָך קיין מאָל נישט — דער גייסט אַזוי פאַרשלומפּערט,
נאָך נישט געווען אַזאַ מין נידערפאַל!
מען קייט די גאַל, און אַלץ דעם טעם פאַרלירט און
די הונגער־גיריקייט — קייט און ברעכט;
עס זענען אַלע אָנהייבן פאַרלוירן,
און אַלע סופן — פונעם גאָט גערעכט...
טאָ בלאָנקען ווינטן אום אין שטומע גאַסן
און ס׳גייען נאָך זיי הינט פאַרוואָרלאָזט, קראַנק
און נאָך הינט דער עלנט גייט, דער כעסן —
זיי גייען נאָך לוויות פון — פאַרלאַנג....
עס וואָיען הינט צוזאַמען מיט די ווינטן,
דער עלנט וואָיעט אין אַ יעדן ראָג:
ווו זאָל מען זיך, ווו קען מען זיך אַהינטאָן?
סיי אין דער נאַכט, סיי אין דעם מיטן טאָג?!

רומעניש...

— צווייטע ראָטע, שטעל זיך אויס אין שפּאַן!
דומיטרעסקו רעדט — דער קאַפּיטאַן:
— וורשט האָט איר געזאָלט באַקומען גלייך,
האָט מען אָבער דאָס באַגנבעט אייך.
חברה גנבעט — קריגט איר נישט קיין וורשט,
נישט קיין ווײַן צום שטילן אייער דורשט.
חברה גזלט, רויבט אַליין זיך אויס —
איז די חרפה טאַקע זייער גרויס!
— צווייטע ראָטע, שטעל זיך אויס אין שפּאַן!
דומיטרעסקו רעדט — דער קאַפּיטאַן:
— כ'האָב מהנה זיין אייך איצט געוואָלט
לעקעכלעך אייך געבן דאָ געזאָלט —
האָט מען צוגעלקחנט אַלע זיי,
אויף אַ לעק איז נישט געבליבן צוויי.
די סאַפּיאָרן און די רייטערלייט
איטלעכער פון אייער עסן קייט.
עסט מען אָן זיך מיט דעם פּולווערוויך
און דער מאָגן מאָנט זיין עסן אויך...
— צווייטע ראָטע, שטעל זיך אויס אין שפּאַן!
דומיטרעסקו רעדט — דער קאַפּיטאַן —
נאָר דעם זעלנער זשיטין הייבט'ס פון אָרט
און מיט צאָרן נעמט ער זיך דאָס וואָרט:
— אפשר צוגעגנבעט אויך פון דאַן
וואָלט מען דומיטרעסקו קאַפּיטאַן?

הונטאיינער* און דאָבערמאַן

פעלדפעבל גוסטאַוו הונטאיינער,
ער איז אַ בראַוועער מאַן —
און האָבן האָט ער נאָך איין פריינד
אַ הונט — אַ דאָבערמאַן.
פעלדפעבל גוסטאַוו הונטאיינער
האָט ליב נאָר אים דעם הונט
און נישט קיין פרוי, און נישט קיין קינד —
ער האָט דערצו —אַ גרונט...
ער זאָגט: אויב ענלעך איז דער מענטש
אַ ביסל נאָר אויף אים,
דאַן האָט ער פיינט אי גאָט אי לייט
בצלם אלקים!
און ליבן האָט ער ליב דעם הונט
ביז ליידנשאַפט ביז וואַן —
פעלדפעבל גוסטאַוו הונטאיינער
דעם הונט — דעם דאָבערמאַן.
ער איז כאָטש פון אַ ראַסע ריין,
איז ער אים מוחל אַלץ,
טאָ גלעט ער אים און צערטלט אים
און קושט דעם הונט און האַלדזט...
ביז איין מאָל דער פעלדפעבל גיט
דעם הונט אַ ביס געזונט,
און ווילד משוגע תיכף ווערט
דער דאָבערמאַן — דער הונט!

* די פאַמיליע הונטאיינער איז נישט אויסגעטראַכט — מ. ב.

דערנאָך...
(געשיכטע)

אין אָנהייב איז׳ס אַזוי געווען,
אין אָנהייב איז׳ס אַזוי געשען:
ער האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט
און האָט די האַנט געהויבן.
דערנאָך האָט זיך געמאַכט אַ נאַכט,
אַ לאַנגע שוואַרצע נאַכט פון שלאַכט —
די נאַכט פון דעם טאָטאַלן מאָרד,
פון פייניקן און רויבן.
דערנאָך דעם קאָפּ האָט שרעק און פראָסט
נאָך טיפער אים אַראָפּגעלאָזט.
דערנאָך דער האַס צו זיך אַליין
אין אים האָט אויפגעברויזיקט,
ער האָט אין עלנט און אין קעלט
דערשפּירט אַרום די גאַנצע וועלט —
זיין גאַנצע לאַנד אויף מאָרד געשטעלט
פאַרסרחעט און פאַרלייזיקט...
האָט כעס געוואָקסן און געגרויסט,
געקרעמפּט זיין זעלנערפויסט אַנטבלויזט
געהויבן אים פון טויטן פונקט,
געשטויסן אים צו גלייבן —
האָט ער געהויבןביידע הענט
צום קעגנערס גרויסן האַרץ גענענט,
אַוועק אין דער געפאַנגענשאַפט,
און פריי דעם קאָפּ געהויבן!

דעם גענעראַלס וואָרט...

דערפאָלג אַהער, אַהין דערפאָלג
דערפאָלג אין יעדן פאַל,
נאָר ס׳נייטיקט זיך אין רו דער פאָלק,
אין רו, הער גענעראַל!
דער פאָלק איז מיד פון זיג נאָך זיג,
פון טראָגן לאָרבערקרענץ.
עס וויל דער פאָלק אַהיים צוריק,
וויל אָפּרו, עקסעלענץ!
— גערעכט, עס קומט אים זיכער רו,
דאַס קריגן וועט ער אויך,
צום ווילן זיינעם כ׳הער זיך צו,
זיין ווילן שאַץ איך הויך...
דער גענעראַל דערויף באַשטייט
און גיט דערויף זיין האַנט...
נאָך מאַרש אויף רוסלאַנד רוען גייט
דער פאָלק אין פאָטערלאַנד!
און ס׳איז אַוועק דער פאָלק אין שלאַכט
קיין כוח נישט געשפאָרט —
דער גענעראַל האָט׳ס גוט געמאַכט,
ער האָט געהאַלטן וואָרט.
אויך דאָ געוועז איז פון דערפאָלג
אַ זייער גרויס געשעפט.
ס׳האָט באַקומען רו — דער פאָלק —
די אייביקע אין סטעפּ!

צוויי פריצן

זאַלבעצווייט אין אַ קאָמפּאַניע
ווינטער אינעם שניי,
זענען שטאָלצע זיי געגאַנגען
בראַווע פריצן צוויי —
בראַווע פריצן, ריטער דייטשע
אינעם לעצטן קריג —
רעדערדיק געפּראַלט די ברוסטן
יעדער אַ שטיק זיג...
ביידע — מערדערשע נאַטורן
און דערביי נאַיוו —
האָט אַנטוישונג זיי געטראָפן
זייער, זייער טיף.
זאַלבעצווייט אין דער קאָמפּאַניע,
אין דער גרויסער שלאַכט —
זיי געהער די וועלט די גאַנצע,
האָבן זיי געטראַכט.
און אַז ס'האָט געמאַכט זיך אַנדערש,
זענען זיי צוריק
ביידע, נישט געטראַכט, געלאָפן
טרויריק אָן מוזיק.
און דער איינער האָט צום צווייטן
גאָרנישט אויף אַ וויץ
טענות שווער געהאַט און מענות:
— איי, ביסט דו אַ פריץ!

צופרידענע

ווינדינג, גריינער און דער שטראַסטער
פון דער ראָטע זעלנער דריי
האָבן זיך אין קריג געאָפּפערט —
מקריב זיין זיך איז כדאי!
זענען זיי אַרויס אויף אויסשפּיר,
דאָס געדויערט האָט אַ נאַכט,
און צוריק פאַר טאָג זיי האָבן
פּיס פאַרפרוירענע געבראַכט.
אַז די פּיס געבראַכט זיי האָבן —
האָט מען נישט קיין סך גערעדט,
אַמפּוטירט מען האָט זיי תיכף
אין דעם נאָנטסטן לאַזאַרעט...
זענען קאַליקעס געבליבן
און אויף קוליעס זיך געשלעפּט
נאָר זיי האָבן באַלד געטרייסט זיך,
וואָס — נישט אַמפּוטירט די... קעפּ!
און זיי האָבן גאָר געפרייט זיך,
וואָס דער גאָט גענאָד זיי טוט
וואָס פאַר זיי — דער קריג געענדיקט
האָט זיך אַמווייניקסטן גוט...
בלוט זיי האָבן אָפּגעגעבן
זיך געאָפּפערט סיי ווי סיי —
ווינדינג, גריינער און דער שטראַסטער
פון דער ראָטע זעלנער דריי.

צום ליבן פריץ!

מיין ליבער, זיסער, שיינער פריץ,
דאָ טו איך דיר איצט מעלדן,
אַז ס'איז די גאַנצע שטאָט אַוועק
אין קריג — צו ווערן העלדן.
עס זענען מאַנסלייט אַלע דאָ
אין קריג אַוועק מאַרשירן,
און ס'זאָגט דאָס האַרץ מיר: אַלע זיי —
זיי וועלן דאָרט קראַפּירן...
עס קומען בריוו שוין אָן אַ סך,
אַז דער און דער נישטאָ איז,
טאָ זעסטו שוין, איך בין גערעכט,
דו זעסט — איך האָב קיין טעות...
פון מענער יעדן טאָג די צאָל
ווערט קלענער אַלץ און קלענער
און כאָטש מיר זיגן נאָך אַנאַנד,
ווערט ס'לעבן דאָרט נישט שענער...
און וואָס וועט זיין, מיין ליבער פריץ,
(מיין האַרץ פאַר דיר איך עפן)
און וואָס וועט זיין, מיין זיסער פריץ,
אַז ס'וועט אַ קויל דיך טרעפן —
אַז ס'וועט דער שלעכטער בייזער טויט
אַוועקנעמען מיין פריצן?
דאַן נעמען וועט אַ רוס — אַ מאַן
דיין קליינע פופע מיצצע...

דערשיסונג

שנעל אַרבייטן! שנעל געאַרבייט זאָל זיין!
באַלד פאַרטיק מיר וועלן עס האָבן!
די אַרבייט מאַכט זיס אונדזער לעבן און פיין!
שנעל אַרבייטן! גראָבן און גראָבן!
געענדיקט — עס איז שוין פאַרענדיקט די גרוב
איצט לייגט זיך אין איר — איר באַגרעבער.
אַזוי — מיט אַן אָרדנונג — אַ בוב מיט אַ בוב
און גאָט וועט אונדז זיין אַ פאַרגעבער!
עס מאַכט נישט וואָס ענג איז, באַלד ווערן וועט גוט
פיל בעסער ווי מיר, און גאָר טייער
דאָ — פופציק? יאָ, פופציק! נאָך איינע מינוט!
און ס'בילט דער יעפרייטער: — העי, פייער!
— העי, פייער! און ס'הילכן די טרוקענע קלעפּ,
די שאָסן פון די רעוואָלווערן:
געצילט ווערט דאָך פראַקטיש, געצילט ווערט אין קעפ
נאָך פינקטלעכער איז עס אין שטערן...
קוקט זון ביי איר אויפגאַנג געלאַסן און מילד
מיט בליק מיט אַ גאָלדענעם קלוגן,
און ס'ליגן אין גרובן געהאָרכזאַם פאַרשטילט
די יידן די פופציק הרוגים...

אַ חרפּה, אַ שאַנדע

קליינע באַלאַדע

עס שטייען דריי ראָבן אויף צלמים אויף דריי,
דריי טרויעריק־פינצטערע ראָבן —
מיט קולות מיט גרעלע מיט שוואַרץ קראַקעריי —
זיי גראָבן און גראָבן און גראָבן.
די צלמים פאַרחושכטע שטאַרצן דאָ שטאַר,
ווי טענות צו עמעצן האָבן,
און רופן זיך אָפּ מיט פאַרדראָס און מיט צער
צו טרויעריק־פינצטערע ראָבן:
— „פאַר וואָס האָט מען דאָ אונדז אויף קברים
געשטעקט —
אויף קברים פון רויבער, באַנדיטן!
פון דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך געענדיקט, געעקט —
מיר ווילן די רו זיי נישט היטן!"
און ס'פינצטערן ראָבן פון אויבן אַראָפּ
און פינצטער די צלמים דערציילן —
זיי קראַקען מיט קולות, וואָס הייזעריק־גראָב:
— נבלה, נבלה, נבלה!
עס שטייען דריי ראָבן אויף צלמים אויף דריי
זיי רעדן זיך דורך נאָכאַנאַנדער
אויף שטום לשון צלמישן, קראַ־קראַקעריי:
— אַ חרפּה, אַ וויסטע — אַ שאַנדע!

קויל

אין פראַסט איבער שניי פליט אַ זודיקע קויל
אַ שאַרפע, אַ פייער־צעגליטע,
זי פליט, ווי דער טיפער גערייסענער „אוי״
וואָס לופט האָט אין מיטן צעשניטן.
איין רגע געדויערט אין לופטן דער פלי —
דער שפּיי פונעם בלייענעם פייער —
איין רגע געדויערט פון קויל האָט דער ברי,
דער צי פון דער טויטער העוויה...
איין רגע — איר פלי איז אַ קורצער געווען —
אַן אָטעמצוג פלינק אינעם שוועבן,
און פראָסט האָט געזען, און דער שניי האָט געזען:
אַרונטער די מאַסקע פון לעבן!...
געשען איז דאָ וואָס און פאַר וואָס און פאַר ווען —
אַ לעבן געריסן אין מיטן?
פאַר וואָס דען געקומען פון קויל איז דער ברען,
פון קויל אין נקמה צעגליטער?
אוי, הייס איז געווען פון נקמה דער פלאַם,
נקמה פאַר רויבער־מלחמה...
דער האַס איז אַ סם און נקמה אַ סם,
וואָס האָט קיין באַזונדערן נאָמען.
איין רגע געפלויגן די קויל איז — און האַלט —
געטראָפן אין איינעם פון באַשן,
און האָט זיך אין האַרץ פונעם שונא, וואָס קאַלט
אין טריפהנעם בלוט באַלד פאַרלאָשן...

קיין מאָל נישט פאַרגעסן

פאַרגעסן לאָמיר ליבער, פאַרגעסן לאָמיר בעסער
די שרעק, וואָס גייט נישט איבער — די נעכט פון
לאַנגן מעסער,
די יאָרן, וואָס פאַרפאַלן, און נישט צוריק געפונען —
ווען יידנבלוט אויף מעסער אָן אויפהער איז גערונען.
פאַרגעסן לאָמיר שנעלער, פאַרגעסן לאָמיר גיכער
די שייטערס גייסט פאַרשפּיגן, די ברענענדיקע ביכער,
די קאָנצענטראַציע־לאַגערס, די פּייניקונג פון גיהנום,
דעם שווידער לאָמיר מער נישט געדענקען און נישט
זען אים!
פאַרגעסן לאָמיר פלינקער אין דער געשיכטע — קענען
די אומשולדיק־געשענדטע, די מענטשן די מיליאָנען,
די מענטשן יונג־פאַרשניטן, בגוואַלד די אומגעבראַכטע —
פאַרגעסן לאָמיר בעסער און מער דערפון נישט טראַכטן.
פאַרגעסן לאָמיר בעסער... ניין, קיין מאָל נישט פאַרגעסן,
אין פריילעכסטע מעת־לעתן, אין גליקלעכסטע מעת־לעתן,
ווייל ס'וועט דער טויט זיך שטעלן פאַר אַלע אונדז
פון פאָרנט
און מיט די ציינער קריצן: איך וואָרן אייך, איך וואָרן...
ס'איז אייביק די נקמה — נישטאָ זיך וואָס צו שעמען —
אַז אייביק די נקמה פאַר טויטע זאָלט איר נעמען
און דעמאָלט ערשט דאָס רוען אין אייער אַרבעט זוכן:
געפינען וועט איר רו דאָן און זיכערע מנוחה.
ניין, קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אויף תמיד פאַרגעדענקען,
וואָס קיין שום דורות לאַנגע אַרונטער וועלן שווענקען,

און ווער פֿאַרגעסן עמעץ — זאָל ס׳אומגליק אים פֿאַרצוקן,
און ווער די האַנט ס׳דערלאַנגט זיי — זאָל האַנט די
ווערן טרוקן!

דער אַווטאָמאַט רעדט...

איך בין בלויז מאַשין, אַ מאַשין — אַווטאָמאַט,
איך ווייס נישט ווער ס'האָט מיך — און ווער האָט
— געהאַט
מען זאָגט מיר, אַז כ'בין אַ בראַווער סאָלדאַט —
מיין היץ — 36 מיט עטלעכע גראַד...
איך בין אַ מאַשין — פונעם מין, וואָס הייסט מאַן
(אַ פרוי און אַ מאַן איז אַ חילוק פאַראַן).
פון דאָרטן ביז דאָרטן, פון דאַנען ביז דאַן
קוים הייסט מען מיך שפּאַנען, טאָ שפּאַן איך און שפּאַן!
מען הייסט מיר זיין מערדער — אַ מערדער איך ווער,
מען הייסט מיר זיין רויבער — אַוודאי נישט שווער,
מען הייסט מיר פאַרגוואַלטיקן — ביטע, אַהער:
— מיין ליבכען, מיין ליבכען, וואָס ווילסטו נאָך מער?
איך בין אַ מאַשין מיט מאַשין־דיסציפּלין —
אַן אומגליקלעך שרייפל אין גרויסער מאַכין —
באַפעלט מען זיין זינלאָז, טאָ זינלאָז איך בין,
דעם גולם צו דינען — דעם גולם איך דין...
עס איז דאָך מסתמא פאַראַן אַ געזעץ:
אַ גולם צו ווערן ביים דינען צום געטש,
צו ווערן פאַרלעצט ביי דעם דינען אַ לץ,
פון קרעציקייט זיינער צו ווערן אַ קרעץ... —
איך בין בלויז מאַשין און מיין לעבן כ'פאַרדין
מיט לעבן אָן זינען און נישט מיט אַ זין.
וואָס האָט פאַר אַ זינען אַ לעבן מיט זין?
כ'בין גליקלעך, וואָס כ'ווייס נישט, ווי אומגליקלעך כ'בין!

דער פאַרסמטער ברונעם

בעת זונפאַרגאַנג עס זענען אַלע זונען
אין רויטקייט קופערנער צעברענט, צעפלאַמט —
אַוועק אַ זון איז פון אַ טיפן ברונעם,
וואָס איז אויף אייביק שוין פון פיינט פאַרסמט.
דער אויבערפלאַך עס קוקט אַרויף אַ טריבער
צו טאָג און נאַכט די הוילע אומפאַרדעקט
און בלויז אַ ווינט עס כאַפּט אויף אים אַ פיבער
און די צעקנייטשטקייט זיינע דעמאָלט שרעקט —
ס'איז שרעק און טויטקייט דאָרטן איינגעזונקען,
וואָס זענען נאָך לעת־עתה נישט דערפאָרשט.
פון ברונעם האָבן דורות פיל געטרונקען,
ס'האָט יונג און אַלט געשטילט פון אים דעם דאָרשט.
ס'האָט ווינט אויף אים געפאָכט און אומגעפליגלט
אויף ברונעם, וואָס איז לויטער קלאָר געווען,
לבנות האָבן זיך אין אים געשפיגלט —
ביז ס'איז דאָס גרויסע אומגליק דאָ געשען —
ביז ס'האָט אים אין אַ ברוינער נעץ פאַרשפונען
אַ מיטלאַלטערלעכע ברוינע שפין
און ס'איז מיט האָס פאַרגיפטיקט איצט דער ברונעם
און אָט פאַרציט אים איצט אַ שליים אין גרין.
ער אָטעמט שוין מיט טויטע פוילע ריחות,
ווערט בלאָס די זון אין אונטערגאַנג־געוואַנט,
און די לבנה אויך אין אויפגאַנג בלייך איז
אויף ברונעם — אונטערגאַנג פון מאָרגנלאַנד!

אלף — סוואַסטיק

פאַר וואָס ביסטו „אלף" אין מערדערישע הענט
געוואָרן אַן אות פון פאַרברעכן ?
פאַר וואָס דווקא דו האָסט דיין בכורה פאַרשוועכט —
פאַר וואָס דווקא דו — אויסגערעכנט ?
פאַר וואָס ביסטו גורם צו וועלטמערדער,
וואָס אַלץ קעגן דיר וועט פאַרבלייכן ?
פאַר וואָס האָסטו געדולדיקט דעם בלוטיקן שפּיי —
פון גיהנום צו ווערן דער צייכן ?
פאַר וואָס האָט משוגענער רויבער־באַנדיט
אויף פענער צעשמירט דיך אויף זיינע ?
פאַר וואָס האָסטו ערשטיקייט דיין נישט געהיט
און אויפגעהערט ערשטיק צו שיינען ?
פאַר וואָס האָסטו הייליקייט דיינע פאַרלעצט
און גרויזאַם מען האָט דיך געשענדעט,
געוואָרן צרעת, געוואָרן פאַרקרעצט —
ביסט איצטער אַ פּחד־לעגענדע ?
פאַר וואָס זיך דערווייטערט פון מענטשלעכן מין,
געוואָרן אַ צייכן פאַרהאַסטער —
פון „אלף" געוואָרן געשפּענסט פון אַ שפּין,
פון „אלף" געוואָרן — אַ סוואַסטיק ?
איצט עלנט וועסט ווערן און פרעמד נע־ונד —
רציחה און גזילה דיך אַרבן,
דער צייכן פון שווינדלער, פון גענגסטער, פּיראַט —
מיט מתים־געביין און מיט שאַרבן !

זיין פאַרלאַנגען
(ציניִשע באַלאַדע)

עס שטייט פאַר דעם פירער דער טויטער סאַלדאַט :
— הייל־היטלער ! — מיט האַנט מיט געשטרעקטער.
מיט שטומקייט מיט זיינער, מיט שטומקייט נישט גלאַט
די פינצטערע שטילקייט דערשרעקט ער.
— ווער איז דאָ ? וואָס ווילסטו ! וואָס שטייסט
אויף איין אָרט ?
וואָס איז ער — דו זאָג — דיין פאַרלאַנגען ?
און גאָרנישט עס ענטפערט דער קרבן פון מאָרד,
אין קלעמען פון טויט איז געפאַנגען...
— וואָס איז דיין פאַרלאַנג, דו ענטפער מיר אָפּ,
און נישט אַפּעליר צום געוויסן !
קוים ענטפערסט נישט גלייך, באַצאָלסט מיטן קאָפּ,
באַפעל איך דיך נאָך אַ מאָל שיסן !
וואָס איז דיין פאַרלאַנג, דערגרייכסט האָסט צום ציל —
פאַר ס'פאָטערלאַנד ביסטו אַ קרבן —
טאָ נישט אַפּעליר צום רחמנות־געפיל,
פאַר דעם בין איך לאַנג שוין געשטאָרבן...
וואָס איז דיין פאַרלאַנג ? לאָז פאַלן אַ וואָרט,
מיין מיינונג עס בלייבט נישט געענדערט —
אַ מת ביסטו איצטער, פון דעסט וועגן פאַרט
אַ הער איבער פעלקער און לענדער !
וואָס איז דיין פאַרלאַנג ? — און פון אָרט מאַכט אַ טריט.
מיט האַנט דער פאַרשטאַרטער געצויגן
שפרינגט טויטער סאַלדאַט און ער צילט אין דער מיט
און זעצט אויס דעם פירער די אויגן !

אָפּגרונט און גרונט

נישטאָ קיין שטערן אין דער נאַכט,
עס וויינט דער ווינט און הונט
און אָפּגרונט פינצטערער עס וואַכט
און זוכט ביי זיך אַ גרונט...
ווּ איז דער גרונט פון טיפן צער,
פון טויט־געצוווּנגען — יונג?
נישטאָ פאַרענטפערונג דערפאַר,
קיין סימן נישט, קיין פונק.
נישטאָ קיין שטערן אין דער נאַכט,
פון ליכט נישטאָ קיין גרוס,
די פינצטערניש האָט אַלץ פאַרמאַכט
אין אָפּגרונט פונעם שטות...
און ס'הערט די נאַכט קיין מענטשלעך וואָרט,
געריסן פונעם וויי —
נאָר — ווינט און הונט, און רויב און מאָרד,
פון שטומקייט געוואַלד־געשריי!
מיט פינצטערניש איז אויסגעבעט
דער גאַנצער חלל שוואַרץ
און ס'רעדט, קיין גלייכן וואָרט נישט רעדט
פון גרונט ס'פאַרקלעמטע האַרץ —
נישטאָ קיין שטערן אין דער נאַכט,
עס וויינען ווינטן, הינט
און איצט אַ קינד אויף וועלט געבראַכט —
וויינט יאָמערלעך דאָס קינד!

יידיש לאַכן!

דאָס פּנים צעריסן, באַגאָסן מיט בלוט,
אין שווערע יסורים און קומער,
פאַרלוירן דעם זינען פאַר שלעכטס און פאַר גוטס,
ער שטייט ביי דער וואַנט איצט אַ שטומער —
דער קול אויסגעריסן אַרויס פון דער קעל,
די אויגן פון לעכער געקראָכן,
דאָס שטייט ער, דאָס פירט ער איצט אויס אַ באַפעל
אין גאַנצן צעשמעטערט, צעבראָכן...
— שטייט רואיק, צום וואַנט זיך נאָך נעענטער גערוקט,
אַ פאָטאָ פאַר צוקונפט מיר מאַכן...
קוק, יודע, צום ביקס צו... נאָר פריילעך געקוקט
און יודיש, און יודיש זאָלסט לאַכן...
פאַרשטייסט נישט, וואָס לאַכן אויף יידיש עס הייסט? —
(עס וווּנדערט זיך שטאַרק דער, יעפרייטער):
אַ ייד זאָל נישט ויסן, וואָס איטלעכער ווייסט,
ס'הייסט — ליפּן צעשפּרייטן נאָך ברייטער!"
און גראָבע צוויי פינגער געשטופּט אים אין מויל
עס האָט דער יעפרייטער פאַרביסן —
און שטומער און טויבער געוואָרן דער גרויל,
ביים יידן דער מויל איז צעריסן...
די פאָטאָ געמאַכט איז, דערשאָסן דער ייד
און מערב־לאַנד אויף אייביק וועט קראַכן,
און אויף דעם גוואַלדריס, אויף אייביק פאַרהיט —
פאַרבלייבן וועט ס'יידישע לאַכן!

מענטש און גאָט

ס'איז נאַכט — ס'איז נאָך נישט שפּעטע נאַכט —
עס לייכטן קנאַפּע שטערן,
גראָבט איינער ערד, דער צווייטער וואַכט,
און ביידע עפּעס קלערן...
דער גרעבער איז אַ יונגער ייד,
אַ דייטש עס איז דער וועכטער,
דער ייד גראָבט, דער דייטש ער היט
— אַזוי איז'ס, גאָט גערעכטער!
מיט הוילע הענט גראָבט ייד די ערד,
דער וועכטער איז באַוואָפנט —
דער ייד עס קלערט, דער דייטש עס קלערט:
— זאָל גאָט אונדז נאָר נישט שטראָפן.
דער דייטש איז ווייט פון היים און שטוב,
אָט דער אָ דייטש איז גלייביק...
דער ייד ער גראָבט פאַר זיך אַ גרוב,
אַ שטוב, אַ היים אויף אייביק...
נאָך לאַנגן שווייגן זאָגט דער דייטש:
— העי, מענטש! דו זאָלסט מיר זאָגן:
העי, מענטש!... וואָס שווייגסטו? זאָג, וואָס טייטש,
צי מיר אַ גאָט פאַרמאָגן?...
נאָך רופן מענטש צום דריטן מאָל
זאָגט ייד באַטראַכט אַ ווײַלע:
— אַ גאָט איז אפשר דאָ צומאָל,
נאָר צי אַ מענטש — אַ שאלה!

איוואַן דער אייניקל

— אין דאָרף אין שכנישן דו פיר אונדז, אַלטער מאַן,
פיר אַפּ מיט זעכציק אונדזערע די לאַסטמאַשינען,
מיר דאַרפן מיט ס'געוועג אַוועק פון דאָרף, פון דאַן!
— איך וויל נישט און איך וועל נישט אויך דעם שונא דינען!

און אַז מען שלאָגט האַלב טויט, ער זעט פאַר זיך דעם סוף,
און קוים אַן קאָן אבר דער אַלטיטשקער שוין רירן,
איז מסכים ער — איוואַן פּעטראָוויטש איוואַנאָוו
די דייטשן מיט די אויטאָס זייערע צו פירן...
עס ליגט זיין טולער קאַנט ביי אים, ווי אויף דער האַנט,
ער קען דאָ איטלעך וועג און שטעגל — אויסגעבונדן,
נאָר אַז ער וויל, אַז ליב האָט ער זיין היים און לאַנד,
ווערט וועג דער נאָענטסטער און דער גלייכסטער באַלד פאַרשוווּנדן...

— פאַר וואָס עפּעס, דו אַלטער, האָסט פאַרפירט אין וואַלד?

— דערפאַר, וואָס קירצער איז דער וועג און אומגעפערלעך?

— צי וועלן מיר צו אונדזער ציל דאָ קומען באַלד?
דער אַלטער שמייכלט: — באַלד... אַוודאי... כ'זאָג אייך ערלעך...

און אַז פאַרקראָכן מיט דעם גאַנצן האַק און פּאַק,
און טיף אַריינגעקראָכן נישט אַרויסצוקריכן,
דערשאָסן ווערט דער אַלטיטשקער, באַקומט זיין פסק,
און ס'ווערט די דייטשן זייער לעבן שוין נישט ניחא —

פֿאַרפֿירט זײַ זענען אינעם ווילדן וואַלד אויף פּראָסט,
אין אים, אין טויט אַרײַן פֿאַרבלאָנדזשעטע זײַ שפּאַנען —
באַצאָלט ס'האָט איוואַנאָוו זײַן חשבון ערלעך, פּראָסט,
איוואַן דער אייניקל פֿון דעם איוואַן סוטאַנין!

מיט שטעקנס דערהרגעט

קיין אויסוועג נישט געווען אין שלאַכט,
דער אייזנרינג האָט אומגענומען
און נישט באַוויזן — וועג פאַרמאַכט —
איז אויך דער טויט נישט אָנגעקומען.
מיט אַ פאַרגליווערטן ירגזון
געפאַנגענע אין ברייטער ריי,
אין הערצער האָט זיך ווינט צעלאָזן...
— די יודען פון דער ריי הערויס !
ס'איז דער באַפעל לאַקאָניש זייער,
דאַן פון דער ריי עס טרעטן בלאַס
אַרויס פיר יודען — רויטאַרמייער
און ס'דויערט נישט קיין אויגנבליק —
עס פלאַצן אויס פון האַס די קוואַלן
און שטעקנס פליען אום געשיקט,
און שטעקנס־קלעפּ אויף גופים פאַלן...
אַן אימהדיק געדרעשעריי —
עס דויערט רגעס בלויז, סעקונדן
און אַן אַ רוף, און אַן אַ שריי,
די פאָרם פון מענטשן ווערט פאַרשוווּנדן.
פיר ווונדן — אויף מאַזשייסקער ערד,
פאַרקלעמטע די חברים שטומען,
און דאָס געזען און דאָס געהערט
ווי שפּעט דער טויט עס איז געקומען !

קאַראַמבאַ!

— אין היימלאַנד, אין דעם זונענלאַנד,
אין מיילאַנד, אין מילאַנאָ,
עס גלעט די זון מיט הייסער האַנט,
איז זון אַ סך פאַרהאַנען.
טאָ ווער האָט דיך אין ווינטערלאַנד
אַהער געטאָן פאַרשלעפּן
אויף אומגליק גרויס, און גרויסער שאַנד,
דו אָרעמער דזשוזעפּפּאָ?
— אַ קלאָג אויף זיי, אויף יידע צוויי
אויף אָט די הינט געבריטע.
מיין צער אויף זיי, מיין וויי אויף זיי,
אויף אַדאָלף און בעניטאָ!
וואָס טו איך דאָ אין פראָסט און וואַלד,
ווו בין איך דאָ געגאַנגען?
און הלמאי כ׳דאַרף אויסגיין באַלד
פון ווייסן טויט געפאַנגען...
און זאָג פאַר וואָס, דו שוואַרצע קראָ,
דו קראַקעסט, רופסט די כמאַרע
קאַר־קאַר... דו ציילסט די לעצטע שעה?...
איטאַליאַ — מיאַ קאַררא!...
קאַרריסימאַ, געריסן כ׳האָב
אויף דיר פון האַס אַ דאַמבע
אויף זונענלאַנד און אויף איר קאָפּ
קאַר... קאַר... נישט שריי... קאַראַמבאַ!

דייטשלאַנד וואַרט!

ס'איז שמאָל דער שטערן פון דעם זעלנער דעם קרעטין,
פאַרעקשנט וואַקסן אים די האָר פון שטערן;
די אויגן — קליינע פון דעם חזרישן מין,
און לאַנגע אויערן, באַפּעל צום הערן...
פון באַבעס, זיידעס צדדים איז ער ראַסע ריין,
אַן אויסגעצייכנטער, אַן אויסדערוויילטער —
אַ וואַרער עדות איז די קאַלטקייט זיינע געמיין,
אַז אמתדיק איז דאָס, וואָס איצט דערציילט ער:
— יאַוואָל, ס'איז ריכטיק אַלץ, ס'איז וואָר דאָס אַלץ,
עס שטימט,
פאַרגעוואַלטיקט כ'האָב, געמאָרדעט און געשענדעט,
ביים אויבערלייטענאַנט איך בין באַרימט דערמיט —
אַ שאָד נאַר... ס'איז אַ שאָד, וואָס שוין געענדיקט...
— פאַר וואָס האָסטו געטאָן עס, שוטה דו, דו נאַר?
מיט וואָס פאַרזינדיקט זיך האָבן אָט די זקנים?
פאַר וואָס האָסטו דעם קינד און קייט פאַרשאַפן צער?
און איינגעוויקלט אַלץ אין גרויל אין איינעם?
— וואָס הייסט? פאַר וואָס? די אורזאַך איז דאָך
פראָסט און קלאָר
וואָס טויגן פראַגן די — די אַלע שאלות?
צי איז עס נישט די ריכטיקע, די הוילע וואָר,
אַז ס'איז מיין דייטשלאַנד שטענדיק איבער אַלעס!
גערמאַניאַ מוז די ערשטע אין גרויסער שלאַכט,
דעם ערשטן פרייז מוז האָבן זי גענומען,
זי מוז זיך פריער נוקם זיין — אָ, דייטשלאַנד וואַכט! —
פאַר דער נקמה, וואָס פון אייך וועט קומען!...

מיין האַנטגראַנאַט

אַרומגערינגלט בין איך איצט פון אַלע זייטן
און ס׳ווערט אַלץ ענגער אַרום מיר דער קרייז,
איך ווער דערשטיקט אין קרייז אין דעם פאַרשייטן,
ביז בלוט דאָס האַרץ מיינס איך פאַרבייס.
אַלץ ענגער ווערט דער קרייז פון בלוטן־שונאים,
דער סוף דער גרויזאַמער באַלד קומט... איך זע:
פאַרזעעניש פון גאָיאַ — יעדער פנים,
פאַרקריפלעניש — די זעונג פון דאַמיע...
אַלץ ענגער ווערט דער קרייז — קאַריקאַטורן,
אַזעלכע פון קיין קינסטלער נישט געאַנט,
אָן סימן מענטשלעכקייט, אָן קיין שום שפורן —
די שרעק דערשראָקן ווערט — אַ ווייס געוואַנט....
אַזוינס נאָך נישט געווען — דער מענטש אַ שפּיי איז!
עס איז די צייט פון אונדז — אין אייביקייט:
דער מענטש אין קלעם, פאַריאָגט פון ווילדע חיות —
פון זיי אַרומגערינגלט און באַשפּייט...
אַלץ ענגער ווערט דער קרייז, כ׳שפיר זייער אָטעם,
כ׳שפיר זייער בליק אויף זיך, די נעגל, ציין.
אין קרייז פון הפקר־דינים און משפטים —
און איך אַרומגערינגלט בין אַליין...
אַלץ ענגער ווערט דער קרייז, באַלד כ׳ווער צעריסן —
טאָ בין איך נוקם זיך פאַר ברידערמאָרד,
כ׳בין גרייט — און מיט אַ רואיקן געוויסן
איך וואַרף מיין האַנטגראַנאַט — מיין צאַרנוואָרט!

26 פאַרפרוירענע

זעקס און צוואַנציק זענען זיי פאַרבליבן,
נאָר געווען זענען זיי דאָך מערער...
פונעם גרויסן שליאַך אין וואַלד פאַרטריבן,
און ווי נאָדלען שטעכן פראָסט אין שטערן.
פונעם גרויסן שליאַך אין וואַלד פאַרטריבן
האָבן זיי די פינף די פאַרטיזאַנער,
— אַך, ווי גרויזאַם, שרעקלעך, גאָט דו ליבער,
אינעם וואַלד אין פראָסט און הונגער שפּאַנען...
אַך, ווי גרויזאַם, שרעקלעך, גאָט דו ליבער,
חיות זענען מיר אין וואַלד צו יאָגן,
ס'וועט די קלאָג פון אונדז שוין נישט אַריבער —
פיל נפשות איצט אויף אונדז עס קלאָגן!
ס'וועט די קלאָג פון אונדז שוין נישט אַריבער.
לאָזט מען נישט צוריק אונדז גיין אויף שליאַכן;
האָסט זיך איינגעבראָכן, פרענצל, דו דער גיבור,
אָנגערויבט דו האָסט אַזוי פיל זאַכן!...
האָסט זיך איינגעבראָכן, פרענצל, דו דער גיבור,
אַלע זענען מיד פאַר שרעק אַוודאי,
אַלע טרייסלט איצט דער לעצטער פיבער.
זעצט זיך אויס אויף ביימער, קאַמעראַדן!
אַלע טרייסלט איצט דער לעצטער פיבער.
זעט איר, זעט די פאַרטיזאַנער רויטע...
זעקס און צוואַנציק זענען זיי פאַרבליבן
אין קאַזעלסקער וואַלד פאַרפרוירן טויטע...

אומפֿאַרשעמטקייט

ווען זיצן שפּעטער אַ היסטאָריקער און טראַכטן,
די אויגן איינגעגעסן אין אַ דאָקומענט:
פֿון דאַטן, ציפֿערן און פֿאַקטן דאָ געבראַכטע —
עס האָט זיך מענטשן־מין אין חיהשקייט דערקענט.
אַזוי פֿיל אומזין, שטומפּזין, וואַנזין — דאָקומענטן:
פֿאַנטאַסמאַגאָרישער נישט דאָ געדאַכט קאָשמאַר!
פֿיל הייליקייטן — מיטן וואָרצל אויסגעברענטע,
אַזוי פֿיל פּיין, אַזוי פֿיל וויי, אַזוי פֿיל צער!
ווי האָט זיך עס געשיקט, ווי מעגלעך דען געוועזן
אַרויסלאָזן אויף פֿריי די העסלעכקייט אַליין,
די שפּלדיקע שאַנד, די חרפּה אין איר וועזן
און — אָפּגעדעקט אַזוי אין ליכטיקייט צו גיין?
ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַ וועלכער בייזער דעמאָן,
אַרויפֿצוּוואַרפֿן אויף דער וועלט אַזוי פֿיל גרויל?
אַן אייגן לאַנד, אַן אייגן פֿאָלק אַזוי פֿאַרשעמען
און נאַקעט ווייזן האַרץ און מוח דורכגעפֿוילט?
ווער האָט עס אויסגעטראַכט — אַזוי נישט קענען טראַכטן,
און פֿירן זיך ווי אין תּקופֿה פֿון רויען שטיין,
און צווינגען זיך אַליין אַזוי מין שווער פֿאַרשמאַכטן.
ווער איז דאָס פֿאָלק, וואָס האָט דערויף געקענט באַשטיין?
ווען טראַכטן שפּעטער אַ היסטאָריקער פֿאַרזעסן,
און וווּנדערן זיך שטאַרק פֿאַר וואָס און הלמאי
מען האָט דאָס מענטשנפֿלייש געשלאַכטיקט נישט געגעסן,
בעת הפֿקר האָט געבושעוועט אַזוי מין פֿריי?...

אינטערוויו מיט היינריך היינע

דער מייסטער היינע שמייכלט שטיל
מיט ווינקלען פון די אויגן:
דערגאַנגען צו אַ פיינעם ציל —
צו וועלכן ציל דערפלויגן ?...
— אַנטשולדיקט, כ׳שטער אייך אייער רו,
איך וויל אייך עפּעס פרעגן,
כ׳וויל מאַכן קורץ אַן אינטערוויו...
— „כ׳האָב גאָרנישט נישט דערקעגן !״...
— וואָס זאָגט איר צו דער לאָרעליי ?
ס׳איז אומבאַקאַנט דער דיכטער —
פון לאָרעליי... אַז ווי צו זיי !
— „דאָס פאָלק וועט זיין דער ריכטער״.
— די ביכער אייערע פאַרברענט,
געמאַכט אַ בראַנד־לוויה —
אַיעדן בוך געברענט, געשענדט !
— „טאָ וועט מען דרוקן נייע !״
— די דענקמעלער פון אייך צעשטערט,
צעשמעטערט יעדן סימן
דאָס איז דאָך שרעקלעך, אומדערהערט...
— „איך קען דערמיט זיך רימען״...
דעם דיכטערס פנים איז געשפּאַנט,
זיין פנים גרויסער קוואַל איז:
— „דאָס אומגליק איז, וואָס אין דער שאַנד
איז דייטשלאַנד איבער אַלעס״...

די פּאַרטיזאַנערין

מען האָט געפּרוווט מיט צוזאָגן, מיט גוטן —
זי האָט געשוויגן;
מען האָט געפּרוווט מיט בייזן צאַפּן אירע בלוטן —
פּאַרקלעמט איר מויל;
מען האָט געפּייניקט זי מיט אַלע שווערע פּיינען,
זי'ט בלוט געשפּיגן;
מען האָט געפּרעגט, ווו אירע פּאַרטיזאַנער זענען
— פּרעגט ביי דער קויל...
מען האָט זי נאַקעט אומגעפירט אין דאָרפישע גאַסן —
זי איז געגאַנגען;
מען האָט פון איר געחוזקט ווילד און אויסגעלאַסן
געברילט, געברומט;
מען האָט די הויט, די נעגל פון איר לייב געריסן
מיט אייזנצוואַנגען;
מען האָט פאַרגוואַלטיקט זי, דערנאָך געשמיסן —
זי האָט געשטומט...
מען האָט אירע פינגער אָפּגעהאַקט, די ברוסט געשניטן
זי'ט ציין פאַרביסן.
זי האָט זיך נישט פאַרראַטן, שטאָלץ — און אָפּגעהיטן
פון געוויין.
נאָר אַז איר קאָפּ אין שטריק געלייגט עס האָט דער
תלין —
האָט'ס אויפגעריסן:
— זע, היימלאַנד מיינס, זע, מיין פאָלק,
כ'שטאַרב הערלעך שיין!

אויסגעפירט...

— שטיין גלייך און אויסגעצויגן,
נישט רירן זיך פון אָרט!
אַזוי באַפעלט דער תליון
דאָס איז באַפעל — זיין וואָרט...
נאָך שוואַך דער רויטאַרמייער —
ער שטייט נישט אויף די פיס,
ער איז דאָך שווער פאַרוואונדעט,
און אויסגעהונגערט איז,
און האָט אַ ריס אין האַרצן
וואָס טוט אַזוי מין וויי,
זיין חוב איז איצט נישט רעדן
נישט געבן קיין געשריי...
און אַז צו שטיין ער קען נישט,
ער וואַקלט זיך און פאַלט —
מען שטעלט אים ויף אויף ס׳כוח,
מען שטעלט אים אויף בגוואַלד:
מען פירט אַרויס אים דרויסן
אַ נאַקעטן אויף פראָסט
און שטראָמען וואַסער גיסט מען —
אויף אים — ביז ער פאַרגלאָזט!
שטייף און אייז־געגליווערט —
מיט אויגן אָפן ברייט —
פאַר תליון זיינעם שטייט ער:
אַ טויטער — גלייך ער שטייט!

##ווער ווייסט?

ס׳איז גרויס די חרפה גוואַלדיק —
ס׳איז דער פאַרברעכן שווער,
ווען מענטש איז חיהש, וואַלדיק
ווער ווייסט — ווער שולדיק מער?
די פראַגע דאַרף מען שטעלן:
ווער מער אין זינד איז גרויס:
צי דער, וואָס גיט באַפעלן;
צי דער, וואָס פירט זיי אויס?
איין זאַך — דער שונא ביטער
האָט אָפן זיך דערקענט:
בעת פייניקונג געציטערט,
געשוידערט האָבן ווענט!
עס האָבן אָט די בריאות
נאָך מענטשנבלוט געלעכצט,
געסקריפּעט האָבן תליות,
זיי האָבן שווער געקרעכצט...
עס האָט זיך בלוט געצונדן
אין פראָסט און שניי געגליט —
אויף לעבעדיקע ווונדן,
האָט מען זאַלץ געשיט!
ס׳איז גרויס די חרפה גוואַלדיק,
ס׳איז דער פאַרברעכן שווער,
ווען מענטש ווערט חיהש וואַלדיק —
ווער ווייסט: ווער שולדיק מער?

דער יעגערפּאָלק

דער רומפּולער, דער יעגערפּאָלק
פאַרמאָגט בלויז בראַווע העלדן,
וואָס אומעטום געהאַט דערפאָלג,
און מיסדערפאָלגן — זעלטן...
דער רומפּולער, דער יעגערפּאָלק
האָט מיסדערפאָלגן זעלטן,
יחסנים זענען זיי פון פאָלק:
זיי קערן ממש וועלטן...
דער רומפּולער, דער יעגערפּאָלק
האָט אויפגעטאָן אַ נייעס —
ער האָט דערטראַכט זיך צו אַ טאָלק,
פאַרוואַנדלט זיך אין חיות...
דער יעגערפּאָלק איז ווילד אין שלאַכט,
צערייצט — זיין כוח טראָגט ער.
אין דער סכנה אומבאַטראַכט —
אין דער געפאַר זיך יאָגט ער...
דער יעגערפּאָלק איז ווילד אין קאַמף
און דאַמף אַ סך, פאַרמאָגט ער.
ביז ער, אין חיהשער געשטאַלט,
וואָס העלפן קען קיין דאָקטאָר,
דער יעגערפּאָלק אַליין אין וואַלד
צעפּאַלט, אַן אָנגעיאָגטער...

ריינער אַריער

צוויי יונגע בורשן פראַנץ און פריץ,
אי דער, אי דער אַ נאַצי,
מיט גרויס טעמפעראַמענט און היץ
זיך קעגנזייטיק קראַצן...
ביי ביידע — בלוטן אויפגעברויזט
און אויפגעפלאַמט דער מאַרך איז,
די ביידע — מוראדיק פאַרלויזט,
ביי ביידע — וואַזשנע פאַרכעס...
די ביידע מאַכן אונטער זיך
(ס'איז וואָר! ס'איז נישט צום שפּאַסן!)
— אָ, פריץ, זאָגט פראַנץ, כ'פאַרזיכער דיך
מיר זענען ריינסטע ראַסע!...
צי וויל די וועלט, צי יאָ, צי ניין,
איך שווער דיר: יעזוס מאַריאַ!...
מיר זענען פון אַ ראַסע ריין,
מיר זענען ריינע אַריער...
— אָ, פראַנץ — זאָגט פריץ — עס איז נישט גוט,
(זיין רעדן שטאַרק נערוועז איז...)
די מאַריאַ האָט דאָך יידיש בלוט,
און ס'איז אַ ייד דער יעזוס...
— יאַוואָל, נישט גוט!... און גאָט אַליין
נישט ריין!... ס'איז דאָך צום פּלאַצן!
און פראַנץ און פריץ די אַריער ריין
אין ספקות שטאַרק זיך קראַצן...

פאַקלטרעגער

די יאָרן ציען און נאָך אַנאַנד
דער פירער האָט געדרשנט —
געגאַנגען זענען זיי אין לאַנד
אין נאַכט פון פאַקלמאַרשן,
געצונדן האָבן זיי, געברענט
סיי מענטשן און סיי ביכער
פאַרברענט, פאַרשניטן און פאַרלענדט
אכזרדיק און זיכער.
דערנאָך איף אונדזער גרויסן לאַנד
צום מאָרדן און צום רויבן —
עס האָט זיך אונטערצינדער־האַנט
מיט פאַקלען אויפגעהויבן.
געברענט דאָס דאָרף, געברענט די שטאָט,
פון יעדער עק געצונדן —
און אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט,
אין רויבערזעק געבונדן...
עס האָבן אויפגעשרפעט נעכט —
געשוידערט אין געלעגער
און דעם מענטש און ס'לאַנד פאַרשוועכט
דורך מערדער פאַקלטרעגער.
געגאַנגען פונעם לאַנד צו לאַנד
אין נעכט מיט פאַקלמאַרשן
ווייל יאָרן ציען — און נאָך אַנאַנד
דער פירער האָט געדרשנט!

צווײ אָרדנס

עס קומט צו באַדאַנקען דעם „בראַוון סאָלדאַט",
עס קומט אים געוויס צו באַלוינען,
פאַר מוטיקײט, דרײסטקײט, וואָס ער האָט געהאַט
לחלוטין נישט קײנעם צו שוינען.
אַזוי זײן באַדאַרפט האָט, אַזוי האָט געמוזט,
טאָ קומט אים דאָך זיכער אַן אָרדן —
אַ צײכן פון קריסטוס — אַ צלם אויף ברוסט,
אַן אײזערנער קרײץ פאַר דעם מאָרדן!

עס קומט צו באַשענקען דעם רויט־קאָמאַנדיר,
עס קומט אים דערפאַר צו דערהויבן,
וואָס ער אין סכנה אָן ערך און שיעור
געמאַכט האָט אין העלדישקײט גלויבן,
אין זאַך פאַר דער שײנקײט פון לעבן און פרײד,
אַז וועלט צו דעם מענטש וועט געהערן,
אָפּגעבן זײן בלוט און זײן לעבן איז גרײט —
גלאַנצט ליכטיק אויף ברוסט זײן דער שטערן.

און אַז אין געפעכט, וואָס בײז איז און שלעכט
באַגעגנט זיך האַרץ בײ דעם האַרצן —
דער קעמפער פאַר הפקר מיט קעמפער פאַר רעכט,
דער שטערן מיט צלם דעם שוואַרצן,
הײבט אָן זיך דער מעכטיקער לעצטער פאַרמעסט
און רעכט ווערט אַ נוקם ונוטר —
דער אײזערנער קרײץ פון דער שוואַרצער דער פעסט
ווערט שוואַרצער... דער שטערן ווערט רויטער!

ס׳איז איטלעכן פון זיי —

פלאָבער האָט געשריבן צו זשאָרזש זאַנד: „ביי מיר איז אַנטשטאַנען אַזאַ טיפער כעס קעגן די דאָזיקע הערן, אַז קיין מאָל וועט מען מיך שוין נישט טרעפן אין דער געזעלשאַפט פון אַ דייטש״.

ס׳איז יעדער וואָרט פון זיי וווּלגאַרער שווינדל און
ברוטאַלער ליגן,
ס׳איז יעדער אָטעם זייערער פאַרניכטנדיקער סם —
אַזוי עס זענען די מפּלות זייערע און זיגן,
אַזוי איז זייער פּוסטער שטרויענער נשמה־פלאַם.

ס׳איז יעדער טאַט פון זייער אכזרדיק־טעמפּן ווילן —
אַ לוסטמאָרד פינצטערער און עקלהאַפטע שאַנד.
זאָל קללה איטלעכן, פאַרשאַלטנקייט אויף אייביק
שוין דערצילן,
וואָס וועט זיי אויסשטרעקן אין שוואַכקייט זיין
אַ שלום־האַנט.
ס׳איז יעדערער פון זיי אַ שרעקגעשפּענסט און ווייסטע
קללה,

אַ קללה פאַר דאָס לעבעדיקע לעבן — אַ צרעת —
פאַרשילטן וועט זיך איטלעכער, אויף שכחה זיין צעמאָלן,
ווער ס׳וועט זיך אָנשטעקן מיט זייער גולמדיקן האַס.

ס׳איז איטלעכער פון זיי — אַ סרחאדיקע מכּה אָפן,
אַ פוילער אייטער־ריטער אין דער מוטערס טראַכט
שוין דול —

נישטאָ קיין שטראָף אַזאַ, וואָס זאָל זיי לייטערן און שטראָפן,
וואָס רייניקן דאָס אומצוכט זאָל פון זייער יעדן גבול!

אָ, מענטשן, פעלקער לעבעדיקע, קריצט זיך אין זכרון,
אַז אוממענטש, אומפאָלק ווערט דער־יענער, וואָס די שאַנד פאַרגעסט,
און שוין אויף אייביק־אייביקייטן, אייביקע די יאָרן
מיידט אויס זיי, ווי די פעסט!

פון צער און ווייטיק

ווען איטלעך־איינער וואָלט געקענט
זיין צער און ווייטיק כּפלען
אויף דעם אומגליק פון מיליאָנען,
ווען איטלעך־איינער מיט מיליאָנען די נקמה וואָלט
גענומען —
אַרויפגעבליצט עס וואָלטן דאַן
מיליאָנען פאָנען
פון אויפשטאַנד קעגן מאָרד —
דער רויטער צאָרן אונדזערער אוממעכטיק פאַרבלאַסט
און טרויער לייגט אַרויף די פינצטערע פאַרווישטע
זיגלען —
ווען איטלעך־איינער טראָגט פון וויי דעם אייגענעם
די לאַסט
און טוט אַליין אין איר זיך שפּיגלען
און רוט זיך אויס — פאַרגעסן —
אויפן „גוטן אָרט"...

*

כ׳וועל קיין מאָל זיי נישט מוחל זיין דעם האַס,
וואָס איינגעזייט אין מיר זיי האָבן,
זיי האָבן מיך דעם רואיקן בר־דעת,
אַ לעבעדיקן יעדן טאָג באַגראָבן.
זיי האָבן צוגענומען מיר פון טאָג דאָס ליכט,
פון ערד און הימל צוגענומען יעדע שיין —
דעם האַס געמאַכט מיר פאַר אַ טוגנט, פאַר אַ פליכט,
דאָס וועל איך קיין מאָל זיי נישט מוחל זיין.
ווען איך זע אים פאַר די אויגן שטיין, דעם העסלעכן קאָשמאַר
וואָס טראָגט דעם נאָמען היטלער־דייטש, פאַרגעבן,
געפין איך האַרבע ווערטער נאָר פון צאָרן און פון צער,
די גרילצנדיקסטע ווערטער פון דעם שוידערלעכן לעבן!

היטלער־פאָלק

מיר וועלן קיין מאָל אים נישט מוחל זיין, דעם פאָלק,
וואָס האָט פאַרלוירן פנים און געוויסן,
וואָס האָט מיליאָנען מענטשן אין די יאָרן יונג
אכזריותדיק פון לעבן אויסגעריסן.
מיר וועלן קיין מאָל אים נישט מוחל זיין, דעם פאָלק,
וואָס וועלט אין אומגליק האָט געטאָן פאַרוועבן,
וואָס האָט די יאָרן אונדז אין פיין געקירצט,
וואָס שטיקערווייז געריסן אונדז דאָס לעבן.
מיר וועלן קיין מאָל אים נישט מוחל זיין, דעם פאָלק,
וואָס האָט געשענדט אונדזערע די פרויען,
מיר וועלן קיין מאָל נישט, קיין מאָל נישט מסתם —
דעם כבוד פון דעם מענטש צו אים פאַרטרויען.
מיר וועלן קיין מאָל אים נישט מוחל זיין, דעם פאָלק,
וואָס אומגעבראַכט, געשאָכטן קליינע קינדער,
מיר וועלן קיין מאָל אים נישט מוחל זיין, דעם פאָלק,
דער האָרדע מאַסן־מערדער, אונטערציינדער.
מיר וועלן קיין מאָל אים נישט מוחל זיין, דעם פאָלק,
וואָס פירן האָט געלאָזט אַזעלכע פירער
די אויסווורפן משוגענע און טעמפ —
דאָס נידערטרעכטיקסטע פון דער יצירה.
מיר וועלן קיין מאָל אים נישט מוחל זיין, דעם פאָלק —
דעם פאָלק? — דער רויבערישער וויסטער באַנדע!
וואָס האָט דעם ווירדיקן, דעם נאָמען מענטש
געמאַכט צו נישט פאַרגעבנדיקער שאַנדע!

אויף די הינטערפיס

ניין, נישט קיין פאָלק איז עס — ס'האָט קיין שום סימן
פון פאָלק און מענטש — קיין מענטשלעכע געשטאַלט,
אַט — הערט זיך צו — צו זייערע די שטימען,
ס'איז וויסטע וואַיעניש פון דזשונגל־וואַלד.
ניין, נישט קיין פאָלק איז עס — מיט קלאָרן זינען,
מען רופט נישט „פאָלק" אויף דעם, וואָס איז געמיין.
אין אויגן — ברענט זיי רויבערישע שנאה
און גיריקייט עס גרילצט זיי פון די ציין...
ניין, נישט קיין פאָלק איז עס — נאָר שרצים, חיות
פאַר מינדערווערטיקייט צערייצט, צעבילט,
וואָס זייער זיין אויף רייניקייט אַ שפּיי איז
אין סאַמע האַרץ אַריין פון מענטש געצילט.
ניין, נישט קיין פאָלק איז עס — טאָ מעג עס ברענען,
טאָ מעג צום אומקום עס וואָס שנעלער גיין —
ס'איז אַ געמיש: גאָריללע מיט היענע
מיט צולאָג הינטישן — אַ ראַסע־רררייין!
פאַר חיות אויף אַ בושה דער פאַרגלייך איז,
ניין, נישט קיין פאָלק איז עס, נאָר פאָלקס אַ שאַנד,
מיט אויסנאַמען זיי האָבן קיין שום שייכות,
מיט גייסטער גרויס פון אַלטן דייטשן לאַנד.
ניין, נישט קיין פאָלק איז עס, טאָ מוז עס ברענען
און אַ כפּרה זיין פאַר גאָר דער וועלט,
קיין לאַנד, קיין פאָלק, קיין מענטש זאָל זי נישט
קענען —
די חיה אויף די הינטערפיס געשטעלט!

שגעון

מ׳עט זאָגן: ס׳איז דאָס פאָלק געוואָרן גייסטיק קראַנק,
אַריין אין אים אַ פינצטער גלגול — אַ שגעון,
טאָ לאָזט זיך גאָר נישט גלייבן דער געדאַנק:
אַ פאָלק — משוגע? זאָל מען דעם געדאַנק געטרויען?
ס׳איז אָבער פאָרט אַזוי — אין מעשים נישט באַזינט,
אין אויסטערלישע, אומדערהערטע מערדערייען —
זיי האַווקען, בייסן, רייסן די מיליאָנען הינט
אין ווילדע רוצחישע דיסציפּלינירטע רייען.
זיי זעען קיין מאָל נישט דעם, ווער עס פירט, ווּהין,
זיי פילן קיין מאָל נישט, וואָס הייסט עס נעכטן, מאָרגן —
מאַרשירן זיי אין טויט אַריין מיט דיסציפּלין,
מיט אייזנטריט — אין אומזיניקער אָרגיע.
באַזאָפּנע, מיט סיגאַרעטלעך אינעם מויל,
אין בויך אַריינגעקלעמט די ביקסן־אַווטאָמאַטן,
אין „פּסיכישער אַטאַקע״, אָנגעיאָגט דורך גרויל —
און האַרבע משוגעת מיט יעדן טריט פּאַראַטן.
ס׳איז מאָרד און בראַנד דער וועג, און רויכעדיקע טעג
און קברים אָן אַ שיעור — די עלנטסטע די קברים
פאַר ווינטן און פאַר שטויב און קראָען אַ געיעג,
אַ לאָבונג פאַרן מיסט — פאַר דעם באַגרעבער־וואָרעם...
מע זאָגט: ס׳איז דאָס פאָלק געוואָרן גייסטיק מאַט
און אויף זיין צורה גרוילט אַ גרעלער שאַרבן־שמייכל,
מע זאָגט: ס׳איז קראַנק אויף שטומפּזין פּונעם
העכסטן גראַד —
עס האָט זיך אויסגעלייגט שגעון אויף זיין שכל...

די ווייסע מיתה...

די קליינע וואַסערדיקע אויגן אויפגעריסן,
מיט אָדערן פון בייז און שלעכט געבלוטיקט רויט,
זיי שפרייזן אין אַ וואַנזינמאַרש צו ווייסער מיתה —
זיי שפרייזן אימפעטיק אַריין אין ווייסן טויט.
דער ווייסער גבור־פראָסט וועט נישט די געסט פאַרשעמען,
דער פראָסט פון „אָסט" גייט איצטער אין אַ גרויס
פאַרמעסט,
און בהדרגה נעמט ער פעסט אין זיינע קלעמען
די אומגעבעטענע פון נאָענטן „וועסט" די געסט...
ער דריקט זיי צו צו זיך און נעמט זיי פעסט אַרומעט
מיט זאַוויערוכעס־שטויב, מיט ווינטיקן געדריי,
און שלעפערט איין אין טויט, אין שטומען ווייסן אומעט,
אין שלאָף אין אייביקן, געבעט אין טיפן שניי.
אָט ליגן זיי אַזוי, דעם סוף אין פראָסט געפונען,
די אויגן־וואַסערן — פאַרגליווערט און פאַרגלייזט.
עס שוויגט דער ווייסער טויט, די מיאוסע מיתה־משונה,
מיט ווינטן שטיקער שניי פון צודעקן עס רייסט.
אַנטפלעקט זיך האַנט געקרעמפט אויף אָפענעם דעם
האַרצן —
עס דעקט זיך אָפּ אַ פּוס, וואָס נאַקעט און וואָס שטאַר,
און פוסטקייטן אַרום אין ווייסקייטן עס שטאַרצן,
אין ליפּן זיך פאַרבייסט דער אומזיכטבאַרער צער.
דאַן קומט אַראָפּ אַ ראָב און שטעלט זיך אויף זיין
שטערן —

פון ווייסן טויט דער קנעכט און אויך דער באַלעבאָס —
ער פּיקט די אויגן אויס, וואָס ווייסן נישט פון טרערן
און אויף פאַרוואָס פון זיי, ער ענטפערט: — אָט
פאַר וואָס!

בהמהש...

צערייס אויף זיך דיין קלייד, מיט אַש דעם קאָפּ באַשיט,
און וויין דיין ווייטיק אויס, און יאָמער, מאַרגאַריטע,
אויף יונגפרוישאַפט אויף זיין אַ תליה זיך פּאַרציט,
אויף יאָרן יונגע דיין אין ריינקייט אָפּגעהיטע...
דו האָסט געטרוימט אַ טרוים נאַיוו און צאַרט און שיין —
אַ חלום מיידלשן — אַ מאַן, דיין מאַן צו ליבן,
און ס'האָט דיין אייגן פֿאָלק דיך אָפּגענאַרט געמיין
און אין באָרדעל אַריין בגוואַלד אַריינגעטריבן...
דו האָסט געטרוימט: דיין קינד זאָל זיין די פּרוכט פון גליק,
און עס וועט דיין מוטערשאַפט באַקרוינען,
נאָר אויף דיין חלום פֿאַרוואָרפן איז אַ שטריק:
אַנשטאָט אַ כלה זיין, אַ מוטער — ביסט אַ זונה!
און אפשר ערגער נאָך (פֿאַרקלעם דעם מויל און שווייג,
אין אימה היל זיך איין, אין שלייערן געהיימע)
מען פירט דיך אין באָרדעל, מען שלעפּט דיך ווי אַ צויג,
דו נאַריש־טרוימענדע, גערמאַנישע בהמה.
געהאָרכזאַם מוזסטו זיין, מוזסט פּאָלגן דעם געזעץ
און איינגיין אויף דעם סוף דעם שענדלעכן, דעם וויסטן:
אַ דייטשע מאַמע האָט אויף וועלט געבראַכט דעם לץ
דעם נאַרעוויסטן לץ — דעם טאַטע פון שטורמיסטן...
צערייס אויף זיך דיין קלייד, מיט אַש דעם קאָפּ באַדעק,
ס'איז גרויל דיין ווירקלעכקייט, נישט אַנשטעל, נישט לעגענדע.

דיין ברודער און דיין מאַן — געשפּענסט איז ער און
שרעק ! —
דיין ברודער און דיין מאַן זיי זענען מענטשן־שענדער !

אַזאַ באַפעל

מיט אונטערצינדער־פאַקלען, ברענענדיקע אין די הענט,
אונדז ענטפערן זיי אָפּ אויף יעדער פראַגע, יעדער ווענד,
און ס'איז דער ענטפער קורץ און טעמפּ און גרעל:
— אַזאַ באַפעל!

פאַר וואָס אַריינגעריסן האָט איר זיך אין אונדזער לאַנד?
פאַר וואָס די דערפער, שטעט גיט איבער איר צו שאַנד
און בראַנד?
איז גרייט דער ענטפער אויפן אָרט און שטעל:
— אַזאַ באַפעל!

פאַר וואָס אין פלאַמען וואַרפט איר קינדער, פרויען,
אַלטע לייט?
פאַר וואָס דעם כבוד אונדזערן מיט גאַוווער איר באַשפּייט?
פאַר וואָס פון נאָמען מענטש איר מאַכט אַ תל?
— אַזאַ באַפעל!

פאַר וואָס באַגראָבט איר אומשולדיקע לעבעדיקערהייט?
פאַר וואָס האָט איר דאָס אומגליק אויף דער גאַנצער
וועלט צעשפּרייט?
פאַר וואָס פאַר הינט געשליידערט האַרץ און זעל?
— אַזאַ באַפעל!

פאַר וואָס דערשטיקט איר אַלע הייליקייטן אויף דער
וועלט?

פאַר וואָס קומט אום איר דורך יסורים, הונגער,
פלאָם און קעלט ?
פאַר וואָס שטייט טויט אויף אייער יעדער שוועל ?
— אַזאַ באַפעל !

פאַר וואָס צו מאָרד און זעלבסטמאָרד אייער פאָלק
און לאַנד דערבראַכט ?
פאַר וואָס געבראַכט אויף זיך אַ טויזנטיאָריקע נאַכט ?
פאַר וואָס קומט בונטגעשריי נישט פון דער קעל ?
— אַזאַ באַפעל !

געקראַקעריי

דאָס רעדן זייערס איז געגרילץ, געקראַקעריי.
אויף קרומע ווענט פון וואַנזין־שכל אַ געקלעטער.
די ראָבן שרייען אין דעקאַבער און אין מיי —
קראַ און זיי — נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל „קרייץ־
דאָנער־וועטער !״

ווי עפּעס אַ מכשפה־בלינדע, אַ מרשעת
אין בייזער שעה, ווען אויפגעקרייט עס האָט איר קאָלטן,
וואָלט זיי אויף בלוטיקן געלעכטער און אויף האַס,
אויף ווערן ראָבן און באַגרעבער זיי פאַרשאָלטן.
און ס'איז אַזוי געשען, אַזוי האָט עס פּאַסירט:
אין טויטנטאַנץ אין שוידערלעכן, עקלהאַפטן, מיאוסן,
די ראָבן האָבן זיך אין טויט אַריינגעפירט
און זיך אַליין באַרויבט פון מענטשלעכן געוויסן.
מיט קראַקעריי זיי האָבן זיך אַליין באַטויבט,
פון זייער לאַנד אַראָפּגעפליקט זון און שטערן.
עס טראָגט אויף מיילן זיך אַן איבלדיק געשטאַנק
פון פאַדלע־מוח, פון דערשיטערטע געהירן —
דעם פירערס קונציק דענקען אָן געדאַנק,
דער רוישטאָף פון אַ שוואַרץ־מאַקאַברישער סאַטירע...
און שפּעטער — אין די דורות פונעם אומגליק פריי,
וועט הילכן פון דער ווייט — אַ ווידערקלאַנג אַ ציטער
פון דעם באַגרעבניש־געגרילץ און קראַקעריי,
פון אומגליק־פאָלק, דעם ראָב־און־רויבערישן ריטער !

ניט קיין קריג —

מיר פירן נישט קיין קריג —
ווען ס'הייסט אַפילו פאָטערלאַנד־מלחמה,
עס ווערט קיין קריג געפירט מיט קרימינאַל־פאַרברעכן
(דעם צואה־מבול נעם נישט אָן פאַר לאַוועשטראָמען,
די ריטערלעכקייט מיט דער גזלוואָניע טאָר מען נישט
פאַרשוועכן!).

מיר פירן נישט קריג! —
מע פירט קיין קריג נישט מיט קיין רויבער
און קיין שענדער,
מען פירט נישט קיין מלחמות מיט דער שאַנד
געפאַנצערט און געקאָוועט,
קיין קריג קיין הייליקער נישט האָבן די נבלה
ווערט געענדערט —
אַ קריג מיט זיי געווען וואָלט נידעריקער פון דעם
מענטשנס כבוד!

מיר פירן נישט קיין קריג — נאָר אַ צעשמעטערונג פון
אויטאָמאַטן
און מיר פאַרניכטן שרויפן, וועלכע זיי אין דער
פאַרניכטונג פירן.
דער לאָזונג איז: אַ רוח אין זייער טאַטנס־טאַט
און טאַטנס־טאַטן —
אין שאַנד אַריין פון וועלטישער יצירה!

אין צייטן פון געפאַר

אין צייטן פון געפאַר, פון אומפאַרמיידלעכער סכנה,
ווען ווינטן — לײדנשאַפטן פליקן שטורעמפאָנען,
ווערט גוף דער מענטשלעכער,
דער שטערבלעכער דער גוף —
אַליאַרם־רוף:
ווערט — וואָלקן־פליגלדיק,
פון וועלכן אויף זיין שטאָלץ געשטיצט
עס רייסט דער אָדלער זיך אַרויס אין אַ פאַרמעסט
מיט דונער און מיט בליץ;
ווערט מדבר־הייל פון וועלכן מיט געבריל־געוואַלד,
דער לייב דער קיניגלעכער מיט זיין כוח פראַלט;
ווערט — שלאַנגענגרוב,
פון וואַנען, קעגן שכל טראָציק,
עס פויזן אויף די בייכער, און עס צישן שרצים;
ווערט — ווייטע, ווייטע פעלד,
ווו האָז דערשראָקענער
עס פליט, עס לויפט אויף אַלע וועגן
דעם טויט אין אָרעמס גלייך אַנטקעגן —
אַזוי ווערט מענטשלעכער דער גוף,
בעת גרעסטן פרווו,
אין צייטן פון געפאַר — פון אומפאַרמיידלעכער סכנה,
ווען ווינטן — לײדנשאַפטן פליקן שטורעמפאָנען!

אַרום און אומעטום

אַרום און אומעטום — נאָר די פאַרזעעענישן־האָרדעס,
נישט פנימער, נישט מענטש־געשטאַלטן —
נאָר מאָרדעס, מאָרדעס, מאָרדעס,
און אָנגעשריבן איז אויף זיי בלויז קאַלטער מאָרד איז!
אַרום און אומעטום, ווו מיט געדאַנק און דמיון
נאָר דערלאַנגסטו,
באַגאָסן ווערסט מיט קאַלטן שווייס, פאַרגליווערט
צאַנקסטו,
און עס באַשלאָגן דיך די הייסע בלוטנאַנגסטן.
ווי גרויזאַם־מערדערלעך, אכזריותדיק אין אָט דעם
שוידער —
איז לירישער, צי סתם געפלוידער!...

מאַרשן

ס׳יאָגן מאַרשן איינס דעם צווייטן איבער,
מאַרשן מונטער, איינס און צוויי — מאַזשאָר,
מחנות, מחנות גייען שטרענג בציבור —
טאָ פאַר וואָס איז טרויעריק ביז גאָר?
פריילעך הילכיק בלאָזן די פאַנפאַרן,
עס צעלאָזט זיך פריילעך די טראָמפּייט
און פאָרויס די מחנות מענטשן שפּאַרן —
טאָ פאַר וואָס נישטאָ אין דעם קיין פרייד?
ס׳פּויקן פּויקן, און די טריט געהויבן,
שטרענג אין טאַקט זיי שפּאַנען טריט אין טריט,
אין נצחון צווינגט מען אַלע גלייבן —
טאָ פאַר וואָס איז אומעטיק דאָס ליד?
פייערלעך — דאָס „דויטשלאַנד איבער אַלעס"
מאַעסטאָזאָ קלינגט „די וואַכט אַם ריין",
בליץ־צעשמעטערנדיק דער איבערפאַל איז —
טאָ פאַר וואָס איז שווער אַזוי דאָס גיין?
מאַרשן, מאַרשן, מאַרשן — איין נאָך צווייטן
מאַרשעריי פאַרהילכט די גאָרע וועלט —
אָבער הערט, וואָס ס׳הערט זיך אין באַגלייטן:
שוואַרצע קלאַנגען ווייען טויט און קעלט...
הערט, אין הינטערגרונט פון מאַרשן אַלע
וויינט דער טרויער איצט אין יעדן לאַנד,
און מיט איבערהילכן, איבערשאַלן —
לוויה־מאַרש שפּאַנט!

אויב נישט בכוח...

אויב נישט בכוח כ׳בין אַ ביקס צו טראָגן,
אַן אויסגעמאַטערטער פון אַלע סמען,
אַן אויסגעפייניקטער פון אַלע פּלאָגן,
אויב נישט בכוח כ׳בין אַ ביקס צו טראָגן —
טאָ זאָל מיט דער נקמה — אַ וווּלקאַן צעפּלאַמען
מיט עקל גרויס צונויפגעפּאָרט
מיין יידיש וואָרט!

✶

פאַרשאָלטן זאָל די גזע זיין — דער שטאַם,
וואָס אויפגעשטעלט עס האָט דעם טריומפירנדיקן כאַם
מיט אים דעם טריומפירער,
דעם וואַנזין־פירער,
דעם איבערמענטש־באַלוואַן;
פאַרשאָלטן זאָל ער ווערן, דער כאַם,
וואָס אויסגעגאָסן האָט אויף דר׳ערד פון בלוט אַ ים,
אַ בלוטן־אָקעאַן,
פאַרשאָלטן זאָל ער זיין — דער נידערטרעכטיקייט־טיטאַן
פאַר אָנצינדן אין מיר פון שנאה אַ וווּלקאַן!

ווי האָבן זיי געוואַגט —

ווי האָבן זיי געוואַגט פאַרגעסן אין דער צייט,
אַז נישט די שטיין־תקופה איז איצט, נישט מיטלאַלטער,
אַז ווייט מיר זענען שוין אַוועק, גאַר ווייט:
אַליין — מיר גופא — די נייע צייט־געשטאַלטער?
ווי האָבן זיי געוואַגט באַגיין אַזעלכע זינד
אין טייוולשן מטורפ׳שן קאַטאָוועס
נאָכצוגיין שגעון זייער געהאָרכזאַם, בלינד,
צעבושעווען דעם קאַלטן מלאך־המוות?
ווי האָבן זיי געוואַגט אַרויסברענגען אַזוי פיל שאַנד,
אַרויסברענגען אויף מענטש אַזוי פיל שרעקן,
אַראָפּרייסן פון זיי — און פון זיך — אַיעדער שלייער
— און געוואַגט —
די שאַנד אין גאַנצן אָפּצודעקן?
ווי האָבן זיי פאַרגעסן עס, אין אונדזער צייט געוואַגט,
אין אונדזערע אין רייפנדיקע יאָרן —
צי האָבן זיי דען נישט געזען אויף אייביק שוין דעם פסק —
דעם פסק פון אונדזער זכרון?
ווי האָבן זיי געוואַגט?

אָבערלייטענאַנט ניבעלונגע

אָבערלייטענאַנט ניבעלונגע
איז אַ גרויסער העלד.
אויפגעשטורעמט, אויפגעקלונגען
האָט מיט אים אַ וועלט...
אומעטום איז ער דער זיגער
אין אייראָפּע גאַנץ —
קעמפן קעמפט ער, ווי אַ טיגער,
פונקט ער גייט צום טאַנץ...
האָט ער שוין אויף זיין געוויסן
(דאָ אַזאַ מין זאַך?)
ער אַליין ט׳געטאָן דערשיסן
יידן גאָר אַ סך...
פרויען פיל ער האָט גענומען
בגוואַלד נישט לייכט,
קינדער קליינע בייגעקומען,
זקנים נישט געווייכט.
און פאַרוואונדעטע דערשטאָכן
רויטאַרמייער פיל —
דרייסט ער גייט צו דעם נצחון —
צו דעם גרויסן ציל!
אויפגעשטורעמט, אויפגעקלונגען
האָט מיט אים אַ וועלט:
אָבערלייטענאַנט ניבעלונגע
איז אַ דייטשער העלד!

פאַנטאַסטיש!

דער קאַרלכען פון קאַרלסרוע —
מיר קענען דאָך זיין יעדע תנועה,
זיין איטלעכע באַוועגונג,
זיין יעדע קלענסטע רעגונג —
דער קאַרלכען איז נישט קיין שוטה,
ער איז אַ מאַן פון „יענע לויטע"
ער איז אַ טרייער „גאַטטע" —
פון קינדער פיר אַ טאַטע...
נון, שיקט אַהיים ער סוווענירן
פאַר זיינע יאַטלעך פאַר די פירן:
— פאַר אַלע פיר, פאַר אַלע פירן,
פאַר שוועסטערלעך, פיר לייבלעך
פיר טיזליקלעך, פיר הייבלעך...
און פאַר דער „פראַו", דער זיסער מיצצי,
אַ ביוסטהאַלטער — געזונט צום נוצן...
מיט איינעם וואָרטן — צען פאָר שאָרטן
פון קאַמפּרויב דעם אַפּגעשפאָרטן...
— נו, איזט עס נישט קיין זיג, פרוי לאָטטע,
און זעט נאָר דיזעס... די קאַפּאַטע
מיין קאַרלכען איזט — ריטער,
כאַטש דאָרט ער כאַפּט אַ ציטער...
איז שטאַרק מקנא טאַנטע לאָטטע,
זי איז אַ מויד און האָט חרטה —
דאָך פּלאַצט זי אויס באַמבאַסטיש:
— דער קאַרלכען איז... פאַנטאַסטיש!

צו מיינע פריינד

כ'וואָלט גלייך מיט אייך, אוי, ברידער, מיטגעגאַנגען
אויף דעם קבר־אבות
פון טייערסטע און ליבסטע אונדזערע אין גאָר דעם
נאָענטן לאַנד,
נאָר גרויזאַם איז צו אונדז — צום אומקום דאָס
תליניש קאַטאָוועס,
וואָס נאָכן טויט פאַרצווייפלט, פאַרכפלט מער די שאַנד.
כ'וואָלט גלייך מיט אייך געפילגערט — אויסגעפינען
ווו אַן אבר,
אַ לעבעדיקן אבר — פונעם עבר אונדזערן, אַ סימן
בלויז —
נאָר ס'איז דאָס גאַנצע לאַנד, איך ווייס, איין גרויסער
ברידער־קבר —
אַן עיפּושדיקער ווערעמגרוב איז דאָרטן איטלעך
אונדזער הויז...
כ'וואָלט גלייך מיט אייך געוואָלט דאָרט אויפשטעלן
אַ נייעם לעבן,
און אַ מצבה שטעלן צו דעם עלנט אונדזערן און
אונדזער נויט —
דאָס לעבן מיינס פאַר דערפאַר, פאַר היים און לאַנד,
כ'וואָלט אָפּגעגעבן,
נאָר סאַראַ לעבן איז עס, וואָס סע אָטעמט נאָר
מיט אומקום און מיט טויט?
טאָ גיי איך נישט — אין דעם געשפּענסטער־גאַנג
פון אייך באַלאַדיש,

מיט שכל נישט דערקלערבאַרן... אין גאַנג אויף שפּאַט
און שאַנד —
נאָר ווו איך וועל נישט זיין — כ'וועל זאָגן מיט
צייִנגעקריץ מיין נייעם קדיש
אויף קדושים אונדזערע און אויף דעם קברות־לאַנד...

מאָסקווע 6.8.48

שוואַרץ אויף ווייס

איך ווייס: דער קליינבירגער — נאָר ער דער שולדיקער
עס איז געווען,
דאָס האָט נאָר ע ר אַרויסגעשטויסן פון די ברעגן —
ימים בלוט,
איך ווייס: אין גאַנצן אומגליק שולדיק איז געווען
זיין וועזן,
דאָס האָט ער זיך אַליין געשמיסן מיט דער
פייערדיקער רוט!
איך ווייס — זיין שפלות שווער געווען אַריבערטראָגן,
געפאַלנקייט פון אים און קליינלעכקייט ביז גאָר,
מיט שטאָט און מיט מאָראַל דער כרעסטאָמאַטישער,
אַזוי צו זאָגן,
אַרומגעהילט ער איז געווען פון דור צו דור.

די אָרנטלעכקייט זיינע גניבה האָט געטראָגן אינעם בוזעם,
דער דרך שלום — גזילה אין דער פויסט,
ביז ס'האָט דער שד אַ קוש געטאָן דעם „שדי" פון זיין
טריפהנער מזוזה
און ס'האָט זיך דאָס טייוולאָנישע אין אים אַנטבלויזט.

איך ווייס — דער קליינבירגער — דער שולדיקער
געווען איז אין אַלעם,
זיין שמאָלער שטערן און זיין ענגעס האַרץ,
איך ווייס נאָר ס'איז קיין טרייסט דאָך נישט דער דלות,
ווי ס'איז נישט קיין נחמה ס'ווייס פאַר שוואַרץ!

דעם 23 מיי 1943

אַבי איך האָב געמיינט — איך בין שוין טויט, ווי
אַלע טויטע.
איך זע שוין יאָרן־לאַנג נישט זיך, נישט יענעם
און דאָס וואָס איך זע און פיל — דאָס איז למוות נוטה,
און דאָס, וואָס כ'מאַך אַדורך איז נאָכן טויט דער גיהנום...
ערשט זע — דער פלוצים קומט, ווי פון מוזיק דער תיקון,
ערשט פלוצים דו דערשיינסט אין אויפגעלעבטע באַגערן
און כ'וואַרף אַריבער גלייך צום לעבן העגגל־בריקן,
ערשט פלוצים פליען אָן אַזוי פיל חמרים שטערן!

✶

און אויב דערהויבנקייט עס איז פאַראַן אין מיינע רייד,
און וואָרהייט אורשפרינגלעכע הויך פון מיר אַרויס
עס רעדט —
דאַן ריכטיק זיין וועט עס, אויב איר דאָס ויסן וועט
אַז אָט די רייד פון פאָלק פון מיינעם זענען דער באַשייד!
און אויב געפאַלנקייט עס קלינגט דאָס רוב אין דעם
מעטאַל פון וואָרט,
און די מבולבלדיקייט פירט אַרויס מיך פון די גבולן
פון געדולד —
דאַן ווייסט — דאָס איז נישט פון מיין פאָלק די שולד,
נאָר שולדיק כ'בין אַליין — און כ'ווער פאַרמשפט אויפן
אָרט!

אלול אין מיטל־אַזיע

דעם וועג אַהער אין קאַנט אין טראָפּישן
געטראָפן האָבן אונדזעריקע אלול־ווינטן,
מיר האָבן זיי מיט אונדזער הוילער נאַקעטקייט דאָ
מיטגעבראַכט,
אין ימים־נוראימדיקייט אין מלחמה איינגעשפּינטע —
זיי וויינען, יאָמערן אין אומעט פון דער סעפּטעמבער־נאַכט.
זיי טראָגן זיך אַרום אין מידע מדבר־זאַמדן,
זיי יאָגן זיך אַרום אויף כוואַליעס פון אַמו־דאַריאַ
מיט גאַנצן טרויער שבעולם אָפּגעסמטע
דורך פאָלק דעם ווילד־געוואָרענעם — דעם פּגע רע!
אין עלנט גרענעצלאָזן קרייזן אום די שרידי פליטה,
און יעדער שריט פון זיי און יעדער בליק באַדייט:
— „פאַר וואָס״ —
פאַר וואָס קומט ווידער אונדז די בלוטיקע צעשפּרייטונג
און אָן דעם אָנלען פון דעם הייליקן, דעם אַלטן אות?

1942

צי האָט די מאַסע זיינע דאָס באַשטעטיקט טאַקע,
אַז זי איז נאַריש, אומעמפינדלעך, בלינד ?
יאָ, אַבסאָלוט, ווען פאַר דער גאָרער וועלט אַ מכה
געוואָרן איז זי, טיף געשליידערט אין די שווערסטע זינד !
יאָ — שמאָל דער קרייז איז פון פאַרשטיין פון אירן,
ווען אָנגענומען האָט זי מאָרד און לעסטערונג — פאַר גאָט,
ווען ווייט אַזוי אין אָפּגרונט האָט זי זיך געלאָזט פאַרפירן,
און דעם פאַרברעך געהאָדעוועט אַלס עטישן יסוד !
יאָ, אויך די שׂכחה זייער גרויס איז ביי זיין מאַסע,
וואָס דאָס איז נאָך אַ האַרבערער און גרעסערער
פאַרברעך :
דאָס בלוטיקע, דאָס ריקזיכטלאָזע האַסן —
אַז מירן דאָס פאַרגעסן, זיין וועט שלעכט !
איין אופן איז נאָר דאָ גערעכט און איינציק גוט :
די טפשות זייערע און בלינדקייט, און די שׂכחה איינגעגעסן
אין לייב און לעבן פון די מאַסן זיינע איינגעפרעסן
איז נייטיק אַבסאָלוט,
צו וואַשן אין זייער אייגן בלוט !

קעגן ווולקאַן!

אין צענטער פון אייראָפּע האָט עס אויפגעשפּאָלטן,
האָט אויפגעבראָכן, אויפגעדונערט אַ ווולקאַן,
אַזאַ ווולקאַן געדענקט נישט קיין שום צייט פאַרשאָלטן,
אַזאַ מין אויסברוך אין געשיכטע — נישט פאַראַן...
עס האָט אַרויסגעפלאַצט פון די נשמות גרויע
מיט קאַטאַקליזם־געבראַזג און ווילדער גרילצעריי —
אַ בראַזגעמיש פון אייזנברוך און מוח־צואה,
דעם מענטש אין פּנים גלייך — אַ מוראדיקער שפּיי.
פון דעם געחלומט האָט זיך נישט קיין גאָט, קיין געטער,
קיין צייט אויף דר'ערד נישט געזען האָט אַזאַ קאָשמאַר;
ס'איז קיין שום פאָלק נאָך נישט געווען אַזאַ פאַררעטער,
און נישט פאַרשפּרייט און אויסגעפלייצט אַזוי פיל צער!
אַ לאַנד, אַ פאָלק אַ גאַנצס מיט מערדעריי געניטער,
מיט אויסגערעכנטער — פאַרוואַנדלט אין ווולקאַן,
און ס'האָט דער ערדקויל אויפגעשוידערט, אויפגעציטערט,
און הענט אַראָפּגעלאָזט ביים אָנזען פונעם וואַן...
דאָן שטעט אין טויזנטער פאַרברענט אין רויך, אין שוועבל,
געקראָכן זענען שטום די פלאַמען אינעם מויל,
און אין אַ יאוש טיף מגולגל אין אַ נעבל
מיליאָנען האָבן זיך פאַרקנעכטיקט צו דעם גרויל.

איבערחיהשקייט

ס'איז נישט אַנטקעגן מענטש געווען אונדזער קריג,
נישט גלייך אויף גלייך מיר זענען אין דער שלאַכט
געגאַנגען,
נישט מעגלעך איז געווען אַ פרידן נאָך דעם זיג —
עס זענען קעגן אונדז אַרויס אָראַנגוטאַנגען!
אָראַנגוטאַנגען ווילד — געפּאַנצערט און בראַנירט
אויף שטאָל צעבושעוועטע — אייזערנע מאָטאָרן —
אין טעכניק דער פאַרניכטערישער אויסגעצירט
מיט איבערחיהשן — אויף גרויל גערייצטן צאָרן.
אַ לאָז געטאָן זיך אויף די דערפער און די שטעט
מיט בעסטיאַלישע מיט קריצעניש געהיילן
און חרוב אַלץ געמאַכט, וואָס מענטשלעך אויג עס זעט —
עס האָט ס'מאַרשירנדיקע אָראַנגוטאַנגען־חייל!
שגעון האָט אין מוחות זיי דעם גיפט געטריפט,
דעם סם פון האַס, וואָס האָט געמאַכט זיי אַלע שיכור —
(אַן אַפּאָפּלעקסישער אַפּאָקאַליפּסיס־מיף
פון ברוך דעם פּרעהיסטאָרישן — די כאַאָס־שטיקער).
אָראַנגוטאַנגען פונעם אורוואַלד — דריטער רייך,
פון מאַניעס שווערע, אומגעלומפּערטסטע געפאַנגען —
עס האָבן פויזנדיק אויף אַלע פיר געפּרייכט,
געבעבעט וועגן איבערמענטש — אָראַנגוטאַנגען!
איין עצה נאָר האָט געבוירן דער געדאַנק
אויף אומגליק דעם — אויף גרויל און גרויזאַם
אומגעריכטן:
נישט קריג מיט איבערחיהשן אָראַנגוטאַנג,
נישט אַ מלחמה, נאָר אַ יאַגד ביז טויט־פאַרניכטונג!

דאָס נידערטרעכטיקסטע

דאָס איז נישט איינער, נישט קיין יחיד איז דער חוטא,
דער שולדיקער אין גרעסטן אומגליק פון דער צייט,
נישט ער אַליין איז שולדיק אין דעם אויסשלאַכטן
און טויטן,
נישט ער אַליין האט אונדזער וועלט מיט דעם
שגעון־שוים פאַרשפּייט.

נישט ער אַליין געבראַכט דעם חורבן האָט אין וועלפישע
ציינער
און איינגעביסן זיך אין לייב און לעבן פונעם לעצטן דור,
נישט ער אַליין — נישט ער איז עס דער איינער,
וואָס געוועזן איז ער אויפן זין נישט קלאָר ;

דאָס האָט פון אים זיין פאָלק אַרויסגערעדט משונה,
זיין פאָלק געפּאָדערט האָט עס — דעם מערדערשן
דערפאָלג ;
ער איז געווען דער אויסדרוק פון זיין פאָלק געפונען,
ער איז געווען זיין גאַנצעס פאָלק !

„בעזשענצעס"

פאַרוואַנדלט זענען מיר געוואָרן אין די קופּעס שמאַטעס,
אין צויטן אויסגעפּליקטע, אויסגעווייקט אין קויט;
אומגליק, עלנט, חושך און פאַרראַט איז
געגאַנגען אונדזער פוסטריט צוזאַמען מיטן טויט.

די פּנימער געגרויט אין גרויל, די קולות אָפּגעריבן,
געטראַמפּלט האָבן מיר אין אויסגאַנגלאָזער קעלט,
געחידושט זיך אויף שטיקער לעבן נאָך געבליבן,
געוווּנדערט זיך, וואָס ס'איז נאָך דאָ אַ וועלט.

ווער האָט זיך פאַרשטעלן געקאָנט אַ וועלט אַזאַ מין
אין אונדזערן יאָרהונדערט — אין דער שפּעטער צייט,
אַ וועלט אַזאַ — אַ רוח אין איר מאַמעס מאַמען! —
אַזוי מין אויסגעלאַסן און פאַרשייט?

פאַרוואַנדלט האָט זי אונדז אין קופּעס שמאַטעס,
אין אָניטשעס געשליידערט פונעם ווינט..
ווי שוידערלעך געוועזן דער פאַראַד איז,
דער אויספּלייץ פון דער זינד!

ראַדיאָ־רייד

(צי אין טעג אין אונדזערע אין טרויעריקע באַרעכטיקט איז
דאָס שלעכטע זינגען און דאָס שלעכטע שפּילן?) —

די גרילצנדיקע ראַדיאָ־קולות קלינגען זיס,
כאָטש אויסשליסן דעם אויפנעמער גאָר אָפט מיר ווילן...
אין טעג אין אונדזערע און טרויעריקע — נאָך
קלאַנגען נאָר
מיר בענקען פיבערהאַפט, ווען מוראדיק אַפילו,
ווייל — גיט אַ טראַכט — ווען צו דער גרויסער בראָך,
וואָלט הערשן נאָך אַ טעטיקייט אַ שטילע!

ראַדיאָ

קאַפּריז געוואָרן איז דער ראַדיאָ־אַפּאַראַט
און יעדער וואָרט און יעדער קלאַנג
באַגלייט עס ווערט מיט חשד...
דאָ ווערט דאָס וואָרט פאַרווישט,
דאָ ווערט עס פּלוצעם אָפּגעמעקט —
אומדייטלעכקייט עס גרוילט און שרעקט...
דאָ גרילצט אַ פּאַראַזיט, און ס'ווערט דאָס וואָרט צעשיט...
רופסט פּלוצים גאָט צו הילף:
— אוי, גאָט, אוי, גאָט באַהיט...
דאָ דאַכט אַ גייסט עס זיפצט —
דאָ דאַכט — עס רעדט אַ מת...
דאָ דאַכט זיך ערגעץ ווייט,
פון ערגעץ זייער טיף
אַ זינקענדיקע שיף:
רופט פיינלעך: „ס. אָ. ס.!"

ייִנגל און טויבן

עס שפּילט זיך נאָך די זון אין טאָג,
זי שפּילט זיך נאָך אין שויבן,
און ס'ייִנגל טוט אַ טויב אַ יאָג —
אין זון עס שפּילן טויבן...
דאָס ייִנגל ווייסט נישט פונעם קריג —
אין שטאָט, אַז אומגליק שרייט שוין,
נאָר אין דער שטאָט אַריין מיט זיג
עס זענען שוין די דייטשן...
דעם זיגערס אויג איז שלעכט און בייז,
נאָך בייזער איז זיין ווילן —
פון קינדערשפּיל דער פיינט, וואָס ווייסט
און וואָס פון טויבנשפּילן?
און צילן צילט ער אינעם קינד,
וואָס האָט די הענט געהויבן,
און קויל פון פיינט דאָס האַרץ געפינט,
וואָס שפּילט זיך מיט די טויבן...
דערשאָסן ליגט דאָס ייִנגל — בלאַס
אין פיינטלעכן געווימל,
און זון עס שפּילט זיך נאָך אין גאַס,
און טויבן — אינעם הימל...
פון דער באַלאַדע איז'ס דער סוף,
פון דער באַלאַדע שמערציק:
פּאַסירט די זאַך האָט אין ראָסטאָוו
אין סוף יאָר איין־און־פערציק.

שפּאָרזאַמקייט

עס איז דער קאָמענדאַנט אַ העלד,
און ווי אַ העלד זיין טראַט ער שטעלט
און ער באַפעלט באַראַניש,
אויטאָריטער־לאַקאָניש:
די יידן אַלע פון דער שטאָט,
אָן שום רחמנות און גענאָד,
אָן שום געוויסנסביסן:
פוליעריקע — דערשיסן!
און מינדעריעריק — קינדער קליין
נישט שיסן דאַרף מען, כ׳קען באַשטיין...
מען זאָל זיי אַלע האָבן
אויף לעבעדיק באַגראָבן!
ווייל שפּאָרזאַם, שפּאָרזאַם דאַרף מען זיין.
טאָ קינדערלעך, אין דר׳ערד אַריין,
איר קריגט אַ טויט, אַ ווילן,
און בלייבן וועלן קוילן...

אַזוי איז עס די זאַך געווען,
אַזוי איז עס אויף וואָר געשען
אָן ליידנשאַפט, אָן תאווה
אין שטעטעלע קאָרסאָווע.
ווייל ס׳איז דער קאָמענדאַנט אַ העלד
(פאַרשטייט זיך — נישט אין קאַמף, אין פעלד!)
און פראַקטיש איז ער, שפּאָרזאַם
און זיין סאָלדאַט — געהאָרכזאַם!

אויף שיידוועגן

— מאין יבוא עזרי:
— עזרי מאלהים
עושה שמים וארץ.

מאין יבוא עזרי? — רופט אַיעדער טראָפּן בלוט,
עס וויינט, עס רופט און שרייט אָן אָפּשטעל און אָן
אויפהער,
בעת פונעם גורל פּייפט די אָנגעגליטע אייזנרוט,
און יעדער אָטעמצוג אין עיקר איז איצט כופר...
מאין יבוא עזרי? עזרי מאלהים —
אין ענגער שכנות אָט די ביידע פּסוקים שטייען,
נאָר ס'איז אַ קול במדבר פון פאַרפלייצטן בלוט די שטים,
און איך און גאָט זיך איצטער אָפּט פונאַנדערגייען!
אין בלוט איך גיי איצט אָפּעט — אין די בלוטן פון
מיין פאָלק
אין תהום אַריין פון טויט אומאויפהערלעך מיר שפּאַנען,
אויף יעדן שריט און טריט פון יאוש און פון גרויל
פאַרפאָלגט...
מאין יבוא עזרי — פון װאַנען?

וואָראָנעס

— פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל די וואָראָנעס,
די גרוי־באַפעדערטע מיט שוואַרץ באַזוימט?
זיי זענען פעט און דאַך — אויף זיי איז אַ רחמנות,
כאָטש הייטער גאָר, זיי שפּרינגען אויפגערוימט...
ווייסט ווער זיי זענען — זאָגט דער זקן — וואָס זיי זענען?
טאָ הער־זשע אויס, און קוק צו זיי זיך צו,
אַז וועסט זיך צוקוקן, טאָ וועסטו זיי דערקענען
און וויסן, ווען געקומען און פון וווּ...
גלגולים זענען זיי פון ניינצן־פערצן־אַכצן
פון דייטשע די סאַלדאַטן־קברים פיל.
נישט בבא־מעשה איז עס, וואָס איך טראַכט צו,
עס איז אַזוי, ווי כ'זאָג דיר... אַז מע וויל...
דו קוק זיך צו — באַפעדערונג, ווי די מונדירן —
מונדירן דייטשישע, פונקט ווי ביי זיי,
אַזוי געפאַרבט פונקט, און די פיס אַזוי זיי רירן,
אַזוי זיי הייבן זיך דאַך, איינס און צוויי —
אַזוי זיי לעבן אויך פון עסן די ערזאַצן...
זע, קוק זיך צו — זיי ראַיען זיך אין מיסט,
זע, קוק, ווי ווערטן זיי — די אַלע איבערשאַצן
און זע, ווי בליק גנבישער עס שפּיזט...
גנביש זענען זיי, און נידעריק זיי פליען
אין אומצוכט פאַרען זיך, און דאַך, ווי ריין,
און ווען ס'איז פאַדלע דאָ — צו פאַדלע־ערטער ציען
און בליען אויף אין זייער פראַכט געמיין!

פּאַריז 1940—1942

די ווונדערלעכע אַלטע זינדערין — פּאַריז,
די בוגרת־מאַדמואַזעל פּאַרזעסן,
מיט העוויות, מינעס מיאוס און זיס —
רעפּובליקאַנערין — פּרינצעסין!
אין לייכטזין־שאַל פון דער רעווי
צו וועלט דיין ווינקענדיקער שטערן
פון איידלשטיינער קאַלט — דו הייסער בליץ און גלי,
באַפעלערין פון קנעכט און הערן...
אויף דיינע ליפּן, שמינקע האָט געטויט,
און יונג געשמייכלט האָבן אויגן,
פון יאָר צו יאָר דו האָסט דיין אַלטע הויט
אויף פּנים זיך צוזאַמגעצויגן...
אָ, דיווע אַלטע, זינדערין — פּאַריז,
מיט ברוסטן, וואָס אַראָפּגעהאָנגען —
דו האָסט מיט דיינע ווונדערבאַרע פיס
געקענט פאַר אַכציאָריק אָנגיין...
די „פּרימאַווער" געוועזן איז דיין בלימל,
מיט איר שפּאַצירט דו האָסט אין צווייען
און אונדז געשיכורט האָט דיין שטאַרק פּאַרפומל —
דער ריח דיינער פון מוזייען —
און פּלוצים, זע, אין האַרץ אַזאַ מין ריס,
דו יונגפרוי אַלטע פּילגעשטאַלטיק,
מען האָט דיך גרויסע זינדערין, פּאַריז,
אַזוי מין אָפּגענאַרט, פאַרגוואַלטיקט!

ברודער, פוילישער ייד!

"MIAŁEŚ, CHAMIE, ZŁOTY RÓG"
(St. Wyspianski)

ב ר ו ד ע ר, פ ו י ל י ש ע ר י י ד!
אויף וועגן די אַלע אין לאַנד פון די פעלקער־סאָוויעטן
פאַרוואָגלט
דורך שוידערן אַלע געשוידערט, דורך גרוילן די אַלע
באַהאָגלט,
אַ, ברודער, דו פוילישער ייד, פול געלאָגלט מיט צער
און מיט צאָרן,
הער איצטער דעם רוף פון אין הפקר פאַרלוירענעם
גאָלדענעם האָרן!
הער ס'רופן פון גאָלדענעם האָרן, פון פאָטערלאַנד
דיינעם — פון פוילן,
וואָס צענדליקער יאָרן עס האָט אים דער „כאָם" אין
זיין שקר פאַרהוילן,
וואָס צענדליקער יאָרן געבלאָזן אין אים האָט —
דער יאוש און מורא,
וואָס האָט אים דורך שאַנד און מרידה צום וויפלטן
מאָל שוין פאַרלוירן!
ב ר ו ד ע ר, פ ו י ל י ש ע ר י י ד!
דאָס האָט ע ר דעם אומגליק געבראַכט אינעם
לאַנד — אים געעפנט דעם טויער,
דאָס האָט ע ר די וועגן געוויזן דעם דייטשן קאָשמאַר־
אומגעהויער,
דאָס האָט ע ר, דער „אַדעליקער כאָם" אויפגעבלאָזן
פון ריטער־לעגענדעס

דערפירט צו דעם חורבן פון פוילן־מדינה — צו פולער
פאַרלענדונג,

און שטוב דיין און היים דיין, דאָס האָט ע ר אין אַש
און אין אַשפּה פאַרוואַנדלט
און דיך צו דעם גרויליקן אומקום — להשמיד להרג
פאַרהאַנדלט —

אויף אומקום דורך מיתות, דורך גרויזאַמסטע פּחדים
נאָך קיין מאָל געדאַכטע,

דורך פייער פון שפלות, דורך חרפּה, דורך טיפסטער
פאַראַכטונג!

ב ר ו ד ע ר, פ ו י ל י ש ע ר י י ד!
דאָס האָט מען דיין טאַטע, דיין מאַמע אין גריבער
ביים לעבן באַגראָבן,
דיין שוועסטער, דיין כלה, דיין טאָכטער געשענדעט,
געמאָרדעט זיי האָבן,
דאָס האָבן זיי קינדער די יידישע זאָרגלאָז געשמעטערט
די שאַרבנס,

און דיך זיי האָבן געצוווּנגען אין נויט און אין עלנט
צו שטאַרבן...

דאָס האָבן זיי דאָך דיין פאָלק אויסגעסמט מיט די
גיפטיקע גאַזן,

דעם שעיר לעזאָזל פאַר זייער מטורפן בלאַזן,
דאָס האָט מען פון דיר — פון דיין קערפער דעם טויטן,
פון אברים שטיקער
געקאָכט די פּראַקטישע זייפן אין דייטשישע זייפן־
פאַבריקן!

ב ר ו ד ע ר, פ ו י ל י ש ע ר י י ד!
דיין היימלאַנד, דיין פּאָטערלאַנד פּוילן אין שאַנד און
אין בראַנד אָפּגעפּלאַקערט —
מיט אומגליק, מיט שווידער מיט דיינעם, מיט ווייטיק
איז טיף דורכגעאַקערט.
די שטעט, און די שטעטלעך און דערפער אין אָרעמס
פון אוממאַכט עס ליגן,
אין שטעכלדראָט, אייזן געבונדן — אין שאַנד
איינגעשמידטע, אין ליגן —
און אומעטום חורבות און חורבות די שדישע פינצטערע
חורבות,
אויף וועלכע דעם טויטנטאַנץ טאַנצן די הערן די נייע
און קורוועס,
און ס'יאָמערן וועלדער און פעלדער די ברייטע
פּאַרוויסטע, צעווייטע,
און ס'זיפצן אויף טויטע בית־עלמינס די איינצלנע
שרידי הפליטה!
ב ר ו ד ע ר, פ ו י ל י ש ע ר י י ד!
הערסט שאַלן... דער האָרן דער גאָלדענער רופט
דיך צו דעם קאַמף, צו דעם וואָפן,
זעסט בולט דער צער און דער צאָרן עס שרייט אין
די אויגן דיר אָפן —
זיי שטעכן די אויגן דיר — ברודער, טאָ מאַך נישט
קיין שהיות, אָ, ברודער,
אַרויס גיי פון הינערפלעט־כאַאָס און אַ האַרץ און
אַ כוח טו אָן דיר
און דונער אַריין אין דער שלאַכט מיט אימפּעט און
האַסט פון אַ שטורעם —

אַן אויסלייז פאַר פאָלק זאָלסטו זיין, און פאַר דיר און
פאַר דיינע יסורים.
און גאָלדענעם האָרן געפונען — און כבוד און רום פון
אַ גיבור,
אין הענט אין רשות פון דיין פאָלק, וואָס איז איידל
און אייביק גיב איבער!
ב ר ו ד ע ר, פ ו י ל י ש ע ר י י ד!

טורטקול, 5.9.43

פאַרצייכענונג מיט בליי!

ניין, ס'טויג נישט די געשיכטע אונדזערע
צו שרייבן איצט מיט טינט
און נישט קיין דמיון איצט — צו שרייבן וועגן שפּעטער,
ווען שפּאַט און שאַנד, ווען וויי און ווינד
בגוואַלד אונדז רייסט אַרויס פון די געשיכטע־בלעטער.
ווען שווינדל וואַיעוועט, ווען שקר אויפן פערד,
ווען אומעטום, ווו קוקסט זיך אום — מרידה,
ווען אין אַ מבול שרפות שטייט די גאַנצע ערד —
צו שרייבן כלערליי נגינה־לידער!
ניין, ס'איז נישט דאָס האַרץ און נישט דער קאָפּ דערביי,
בעת טויטנטאַנץ, געשפּענסטער־ריקוד ס'טאַנצן גרוילן —
גערעכט ביסט דו:
פאַרצייכענונגען דאַרף מען מאַכן בלויז מיט בליי,
מיט בליי פון קוילן!

ערב...

מען האָט אויף אומגליק זיך געריכט,
און דאַך געקומען איז ער פּלוצים, ווי אַן אומגעריכטער,
און גלייך איז שוואַרץ געוואָרן יעדעס ליכט,
און פינצטער — אַלע מענטשלעכע געזיכטער.
געקומען אומגעריכט, ווי אָפּגעוואַרטער טויט איז —
קריג —
דער שוואַרצער פלעק, פאַרמעקט פון דער געשיכטע
און — אומגעריכט ער וועט אַוועק,
ווי קומען פלוצים וועט דאָס גליק:
דער משפט און פסק דין פון העכסטן ריכטער!

*

צי ליבט איר פראַנץ מאַטילדע שפּעק,
איר פראַנץ, וואָס איז אין קריג אַוועק,
איר פראַנץ, דער ריטער גאָר אָן שרעק,
דאָס איז אַ גרויסע פראַגע.
פון ליבע איז די זאַך גאַנץ ווייט,
נאָר ער געהער צו יענע לייט,
וואָס זי פאַרשטייט, וואָס איז געשייט
„אונד ליבט זי זאָ־צר־זאַגן"...
ביי יעדער שלאַכט ער — זי דערמאָנט,
אין יעדן בריוול פון דעם פראָנט
און דאָס באַמערקט און דאָס באַטאָנט:
די בענקשאַפט שאַפט איםליידן...
און אָט — פון אים — ס'איז זייער נעט
קומט אָן פאַר איר אַ פּאָסטפּאַקעט
אַ קלייד קאָקעט פון פּראַכט־וועלוועט
געפּוצט מיט שפּיצן־זיידן...
נאָר וואָס איז ער, דער טראָטל פראַנץ,
משוגע שוין געוואָרן גאַנץ
וואָס איז עס פאַר אַן עלעגאַנץ:
פאַר וואָס דאָס קלייד אַ שוואַרצע?
אַך, גלייכצייטיק מיט קלייד צוזאַם
קומט אָן אַ טרויער־טעלעגראַם
אַז פראַנץ איז טויט... דאָס הייסט — נישט סתם
און ס'גייט איר אָפּ פון האַרצן!

דער סאָלדאַט און דער טויט

דאָ ווינט איצט אַ ווינט אין בוים צעשטערט,
ער וואַיעט איצט מיט חשד,
און אונטער בוים אויף נאַקעט ערד
עס זיצט דאָ אַ סאָלדאַט.
ער זיצט און קלערט, ער זיצט און טראַכט:
זיין לעבן אָפּגעבליט —
עס איז אַ קיילעכדיקע נאַכט,
ס'טוט ווי אים יעדער גליד.
— ווייסט וואָס? — צו אים עס זאָגט דער טויט,
וואָס זיצט אים ביי דער זייט: —
ווייסט וואָס? — איך זע, דו ביסט אין נויט,
און דיין נשמהליידט,
טאָ קום צוזאַמען, לאָמיר גיין,
קום, ברודערקע, סאָלדאַט!
ווער קען, ווי איך, דיך איצט פאַרשטיין
און דיין נשמה מאַט?
— גוט, קום! — הייבט אויף זיך דער סאָלדאַט,
און מאַכט די אויגן צו —
איך בין שוין מיט מלחמה זאַט,
און דו'סט מיר געבן רו...
מיט דעם סאָלדאַט דער טויט עס גייט
זיי זינגען שטום אַ ליד,
וויביידע זיי, ווי זאַלבעצווייט
זיי זענען שטערבלעך מיד!

פאָרט אַ ייד...

פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל —
טויזנטער די יידן.
אונטער אים די ערדן פלאַמען
און די ימים זידן.
ס'איז דער ייד מיט אַלע יידן —
ווײַ, פון בלויזע ווונדן,
די יבשה און די ימים
האָט מען אָנגעצונדן...
אַלץ מען האָט פאַרפלאַכט, פאַרשפּלט —
אַלע הויכן, טיפן...
וואָגלען נע־ונדע יידן
אויף די אומגליקשיפן.
חרוב היימען, חרוב הייזער —
ס'יידישע פאַרמעגן
און מען לאָזט נישט צו די שיפן
צו יבשה־ברעגן.
ווייל פאַר וואַנדלער, ווייל פאַר וואָגלער
פאַלט קיין שפּע־רעגן,
און פאַרמאַכט עס זענען אַלע —
אַלע, אַלע וועגן...
פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל
טיף אין צער געזונקען,
און מיט טויזנטער נאָך יידן
וועט די שיף דערטרונקען.

ס'איז אייער ערד! טאָ קייט די ערד!

אַ פוסטער פּלאַץ, אַ ליידיקער, פאַרוואָרפן אין אַ זייט
דאָס דאָרף, וואָס אינעם פייער שטייט, דאָס דאָרף
עס איז שוין ווייט,
און ווייט איז שוין געקריץ פון ציין, און ווייט איז
שוין געוויין,
און הונדערט פּופציק מאַן, באַפעלט מען בלייבן שטיין,
אַ פוסטער פּלאַץ, אַ ליידיקער — אַהער מען האָט
פאַרשלעפּט,
און ס'דרעשן האַסטיק ביקסן שווער אַריבער אַלע קעפּ,
אַריבער רוקנס, הענט און פיס — ס'איז אויך אַזאַ מין מי
און אַלע הונדערט פופציק מאַן עס פאַלן אויף די קני...
און ליגן אַלע שווייגנדיק, פאַרגליווערט פון דער קעלט,
אַרום אַזאַ מין טרויעריקע, שווידערלעכע וועלט,
נאָר קראָ אַריבער קעפּ פליט דורך און גיט די לופט
אַ קראַץ —
אַ פוסטער פּלאַץ, אַ ליידיקער, אַן אימהדיקער פּלאַץ...
אַ פוסטער פּלאַץ, אַ ליידיקער — און הונדערט פופציק מאַן
זיי שטייען אויף די קני אין שניי — גיט טויט צו זיי
אַ שפּאַן
און איינער פון דער טויטנוואַך מיט פּנים פעט און רויט
אַ כאָרכל לאָזט אַרויס פון פּיסק, אַ כאָרכל פונעם טויט...
פאַרשטייען נישט די מוטערס בלאַס מיט קינדער
אויף די הענט,
מכוח וואָס, מכוח ווען דער טויט האָט זיך געווענדט.
פאַרשטייען נישט — די אַלטיטשקע מיט ליפּן פרעפּלען
בלוי —

נאָר קיינער נישט פון אַלע זיי עס לאָזט אַרויס אַן אוי...
דאַן רופט זיך אָפּ דער דאָלמעטשער, און קלאָר די זאַך
פאַרטייטשט,
וואָס ס'האָט געמיינט זיין הער דער דייטש, וואָס האָט
געזאָגט דער דייטש:
— ס'איז אייער ערד? — האָט ער געזאָגט — טאָ
גייט און קייט די ערד!
און אויף די הונדערט פּופּציק מאַן אַ זאַלפּ האָט זיך
דערהערט!

פּראַוודאַ 22.1.42

פויל זאָגט:

כ'בין אַלט נישט מער ווי צוואַנציק יאָר
און האָב נישט וואָס צו האָפן.
גענומען כ'האָב אויף זיך — ס'איז קלאָר —
אויף זיך — די קאַטאַסטראָפע.
פאַר וואָס? פאַר ווען? און צוליב וואָס?
צו וואָס אָפּגעקומען?
ווער האָט מיר דאָ געטאָן פאַרדראָס?
און וואָס — מיר צוגענומען?
מען הייסט מיך גיין אַריין אין גרויל,
אין אַלע שווערע פּלאָגן,
און שלאָגן זיך ביז לעצטער קויל,
ווער ווייסט — צו וועלכע קלאָגן...
איין וועג פאַראַן דאָ — זאָגט דער פויל —
איין וועג צום טויט געטראָפן,
און ווער אין גאָט גלייבט, דעם איז וויל —
דער קען אויף גאָט נאָך האָפן...
אַזוי זאָגט פויל און ס'פּאַלט זיין קאָפּ
פאַריאושט אויף די קניען:
דער טויט וועט באַלד מיר זאָגן „סטאָפּ״
צו וואָס־זשע גאָט באַמיען?
ווי יונג בין איך, און — כ'לעב נישט מער
און אַלץ איז אָנגעווירן...
און קוים באַווייזט זיך מיר אַ טרער,
אַט זע — זי ווערט פאַרפרוירן...

אורטייל

דער שיסער ס. פון פאָלק „סס״
איז אַ פאַרברעך באַגאַנגען:
פאַרלאָזט זיין פּאָסטן אויף אַ נס
און ערגעץ ווו געגאַנגען.
ס'איז בלאָס אַצינד זיין גראָב געזיכט,
פאַרלוירן האָט די ווערטער:
אָט שטייט ער פאַר דעם פעלדגעריכט,
און וואָס מע רעדט קוים הערט ער...
און אָטאָ דאָס מע זאָגט אים שטרענג
אין אורטייל אינעם האַרבן:
דעם שיסער ס. ווערט נישט געשענקט
און מוזן וועט ער שטאַרבן:
פאַר טויט האָט מורא ער געהאַט,
ער האָט באַוויזן אָפן,
טאָ מוז מען אים — נישטאָ קיין ראַט —
מיט טויט אַליין באַשטראָפן.
זיין כבוד צוגענומען ווערט
די זעלנערשע, ציווילע,
אַזוי בקיצור ווערט דערקלערט —
(ער הערט קיין וואָרט אַפילו).
ער שטייט געגליכן צו אַ מת
מיט אַנגסטן קאַלט באַגאָסן —
דער שיסער ס. פון פאָלק „סס״
פאַר טויטשרעק ווערט דערשאָסן.

פאַר באַליידיקונג

פון דייטשלאַנדס שאַנד, ווו איז דער קוואַל,
זיין אָנהייב און זיין ענדע —
די מיידלעך צוויי אין חזיר־שטאַל
עס טראַכטן: ס'איז געענדיקט.
נאָר ס'איז נאָך נישט קיין ענדע — ניין,
מע טוט זיי ווייטער פירן
די מיידלעך צוויי — מע צווינגט זיי גיין
אויף שאַנד צו אָפּיצירן.
אין אָרעמס פון דער שאַנד און פּיין
אויף חרפּה גרויס זיי קלאָגן:
צי האָט באַדאַרפט אַזוי צו זיין?
צי קען מענס איבערטראָגן?...
פאַרשפּיגן און מיט בלאָטע גלייך
די מיידלעך הילפלאָז ליגן.
איין אָפיצירל קייכט און פרייכט,
דער צווייטער ברומט אַ ניגון.
און אַז פאַר טאָג איז קלאָג און פּלאָג
געגרוילט פון בייזן חלום
איין מיידל גיט צו זיי אַ זאָג:
— איר רוצחים, מנוּוולים —
מען הענגט זיי אויף — די מיידלעך צוויי,
דער ענין איז דערליידיקט:
„די צוויי — די דייטשישע אַרמיי
זיי האָבן שווער באַליידיקט!"

דער קול אין נאַכט

אויף שלאַכטפעלד צוגעפאַלן איז די נאַכט,
די שלאַכט האָט אָפּגעהילכט מיט קלעפּ מיט שווערע,
דער טויט האָט דעם סך־הכל שוין געמאַכט,
און ווי פּאַר קעלט און שרעק עס צאַנקען שטערן...
אויף שלאַכטפעלד ליגן איצטער מתים בלויז
און כאָרכלדיקע, גוססדיקע שונאים,
ס'איז פון וואָראָנעס שוואַרץ אַ שטום געקרויז —
דאָ זענען זיי די עכטע מחותנים...
זיי טוען זייער אַרבעט פלייסיק, שטיל,
נאָך איידער ס'קומען די קברנים, מאַראָדערן —
אַן אומגעזעענע אַ שוואַרצע מיל —
עס מאָלט אין נאַכט דער צער פון ווייטע שטערן...
ס'איז שטום די נאַכט, מאָוימדיק ווי שטום,
און ליידיק זיפצט דאָס פעלד דאָס דורכגעברענטע;
דער צער געשטילט דעם אומגליק נעמט אַרום,
עס וויקלט נאַכט פון שוואַרצן קרעפּ אַ לענטע.
און אין דער וויסט און שטום, אין טיפן שוואַרץ
צוויי אויגן זעלנערשע עס ווערן שאַרפער —
ביים רויטאַרמייער בלוטיקט הייס דאָס האַרץ,
מיט הענט מיט אייזערנע ביים קוילנוואַרפער.
ער שטרעקט זיי אויס די הענט און שרייט אין שטום,
אין שטילקייט, וואָס געקלעמט איז ווי אין צוואַנגען
— „ווער נאָך וויל אונדזער ערד, העי, נענטער קום!
כ'האָב ערד גענוג... איך וועל אייך ערד דערלאַנגען!"

איך און פיינט

כ׳האָב פיינט מיין פיינט בתכלית שנאה,
נישט מוחל זיין איך וועל זיין שווערע זינד —
ווו שנאה וואַקסט — וועט קיין מאָל גראָז נישט גרינען!
מיין פיינטשאַפט איז מיין פיינטס אַ קינד...
איך האַס דעם האַס, איך צאָרן קעגן צאָרן,
מיין וואָפן קעגן שוואַרץ איז — ווייס.
נקמה פאַר נקמה וועלן נעמען אַלע יאָרן!
אַזאַ איז אויפן אָרט דאָס שטיין אין כישוף־קרייז!
פאַר וואָס כ׳האָב פיינט, פאַר וואָס איך האַס און בין
זיך נוקם?
פאַר וואָס דאָס לעבן אונדזערס ווערט פאַרוויסט?
פאַר וואָס מיר האַלטן זיך באַנאַנדער אויף אַ שטרוי קוים?
דאָס איז דערפאַר, וואָס כ׳בין געווען,
און דערפאַר, וואָס איצט דו ביסט!
מיין פיינטשאַפט צו מיין פיינט איז — בלוטיקע מלחמה
און איך וועל שלאָגן זיך אַנטקעגן שאַנד און פיין,
און דויערן עס וועט מיין האַס און צאָרן און
פאַרביסענע נקמה —
כל־זמן מיר ביידע וועלן אַנדערע נישט זיין!

יאַוואָל, דאַס לעבן איז פּאַראַדאָקסאַל

ער קען עס נישט, ער וועט עס נישט פאַרגעסן,
דערציילן עס נעמט אָן אַ גרויסע שרעק :
אין לעבן זיינעם האָט ער אויפגעגעסן
פיל טויזנטער קילאָ סיי מעל, סיי שפּעק...
ער, דער יעפּרייטער, אָטטאָ מויז, אַ שטייגער,
געגעסן האָט — און קיין מאָל נישט פאַרשאַדט
עס האָט זיין מאָגן, פּינקטלעך ווי אַ זייגער,
וואָס נישט געוווּסט האָט קיין מאָל פון פאַרראַט...
ער האָט געגעסן ביז צו זעט, פאַרשטענדלעך,
נישט נאָר געגעסן, נאָר געפרעסן אויך
און אַלץ געמיינט אַזוי וועט זיין אומענדלעך
און אָפּגעגרעבצט, פאַרדאָן, געשלוקערצט הויך...
ער, אָטטאָ מויז — געפילט זיך אויסגעצייכנט,
די גבורות גרויסע פאַר דער וועלט באַווייזט,
אין האָדעווען אַ גוף אַ גראָבן, ווייכן,
ווי אויך, פאַרדאָן, מיט גאָר אַ „שטאַרקן" גייסט...
און אָט אין איינעם פון די קריגס־מעת־לעתן
(מיט אים אין סטאַלינגראַד האָט עס פּאַסירט)
דריי פּאַדלע־קאָטערס האָט ער אויפגעפרעסן
און, נישט פאַר אונדז גערעכט, האָט באַלד קראַפּירט !
ער, אָטטאָ מויז, וואָס האָט שוין אויפגעגעסן
פיל טויזנטער קילאָ מעל און שפּעק,
ער קען עס נישט, ער וועט עס נישט פאַרגעסן —
דערציילן עס נעמט אָן אַ שרעק !

שלום מאַכן?

שלום מאַכן? פרידן שליסן? מיט וואָס? מיט וועמען?
מיט מערדער און מיט מאָרד?
ווער ו ו ע ט זיך עס די העזה האָבן אונטערנעמען
צו שטעלן וועלט אין קאָן אויף שווינדל־קאָרט?
שלום מאַכן? פרידן שליסן? מיט גניבה און מיט גזילה?
מיט נידערטרעכטיקייט און שאַנד?
ווער ו ו ע ט עס צו נבלה און נעווײַלע
אויסשטרעקן אַ האַנט!
שלום מאַכן? פרידן שליסן? מיט טעמפּקייט, טפּשות
און שגעון?
מיט שקר און מיט שווינדל? מיט שמוץ און קויט?
בעסער זיך דעם קריג דעם אייביקן צו אָנפּאַרטרויען
און צו דעם טויט!

לבנה־מיספאַרשטענדעניש

נו, לאָמיר גאָר אַ מעשה׳לע אַזאַ זיך גאָר דערמאָנען,
אַ מעשה׳לע, וואָס כ׳האָב אָקאָרשט זי צוגעטראַכט,
אַ ליכטיקע געשיכטעלע פון שטערן און לבנה
און פון פינצטערער, פון זייער חושכדיקער נאַכט...
הער אויס אַ זאַך: אַנומלט האָבן גלאַנציקע די שטערן
דערציילט בסוד דער זילבערנער לבנה פון נעכט,
אַזעלכע שוואַרצע נעכט, וואָס מערן זיך און מערן
און אַז אין נעכט אָט די איז שרעקנדיק און שלעכט...
דאָס אויסגעהערט — האָט די לבנה נישט פאַרשטאַנען
און האָט פאַרגלוסט אַזעלכע שוואַרצע נעכט אַליין צו זען,
זי האָט דאָס גלייבן נישט געקענט, אַז ס׳איז אַזוינס
פאַראַנען.
אַז ס׳קען אַזוינס, אַ שטייגער, אויף דער וועלט געשען...
זי האָט עס קיין מאָל נישט באַמערקט... אַליין זי מוז זיך
איבערצייגן
און פון איר פוטערפאַס (זי האָט עס גוט געמאַכט)
איז זי אַרויס מיט כישופדיקן אירן, זילבערדיקן שווייגן
אין איינער, אין אַ פינצטערער און שטערנלאָזער נאַכט...
און מערקווירדיק — די ערד אין שוואַרצער פינצטערניש
געטויכטע
איז העל געוואָרן זילבער־חלומדיק גאָר אומגעריכט
און פונקט, ווי דו, מיין פריינד, האָט ז י די אָפּגרונטן
באַלויכטן,
נישט ווּסנדיק, אַז ס׳איז איר פנים — איר געזיכט !

קוק זיך צו

קוק זיך צו
און באַנעם אין זען,
ווי ווונדערלעך ס'איז דער באַשאַף,
ווי אַלץ קען פולקאָם זיין —
סיי דאָס גוטס און סיי דאָס שלעכטס,
ווי איינס עס שליסט נישט אויס דאָס צווייטע,
ווי איינס דאָס צווייטע איז ממלא.
דערהער די שטומקייט פונעם רוישן —
אין האָפענונג מען קען דעראַנען די אַנטוישונג —
אין טרויער־שטילקייט — די פריידן־שאַלן!
דערקען אין דעם באַשאַף
געמיש פון מלאך און פון אַף —
דעם מהלך רב — דעם מענטש!

וואָס טון?

ווען ס'ליגט אויף האַלדז פון פאָלק דער חלף דער שאַרפער,
ווען אימת־מות נעמט אַדורך דעם מאַרך פון ביינער,
פון זיך אַליין אַנטלויפן נישט פּרוּוון דאַרפסטו
און — פּרוּוו זיך נישט צו וויינען!

ווען לייב און לעבן אויסגעדרייט אין פּיין און מאַטער
און בלויז געשפּענסטער דײַן געצעלט באַוווינען,
ווען לעצטע האָפענונגען ווערן טרויריק אָפּגעפּטרט —
מייד אויס דעם קלאָגער, דעם מקונן!

ווען בלינד און אָפּגעטעמפּט עס ווערן חושים אַלע,
ווען גרויל דער גרויסער האָט אין איטלעך האַרץ געטראָפן,
נישט גיי אַרויס מיט מוסר־זאָגעכצן ברוטאַלע,
נישט ווער קיין שטראָפער!

ס'איז אמת ווי צום אומגליקלעכן יחיד ווילד צעיאָכמערט,
און ווינד צום פאָלק, וואָס פון זיין אומגליק גאָרנישט
ווייסט ער,
נאָר בלייב צוריקגעהאַלטן מיטן קינדיקן דײַן נחמו,
און היט זיך אָפּ פון זיין צו אים אַ טרייסטער!

פאַרקלעם די ציינער נאָר ביז בלוט וועט רינען
און בייל די פויסטן — אַז די אַנגסטן זאָלן שטראָמען
און שווער אַ שבועה מיטן פאָלק: פון אייביקער דער
שנאה,
פון אייביקער נקמה!

יאָ, האַס —

יאָ, האַס! יאָ, האַס! און נאָך אַ מאָל — פאַרניכטנדיקער
האַס!
פאַרהאַסט זאָל ווערן דער געביין פון זיי און זייער נאָמען!
יאָ, האַס — זיי אויסראָטן אין היים, אין הויז און גאַס —
זאָל ווערן האַס די אומדערבאַרעמדיקע ווילדעסטע נקמה!

זיך נוקם זיין פאַר יעדער זייער נידערטרעכטיקייט און זינד,
מיט שפּאָט און מיט פאַראַכטונג צו דעם פאָלק — דעם
גולם,
דיין האַס צו אַלץ־פאַרברענענדיקע פלאַקערן, דערצינד,
פאַרקריץ זיי אין דיין אייביקייט לדראון * עולם...
יאָ, האַס און האַס, און זיי זיך נוקם אָן אַן ענד
און זאָל דער האַס צו זיי אויף תמיד שוין געדייען,
ביז ווערן וועט דער לעצטער פון פאַרזעענישן די
פאַרלענדט —
יאָ, האַס אויף האַס... צי וועט אונדז אָבער האַס
אַזוי פיל סטייען?

צי וועלן מיר דעם האַס אין זיך פאַרמאָגן פיל מע דאַרף,
אַז ס'איז נישטאָ אַזוי פיל אין דער וועלט דער גאָרער,
וואָס שטילן זאָל דעם ווייטיק אונדזער שאַרף,
וואָס זאָל אונדז לינדערן די עוולה און דעם צאָרן...

יאָ, האַס און האַס! און נאָך אַ מאָל פאַרניכטנדיקער האַס,

* שאַנדע.

סיי אָפן אויפגעדעקט, סיי אונטער דעם באַוווסטזיין
אונדזערן פאַרבאָרגן,
וואָס לעשן זאָל אַ ביסל אונדזערן דעם כעס,
ווי אויך דעם עקל פונעם נעכטן, היינט און מאָרגן!

די ירושה נאָכן זיידן

דו האָסט אונדז אייניקלעך, פּילצאָליקע, אַ גרויסן אוצר
פון דעם פאַרמעגן פאָלקישן איבערגעלאָזט —
אַן ערד אַ ליכטיקע, וואָס אין די היימלאַנדהימלען
בלויט זי,
מיט רויטן ברכה־ווייַן אַ פולער שוימענדיקער כוס!
דו האָסט די אייניקלעך געלאָזט אַ גאָלדענע ירושה
פון ליבשאַפט אומגעהויערע צום יושר פון דער וועלט —
אַ וועלט פון פשטות הייליקער, וואָס איז צום האַלדזן,
קושן,
און אויך געוויזן אונדז דאָס רשעות אָפן און פאַרשטעלט...
דו האָסט אַנטפּלעקט די שיינקייט און די מיאוסקייט
פונעם מענטשן,
און שאַרף געשטאַלטיקט זיי אין שטאָט און דאָרף,
אין פעלד און וואַלד.
דו האָסט געלערנט אונדז, וואָס שילטן דאַרף מען,
און וואָס בענטשן,
ווי פראַכט צו האָדעווען, ווי ראַנגלען זיך מיט גרויל
און גוואַלד...
מיר האָבן אים, דעם אוצר, אָנגעזאַמלט דורך דיין לעבן,
בלב ונפש מיט קרבנות־גרייטקייט אָפּגעהיט,
אַרייַנגעוועבט אים אין די דינסטע איידלסטע געוועבן
פון אונדזער פרייד און לייד, פון אונדזער האָפענונג
אין וואָרט און ליד.
מיר זענען שטאָלץ מיט דעם ירושה־חידוש אונדזער זיידנס,
וואָס גילט און גילט אין דער געראַטעניש פון אונדזער ערד,

און אונדזער מי, און אונדזער טאָג אַלטעגלעכער זאָגט
עדות,
אַז דאָס פאַרמעגן דיינס עס האָבן אייניקלעך פאַרמערט.
מיר טראָגן דאָס אין הערצער מיט צו אַלע ווייטסטע ווייטן,
קיין איינער ניט פון אונדז האָט עס פאַרלייקנט, ניט
פאַרשוועכט,
אויף קיין שום אוצרות כלומרשטע מיר וועלן זיי ניט בייטן,
ווייל דו ביסט, אין דיין יעדן קער און ווענד גערעכט ! !

מאָסקווע 1947

צום פאָלק און לאַנד

צי איז עס, וואָס עס שטורעמט אין מיין ברוסט — דער
שטאָלץ —
דער שטאָלץ פון אויפגעפלאַנטערטער, דער אויפגעמאַנטער
ערע ?
ס'איז עפּעס מערער !

צי איז עס, וואָס עס כוואַליעט אין מיין האַרץ — די
פרייד,
די פרייד, וואָס שליסט מיט שפּרונג אויף אַלע שלעסער !
ס'איז עפּעס גרעסער !

צי איז עס, וואָס צעשטראַלט מיר דאָס נשמה־גליק,
דאָס גליק, וואָס איבערפולט מיט אַלטן וויין דעם בעכער ?
ס'איז עפּעס העכער !

צי איז עס, וואָס עס זינגט אין מיר די ליבשאַפט
פון דער וועלט,
וואָס הילכט אַרויס אויף אַלע וונדערלעכע טענער ?
ס'איז עפּעס שענער !
צי איז עס אפשר די אַנטפּלעקונג פון דער געטלעכקייט
אַליין,
וואָס ס'רוב איז עס פון בן־אדם אָפּגעזונדערט ?
ס'איז מער ווי וונדער !

טאָ וואָס־זשע איז עס פאָרט, זאָג, וואָרט מיינס, זאָג,
צו אַלדי גוטע יאָר,

אַנטפּלעק מיר וואָס איז עס דער זין פֿון דעם דער עכטער ?
ס'איז געדעכטער —
ס'איז שעפֿערישע, קעמפּפֿערישע, זיגערישע־מענטשלעכסטע
די האַנט,
וואָס זייט און שפּרייט דעם שטאָלץ און פֿרייד און גליק
פֿון לעבן,
זי האָט מיר די פֿרייד און זיג פֿון פֿאָלק און לאַנד געגעבן !

מאָסקווע, 25.5.1948

בוי, בויער

זאָג, בויער,
דו יונגער בויער,
וואָס בויסטו, בויער, זאָג!
איך בוי אַ הויז,
איך בוי אַ מויער,
איך בוי אים שטאָק נאָך שטאָק!
אַ הויז בוי איך,
איך בוי אַ מויער
אַ היים, וואָס הויך און שיין,
וואָס פריי זאָל זיין
פון צער און טרויער,
און פון דעם זינד, וואָס ריין!

איך בוי אַ הויז,
אַ הויז בוי איך
און איבער אים
דער הימל בלוי!
איך בוי און בוי
און ווער נישט מיד
און ס'העלפט מיר צו
מיין פרייהייטסליד

העי, העי!
זאָג, בויער,
זאָג, פאַרטרוי מיר,
פאַרטרוי דיין ווונטש און מיין!

איך בוי אַ לאַנד פאַר מענטשן־טרוימער
וואָס צו דעם גליק זיי גייען.
אַ לאַנד בוי איך,
אַ היים בוי איך,
מיין קליינעם גרויסן־לאַנד !
טאָ זיי געבענטשט
מיט מוט און כוח,
זאָל זיין געבענטשט דיין האַנט !

העי, בויער, דו יונגער בויער !
מיר בויען איצט באַנאַנד,
מיר בויען ווונדער
אומגעהויער
אי הויז, אי היים, אי לאַנד !
מיר בויען און מיר איבערבויען
די פריי מיט אונדז באַפעלט,
און מעגן שונאים
בילן, וואָיען —
מיר בויען ניי די וועלט.

העלד און טויט
(באַלאַדע)

בעת שלאַכט אין פעלד,
אין ברייטן פעלד,
באַגעגנט זיך מיט טויט דער העלד —
דער העלד מיט טויט צעלאַכטן.
יאָ, איין אויף איין
מיט טויט אַליין,
וואָס שטשירעט זיינע שאַרפע ציין
אויף קעמפער די פאַרשמאַכטע.
דעם קאָפּ פאַרשייט
געבויגט אין זייט,
די שפּייעכץ־סלינע ווייט ער שפּייט
אין טרויעריקע פאַרנאַכטן.
טויט רייצט מיט רו,
מיט ערגעץ־וווּ,
מיט ווונק מיט זונהשן — נו־נו,
מיט פּטור זיין פון טראַכטן...
נאָר ס'זאָגט דער העלד:
— מיר גוט געפעלט
דאָס לעבן אויף דער שיינער וועלט,
און דיך, מיין טויט, פאַראַכט איך!
דאַן ברייט צעלאַכט
דער טויט ער מאַכט:
— דיך אויך פאַר ליבשאַפט איך פאַראַכט
מיט גרויסער דער פאַראַכטונג.
מיט ווּט און מוט

גליט העלדיש בלוט :
— אויף קעגנזייטיקייט באַרוט
פאַראַכטונג נישט געדאַכטע.
און ס'לאָזט זיך אויס :
דער טויט איז גרויס,
נאָר לעבעדיק דער העלד פאָרויס
ער שפּאַנט צו נייע שלאַכטן !

שלאַכט־סך־הכל

עס קראַכן האַרמאַטן:
גראַנאַטן, גראַנאַטן...
היפּ־היפּ און „הורראַ",
אַ הוראַ־הוראַגאַן,
פון פאַרראַט
אַ פאַראַד,
און פּגרים,
און קברים,
און ביים טויטן סאָלדאַט
פּיקט אַ ראָב
אינעם קאָפּ,
קוקט מיט חשד,
מיד און מאַט,
און אין נאַכט — פּגע־רע
קומט דער אָפּקלאַנג —
„הורראַ"
אין אַ קרראַ!
— קרראַ!
קראַך!

בוים און פאָלק

ווי וווּנדערלעך עס בליט דער בוים,
ווי הערלעך גרין זיין בלעטערקלייד!
איז דען פאַראַן אַזאַ מין שטילע שטאָלצע פרייד,
ווי ביימערפרייד?
עס בליט דער בוים מיט אָפּגעהאַקטע צווייגן,
(נאָר שטילער איז זיין שווייגן!)
באַווייז און איבערצייגונג, אַז די בליאונג איז זיין גאָב
ווען —
אָפּגעהאַקט אַפילו איז זיין קאָפּ!

נאָר ס'לעבן זיינס, די בליאונג איז צעשטערט,
ווען גאַנץ איז ע ר —
מיט וואָרצל, קאָפּ און שטאַם
און יעדע רגע איז פאַר אים סם,
ווען וואָרצלען וואָרצלט ער נישט אין דער ערד!
— — — — — — — — — — — — —
מיין פאָלק, מיין שטאַמבוים,
איז ד ע ן אַ גורל אַן אַנדערער דיר באַשערט?!

„ווער גראָבט עס דאָרטן אויף מיין קבר?״
נאָך טאָמאַס האַרדי

„ווער גראָבט עס דאָרטן אויף מיין קבר?
איך זע, מיין ליבסטער איז מיר טריי!״
— ר׳האָט נעכטן חתונה געהאַט,
אַריין איז ער אין רייכן שטאַט,
ער האָט געזאָגט: „אַז ס׳איז דאָך גלאַט
אַלץ איינס איר סיי־ווי־סיי!״

„ווער גראָבט עס דאָרטן אויף מיין קבר?
די קרובים פלאַנצן בלומען דאָרט!״
— פאַרקערט... זיי טענהן פונקט פאַרקערט:
„וואָס טויג איר בלומען אין דער ערד,
בעת ליגן איז איר דאָ באַשערט,
דאָ — אויפן גוטן אָרט!״

„ווער רייסט עס איצטער דאָ מיין קבר?
צי איז׳ס נישט די, וואָס מיך פאַרטרעט?״
— אָ, ניין! זי קומט נישט דאָ אַהער,
זי איז שוין נישט מקנא מער,
זי איז שוין נישט פאַר איר קיין שטער,
אַז טויט, איז — אָפּגערעדט!

„טאָ ווער־זשע גראָבט דאָרט פאָרט מיין קבר?
ווער פאָרעט זיך, ווער גראָבט עס דאָרט?״
— אָ, באַלעבאָסטע, ליבסטע מיין,
דאָס בין איך דאָך דאָס הינטל דיין.

דו האָסט באַהאַנדלט מיך גאָר פיין —
קיין ליבשאַפט נישט געשפּאָרט !

„אַ הונט עס ראַיעט אויף מיין קבר,
אוי, נעבעך, ס'בענקט זיך אים נאָך מיר !
דו, איינציקער, דו ביסט מיר טריי,
אויף מענטש געזאָגט עס, הלוואי !
געבענטשט דערפאַר, מיין הינטל, זיי !
איך דאַנק דיר אָן אַ שיר !"

— געגראָבן האָב איך דאָ דיין קבר,
אָ, באַלעבאָסטע, מוחל זיי !
איך האָב איצט דאָ, מיין ערנוואָרט,
אַ ביין פאַרגראַבן אָפּגעשפּאָרט,
פאַרגעסנדיק, אז אויף דעם אָרט
איר ליגט דאָ ביי־דערביי !

מען פירט אין „טויטפאַבריקן"

צו וואָס באַדאַרף מען זיי, די שווער פאַרווונדעטע
אין שלאַכט ?

צו וועלכן שוואַרצן יאָר, צו וועלכע גליקן ?
טאָ שיקט מען זיי אין די וואַגאָנען פאַרפלאָמבירט
אין נאַכט,

מען שיקט זיי מחנותווייז אין טויטפאַבריקן.
דאָרט מאַכט מען זיי דעם סוף — פאַרשטייט זיך,
אַז הומאַניטאַר,

זיי דאַרפן דאָך נישט מער... נאָך מערער ליידן.
זיי דאַרפן פטור זיין פאַר שפעטערדיקן גרויסן צער —
די חרפּה וועלן זיכער זיי דאָך מיידן...
זיי וועלן מינערן די צאָל פון קאַליקעס אין לאַנד,
נישט דאַרפן בעטלען ביי די קלויסטערס גאָטיש.
פאַר וואָס פון צאָרן זאָלן צינדן זיי די גרויסע בראַנד,
בעת איצט נאָך קענען זיין זיי פאַטריאָטיש :
זיי דאַרפן דאָך נישט מער... נאָך מערער ליידן.
דער טויט פון זיי געדויערט נאָר איין ווײַלע !
און אָפּגעשפּאָרט ווערט זיין, באַרעכנט, דייטשן, וויפל
ברויט,

פון וויפל פטור איבעריקע מײַלער ? !
אַזוי איז עס, איר בירגער פונעם דייטשן דריטן רייך,
און איר פאַרנונפטיקע, איר פאָלקס־גענאָסן,
צי וועט איר לייקענען, אַז דאָס איז ריכטיק, דאָס איז
גלייך —

מיט דעם ווערט אויך דאָך אונדזער פיינט געשאָסן !
טאָ... אָפּפאָהרען ! — וואַגאָנען אַלע זענען פאַרפלאָמבירט.

אַ גליק — זיי ווייסן נישט ווו מען פֿאָרט, ביז וואַנען —
אין פיבער זייערן און אין קאָשמאַר מען פירט
אין די געהיימנישפולע טויטנבאַנען !

אַריינפיר צו די
„באַלאַדן פון טויט"

אומאויפהערלעך, אין די פוסטריט מיינע ר׳איז געטראָטן,
ביז געוואָרן איז ער אין דער וואַנדערונג — מיין שאָטן.
דאָ געהנדלט זיך צו מיר מיט זעלבסטמאָרד, דאָ געדראָט
מיט מאָרד,
און אַריינגעריסן זיך אין די געוועבן פון מיין וואָרט —
אין וואָרט אין ערנסטן און אין קאַטאָוועס —
ער, דער מלאך־המוות.

.1942

✶

אַ קללה צו דער מוטער, וואָס געבוירן האָט דאָס קינד
דעם מערדער,
אַ קללה צו איר זינדיק, שמוציק לייב און לעבן,
וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אויף ערד אַהער דאָ
דעם אויסוווּרף — און אים „גייסט" געגעבן!
אַ קללה צו דער מוטער — צו דער ערד דער דייטשער,
וואָס געבוירן האָט דאָס קינד!

משלים,
אפאריזמען און
עפיגראמען

*

— אַזוי איז'ס גוטער ברודער:
אַ גראַם פאַרקירצט פון וואַרט צום וואָרט די שטרעקע
און דעריבער
איז ליבער
איידער יודע פאַרעקע,
יעקע — פאַרעקע!

PIETA

מעגסט זיין דער פרייסטער פון די פרייע,
נאָר קוים באַגעגנסטו אַ וואָסערע נישט איז לוויה,
דאַן נעם דעם הוט אַראָפּ,
און טיף פאַרנייג דעם קאָפּ:
פאַר מענטש, וואָס גייט צו גאָט,
פאַר מאַיעסטעט פון טויט —
פאַר סוד און זיין יסוד!

*

קנאה איז די הור־מוטער (נישט די אור־מוטער) פון שנאה — די אַלט־פּאַרזעסענע פּרוכטלאָזע מויד.

*

האַס איז דער געפערלעכסטער זשאַווער, וואָס פרעסט שטאַרקער דעם האַסער, ווי דעם געהאַסטן.

*

נישטאָ קיין געפערלעכערע קנאה, ווי נאַציאָנאַלע קנאה, זי האָט כוח אויפצופרעסן פעלקער, מיט דעם ראָסט מיט אירן.

*

ווען עמעצער באַוואַלט דיך, בעת דו ביסט אומשולדיק, זאָלסטו משפטן דעם, וואָס באַוואַלט דיך, אָביעקטיוו. ווייל — זיי וויסן — ער איז ש ו י ן אַליין אַ באַוואַל־טער: דורך מאַנגל אין שכל, אָדער אין האַרץ.

*

אין באַצוג צו משוגענע אָדער שיכורים ווערט אָנגעווענדט דער מידת הרחמים, נישט דער מידת הדין.
משוגעים און שיכורים דאַרף מען היילן, אַפילו ווען זיי זענען אומהיילבאַר.

*

דער ח ט א טראָגט א י ן זיך די שטראָף — ערשטנס — פאַר דעם חוטא גופא. אַזוי דיקטירט די געזעצמעסיקייט פון דער טבע.

*

געזעצמעסיקייט פון געזעצלאָזיקייט — אַזאַ דערשיינונג איז אויך פאַראַן אין מענטשלעכן כאַראַקטער.

*

נישטאָ קיין גרעסערע און ווירקזאַמערע נקמה, ווי טון גוטס פאַר שלעכטס!

*

געטלעכקייט איז אין דער ערשטער ריי — גרענעצ־לאָזיקייט, און דעריבער זענען ביידע צדדים — די, וואָס גלייבן אין גאָט, און די, וואָס לייקענען אין אים — גלייביקע: איינער גלייבט, אַז ער איז דאָ, און די אַנדערע גלייבן, אַז ער איז נישטאָ.

*

איך בין איבערצייגט, אַז אין אַלעם און אַלץ איז דאָ גאָט (גאָט — גיט — גוט!). איך זע אים סיי אין דער ווירק־לעכקייט, סיי אין חלום — כי מלוא כל הארץ כבודו; און נישט נאָר אין „כל הארץ", נאָר בפירוש בכל העולמות... זעענדיק, זעען מיר זי, הערנדיק, הערן מיר זי — די געטלעכקייט — און באמת ויסנדיקע ווייסן עס. און — אַ גרויס רחמנות איז מיט די גנאָסטיקער און אַגנאָסטי־קער, וואָס זייער וויסן און אומוויסן דערגרייכט נישט ביז צו די קנעכל אירע, זיי באַרירן קוים דעם טוי אויף דעם מינדסטן גרעזל, און זענען נישט מסוגל צו הערן דעם קול דממה דקה פון דער געטלעכקייט, וואָס איז אין מיין וועזן אומבאַשטרייטבאַרע ווירקלעכקייט.

*

— וואָס וועט ווייטער זיין?

— דאָס אומאויפהערלעכע אייביקע ווערן!

— און וואָס איז געוועזן?

— דאָס, וואָס עס איז אייביק געוועזן.

— אָן אָנהייב? אָן בראשית?

— אָן!

— און וואָס איז א י צ ט?

— איבערגאַנג! אָדער — המשך...

— און אַזוי אייביק?

— אייביק, ווי די אייביקייט! אומענדלעך, ווי דער אין־סוף!

✶

ר׳ אברהם־חיים זאָגט, אַז אין די הייליקע ספרים אונ־דזערע ווערט ערגעץ געבראַכט, אַז דאָס פלייש, וואָס דער מענטש פאַרצערט, ווערט מגולגל אין דעם מענטשלעכן קערפּער אויף צוויי אופנים: דאָס רינדפלייש — אין פלייש פון מענטשלעכן לייב (ס׳מענטשלעכע איז גובר דאָס בהמה׳שע) און דאָס חזירישע פלייש, וואָס דער מענטש פאַרצערט, פאַרוואַנדלט די מענטשלעכע הויט און קנאָכן אין — חזירישע. ס׳ווירקט די „שטאַרקערע״ חזירישע סובסטאַנץ...

✶

חזיר האָט אויפגעפראַלט — די טויערן פון בית־מקדש.

— קוקט זיך צו צו די העלדזער און נאַקנס פון געוויסע חזיר־ און חזיריי־ליבהאָבער: שווייַנען־לעדער...

און די אויגן — ס׳רוב — באַזונדערס די קנייטשעלעך ביי די אויגן, וואָס באַוועגן זיך בעת האַס און פאַרדאַכט אין אַ מין באַזונדער חזירישער שמוציקער כיטרעקייט.

✶

כיטרעקייט איז די חכמה פון אויסגעשפּראָכענע נאַראָנים. אין כיטרעקייט איז תמיד דאָ דער עלעמענט פון שלעכטס.

✶

האָב פיינט דאָס שלעכטס; אָבער דאָס פיינט האָבן, די שנאה איז דאָך אַליין רשעות.

✶

די ווירקזאַמסטע תפילה צו דער אייביקייט איז — טאָט! (תפילה במעשה).

✶

גלייכער, איידער זוכן פלעקן אויף דער זון, צו זוכן זון אויף די פלעקן...

✶

און אַז גאָט האָט אין אונדזערע טעג אַ קוק געטאָן אויף זיך אין זיין שפּיגל — אינעם מענטש — האָט ער זיך פאַרקרימט: „איך בין קראַנק" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

✶

תשובה ז אָ ג ט מען נישט — תשובה ט ו ט מען.

✶

און אַז דער גרויסער קינסטלער האָט באַשאַפן זיין זעלבסטבילד — דעם מענטש (בצלם אלהים) האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ס'איז אַ סך לייכטער צו שאַפן אַ לאַנדשאַפט, אַ זשאַנר־בילד, אַ בעל־חיי, סתם אַ פּאָרטרעט, איידער אַן אויטאָ־פּאָרטרעט.

אַ וועלטבאַנעם

פון איין זייט — איידעלער און דינער זייד,
און פון דער צווייטער זייט — דער לייוונט גראָב. (אויב
נישט גרעבער!)
דאָס איז פון איטלעכער דערשיינונג דער באַדייט!
טאָ נעם זיך אָן מיט מוט — און כוח האָב,
צעווישן גאָט און לייטן,
זיך עוסקן און זען דיביידע זייטן!

✶

ווען דער גראַפאָספאַזם וואָלט דערשינען גלייך מיט דער גראַפאָמאַניע, איינס האַרט נעבן צווייטן, ווי איך האָב עס אָנגעטראָפן אין אַ געוויסן רוסישן פרעמד־ווערטערבוך, וואָלטן מיר נישט פאַרלוירן גרויסע צייטאָפשניטן אויף לייענען שלעכטע ליטעראַטור, לגנאי דער גוטער, וואָלט גוטע דיכטונג נישט געזונקען איבערן קאָפּ אין דער צואה פון טאַלאַנטלאָזיקייט, וואָלט נישט געפטרט געוואָרן אומ־זיסט אַזוי פיל פּאַפיר און טינט!

קעגן ליטעראַרישע קאָנווענאַנסן

אַ וואַנץ,
אַ חוצפּהדיקע וואַנץ
איז איין מאָל אין אַ מיטן אינדערוואָכן
מיט קריכערישער אַראָגאַנץ
אין מיטן פון אַ בוך פאַרקראָכן...
ווייל ס'איז געווען דאָס בוך
אַדורכגעקוקט,
מע האָט עס דעמאָלט אין דער ביכער־אַלמער
גלייך אַריינגערוקט
און ס'איז די וואַנץ צעקוועטשט געוואָרן,
איבערלאָזנדיק אַ שטינקענדיקן צייכן —
לזכרון...
מאָראַל
פאַרן שרייבערישן כלל — (און נישט נאָר פאַרן שרייבער־כלל)
אַ קלאָרע און אַ פּראָסטע:
עס הייסט נאָך נישט די וואַנץ —
ווען צעקוועטשט אין דראַמע „אוריאל אַקאָסטאַ"
צי כ'בעט אייך איבער — אין דייטשן חיבור:
„דער דראַנג נאַך אָסטן"
אַ קרבן
געשטאָרבן
אויפן ליטעראַרישן
בכבודיקן פּאָסטן!

די פינפטע ראָד צום וואָגן

געווען אַמאָל אַ ראָד,
און גראָד אַ גוטע ראָד —
אַן אויסגעצייכנטע, אַזוי צו זאָגן,
מיט יחוס פון לבנון־צעדער,
אַן אמתע, „קראַסאַוויצע" צווישן רעדער;
און וויל געפונען האָט עס קיין פּאַרוועגד,
ווו ס'האָט זיך נאָר געקערט
אין ווו געווענדט,
געקראָכן איז עס אויף די גלייכע ווענט,
איז עס סוף־כל־סוף געוואָרן,
אויף עלטערע די יאָרן,
אַ פינפטע ראָד צום וואָגן...
ס'איז גרויס די בראָך:
אַלץ הייסט — גאָר גרויס!
די פינפטע ראָד לויפט נ אָ ך
און לויפט פ אָ ר ו י ס — דעם וואָגן,
עס האַלט אין איינעם יאָגן זיך און טראָגן
(אַלץ הייסט אַ יאָגן —),
ס'האָט יגון ואנחה,
עס פּלאָנטערט זיך צווישן רעדער,
צווישן אַקסן
און איטלעך איינער,
וואָס קוים פון דר'ערד געוואָקסן,
און אַיעדער,
סיי יוסטע אייזלען, און סיי טעמפּע משא־אָקסן,
מיידט נישט אויס דער ראָד אַריינצוזאָגן:

אַז ז׳איז — אַ פינפטע ראָד צום וואָגן —
אַוועק
פון וועג...

וואָס טויג דיין יחוס און דיין כבוד,
אַז האָסט נישט באַצייטנס —
מיט אייזן זיך באַקאָוועט ?

זיין באַראַבאַנישע עקסעלענץ

מעג קעסלפויק באַקומען ס׳גרעסטע חשיבות
פאַר הילכיקייט און פוסטקייט זיין,
וועט קיין מאָל ד אָ ך נישט קליידן אים דאָס מלבוש
פון עניוות,
אַפילו ווען אַליין ער שלאָגט זיך דעם על־חטא אַריין...
פאַר פידל איז ער נישט קיין קאָנקורענץ,
פאַר קיין שום פידלען —
און וויפל ע ר זאָל נישט מיט מאַרקישקייט יאַרידלען
פאַרבלייבט ער אַלץ נישט מער — אַ באַראַבאַנישע,
אַ פוסטע... עקסעלענץ!

AD ASTRA!

און דאָס איז ער דער עיקר
און דער קערן
אין דעם געשעפֿ:
ס'וועט קיין מאָל נישט די הויך דערגרייכן
פֿון דעם רויטן שטערן
דער אָדלער מיט די טויזנט פֿליגלען,
ווען ר'איז אַפּילו מיט צוויי קעפּ!

גירסא דינקותא...

דער מוטערס מילך האָט דאָך זיכער וואָס־די־ווערט:
אַנומלט האָט אַ וועלפין די ברידער צוויי —
די גרונטלייגער פון רוים דערנערט...
נאָר אַך־און־וויי,
ווען איינעם דורך אייזל־מילך דערצויגן ווערן איז באַשערט!

זידלרייד

— און אַז עס טרעפט אַמאָל,
עס טוט אַ הייב דיך פון אָרט:
דו פילסט —
דו מוזסט אַרויסהילכן אַ זידלוואָרט,
טאָ ווייס, אַז אַטאַוויסטיש,
אַזאַ געפעפערט וואָרט,
אַזאַ ברוטאַלס,
וואָס כאָרכלט זיך,
וואָס כראַקעט זיך אַרויס פון האַלדז,
איז אַ מין ירושה־איבערבלייבעניש
פון ביל פון הונט,
פון ריטש פון אייזל...

— טאָ ווי דער דין איז,
אַז הונט און אייזל
פאַרשטייען נישט קיין אַנדער אופן רייד,
און ווילן נישט פאַרשטיין?
— טאָ ווענד דאָס חיהש וואָרט דאָס דאָזיקע
צו זיך,
אויף זיך,
פאַר זיך,
אין זיך אַליין!

גוט מאָרגן — גוט יאָר!

באַגעגנסטו אַ מענטש — מעג ער עלטער זיין, צי יינגער,
איז פונקט, ווי צו דער זון — דו זאָג אים: „אַ גוט מאָרגן" ;
דערלאַנג די ג אַ נ צ ע האַנט, נישט שפּאָר דיר דיינע
פינגער...
און וועגן ענטפער זיין באַדאַרפסטו זיך נישט זאָרגן.
באַגעגנסטו אַ מענטש, טאָ זאָג אים: „אַ גוט מאָרגן"
און דיין געפיל זאָל זיין אי וואָרהאַפטיק, אי קלאָר,
מעג יענעמס ענטפער גלייך פאַרבלייבן טיף פאַרבאָרגן
און שווייגנדיק... דאָך קומט דיר: „אַ גוט יאָר!"

ע נ ט פ ע ר

אויף בריוו אַן ענטפער גיב —
אַ נישט וועט טון דיר באַנג
(איעדער גאַנג און קלאַנג
מוז האָבן ווידערקלאַנג —)
קוים ענטפערסט נישט אויף בריוו —
איז חרפּה עס און שאַנד,
ווי דאָס נישט ענטפערן
אויף אויסגעשטרעקטער האַנט!

פ ר י נ צ י פּ

— מיין וויכטיקסטער פּרינציפּ:
כ'האָב מענטשן ליב.
דערפאַר, פאַרשטייט זיך,
קומט מיר נישט אין באַק
קיין קניפּ.

רעלאַטיוויטעט...

פרעגט אַ ליטוואַק איין מאָל אין דער וואָכן
ביי אַ צווייטן ליטוואַק: — „ס'טייץ? און היתכן?
פאַר וואָס אין גאַנצן „קידעס" איז ניטאָ קיין „שין"...
— לעמאָסל? ווי אַזוי? ציקאַווע כ'בין...
— לעמאָסל? „...יום הסיסי, ויכולו הסמים"
— ביסט אַראָפּ פון זינען?
אָט האָסטו דיר אַ למדן גאָר אַ נייעם!
פונקט פאַרקערט; אין „קידעס" האָסטו סאַמע „שינען"...
— ווי אַזוי דען? גערן
וואָלט איך הערן...
— אַ נייס אַ גרויסע:
שאוורי מרנן ורבנן ורבוישיי...

לעזער און לויזער...

— אַ מזל האָט אַזאַ דאָס בוך:
ס'האָט לעזער און האָט לויזער —
עס דרייט זיך אין דעם ראָד —
גראָד אַ גלגל־החוזר.
און — בעסער איין נערוועזער לעזער
איידער צען מיושבדיקע און סאָלידע לויזער!
אַזוי איז ער — ר' עוזר — גוזר...

פעדאַגאָגיק...

נעגליכן איז עס צו אַ פרוי, וואָס נאַריש, אויסגעלאַסן,
אַ טעמפּע — מיט חסרונות אַלע שבעולם — אַ פרוי,
וואָס טויג אויף אַלע קלאָגן,
אַ פרוי, וואָס איין זאַך קען מען זי: פאַראַכטן
בלויז און האַסן,
וואָס איין זאַך קען זי בלויז — דערצערנען;
אַזאַ מין פרוי איר איינציק קינד קען שלאָגן,
און דערבײַ מיט שטאָלצער מוטערלעכקייט זאָגן:
— „דאָס טו איך עס דאַך גוטע מידות — קלוגשאַפט
און גוטסקייט לערנען!"...

✶

ס'האָט טעם און חן
ווען קינד פאַרשטעלט זיך די אויגן
מיט די הענטלעך קליין

און לאָזט זיך זוכן און געפינען —
דאָס האָט טעם און חן אַ זיסן!
ס'האָט אָבער נישט קיין זינען
ווען אַ באַיאָרטער מאַן
טראַקטירט דיך, ווי אַ נאַרישן פּראָפּאַן
און מיט הענט פאַרשטעלט
די אויגן פאַר דער וועלט — און זיין געוויסן!

אייזלאָגיש...

דערשראָקן פרעגט דאָס קינד אַנומלט ביי דער מאַמע:
(אַ מאַמע ווייסט דאָך אַלץ מסתמא)
— וואָס איז די מעשׂה, וואָס עס שרייט אַזוי דער
אייזל — דער אישאַק
פונקט ס'איז עמעץ אים מקיים פסק?
און געבנדיק דעם קינד אַ קניפּ אין באַק,
אַ גלעט איבערן קאָפּ,
די מאַמע ענטפערט אָפּ:
— ווייל ער, דער אייזל, איז אַ חמור... אַן אישאַק!

אַ משל קען עס זיין אַנטקעגן אַ געוויסן מין קריטיק
וואָס ציקלט זיך מיט ציקלען אייזלדיקן רעווען —
„און גערעדט צוריק"...
טאָ פרעג־זשע נישט דערביי: — פאַר וואָס און הלמאי?
אַזאַ איז איר נאַטור — דאָס איר טבע...

אויפן שיידוועג

לויפן יידן גֶעבעד, לויפן זיי אוּן האַוועגעץ,
אינעם האַוועגען פרום זיי גלויבן...
פרעגט איין טויבער ביי דעם צווייטן טויבן:
— וואָס, גייסט דאַוועגען?
— ניין, כ׳גיי דאַוועגען!
— המ... על אחת כמה וכמה...
אַ שאָד... — ו ו ע ן דו גייסט דאַוועגען,
וואָלט מען געגאַנגען צוזאַמען.

*

— אין אויסערלעכן „טיפן" אַכטן
דערבליקן קענסטו ס׳קערנדל פון דער פאַראַכטונג.

— אין דעם פאַראַכטונגס־וואָרט
באַהאַלט זיך שפּיציקייט און שאַרפקייט פונעם מאָרד!

— דו קענסט פון מענטשן פיל — אַזוי פיל רעדן הערן,
ווייל טראַכטן קענען זיי נישט און — נישט קלערן...

— וואָס מער געשריי, וואָס מערער רייסעניש פון שטיל,
אַלץ ווייניקער געפיל...

„אָרעמקייט"

דער דזשאָיקל דער בן פלעקל — דער פירער פונעם
דזשעז —
ער איז אָלרייט — אָלרייט דאַך... אָ, זייער, זייער, יעס...
דער דזשאָיקל דער בן פלעקל — ער איז אַ בראַווער מאַן,
ער זאָגט אַן אונטערשיד איז ביי מוזיקער פאַראַן.
דער איינער איז אַ חכם, דער צווייטער אַ פּראָפאַן,
דער בעטהאָווען, למשל... געווען אַן אָרעמאַן...

פאר קינדער

אלף בית

א

נו, אַלטער, זאָג אַלטערל, מיין אייניקל, מיין גאָלד,
וואָס האָסטו ליב, מיין טייערער, זאָג, וואָס־זשע האָסטו
האָלט ?
— דאָס זאָגן קען איך, זיידעשי, דאָס זאָגן גלייך איך קען :
— כ׳האָב האָלט אַלץ, וואָס מיט אַן אַלפל פון אָנהייב
הייבט זיך אָן —
אַן אַרבעסל, אַן אוגערקע, אַן איילבירט, אַן אַרבוז
און נאָך אַזעלכע זאַכן פיל, וואָס אויסזוכן איך מוז !
דו, אַלטעלע, זאָג אַלטעלע, מיין אייניקל דו ליב,
וואָס האָסטו ליב, זאָג טייערע און תיכף דיר איך גיב:
— אָ, איך האָב ליב — זאָגט אַלטעלע — און טייער
מיר עס איז
אַז טאַטע־מאַמע קושן מיך... עס איז אַזוי מין זיס !

א

אדרבא, אַבעלע
האַרציקער, דו מיין,
זאָג מיר וואָס וואָלסטו געוואָלט —
געוואָלט אַ שטייגער זיין ?
— געוואָלט וואָלט איך אַן אָדלער זיין
און האָבן פליגלען שטאַרק,
צו קענען פליען הימל־הויך
אַריבער טאָל און באַרג...
— וואָס דיר פליען אין דער הויך ?

האָסטו פון דעם געקלערט...
— אודאי יאָ, די שטערנדלעך
צו ברענגען אויף דער ערד...
אַלפּל, אַלף, נו ענטפער מיר, איך הייס:
וואָס מיט דיר די גדולה? — ענטפער! — זאָגט דער בית
ענטפערט אָפּ דער אַלף: — שטאָלץ דערמיט איך בין,
וואָס דער ע ר ש ט ע ר שטענדיק זיך אַן אָרט כ׳געפין,
אומעטום און תמיד און ביי יעדער זאַך
ניצט מען מיך דעם אַלף גאָר און גאָר אַ סך
ווי, למשל, זע נאָר, זע: אַ באַנק, אַ טיש,
אַ מענטש, אַ פויגל, אַ פליג, אַ פיש,
אומעטום דער ערשטער! האָסט דעם ענטפער, נאַ...
ענטפער איצטער דו מיר, „בית״, דו, חבר מיין,
הלמאי אַ בייזער דאַרפסטו, ברודער זיין?
ענטפערט בית מיט כעס: — איטלעכער דאָס ווייס,
ווייל איך בין דער צווייטער, בין דערפאַר איך בייז...
— גוט! — שרייט אויס דער גימל — גוט! רופט ער
זיך אָפּ...
דלת שמייכלט פריילעך: דולט מיר נישט אַ קאָפּ!
העי, זאָג הא — די הא זאָגט: קעפּ געהאַלטן הויך.
וו זאָגט: אַלע ווילן זיין די ערשטע אויך.
זין זאָגט: צוזאַמען זאָל מען אַלע זיין.
חית וויל עפּעס זאָגן, נאָר ער פאַלט אַריין.
טית זאָגט: תמיד בעסער שלום זיין זאָל, פריד.
יוד זאָגט: לאָמיר זינגען גאָר אַן אחדות־ליד!

א

אַריהלע און אַרעלע
אַ צווילינג זענען זיי,
קיין עלטערער עס איז נישטאָ
פון ברידערלעך די צווי
און ענלעך זענען ביידע זיי,
מע ווייסט נישט ווער איז ווער...
אַז רופן רופט מען אַריהלען
קומט אַרעלע אַהער.
אַהערצו קום אַריהלע,
ווער האָט צעקלאַפּט די גלאָז?...
דאָס האָט צעקלאַפּט זי אַרעלע
און מיר צעקראַצט די נאָז...
דאַן רופט מען אַרעלען: אַהערצו,
אַהערצו זאָל ער גיין...
נאָר אַרעלע קיין נאַרעלע,
ער איז נישט, אסור, ניין...
און ער דערקלערט, אַז אַריהלע,
וואָס האָט צעקלאַפּט די גלאָז...
איז יענער, יענער אַריהלע
מיט דער צעקראַצטער נאָז!

ב

בענטשעלע און באָנטשעלע
און ברוכל און ברכה
מאַכן יום־טוב — זע נאָר זע —
יום־טוב אין דער וואָכן...
האָבן זיי געכאַפּט אַ באָק

ביי דער באָרד און הערנער...
און דער באַק ער מעקעט — מע...
זע נאַר זע און הער נאַר...

ב

בריינעלע האָט אַ הינטל,
וואָס איז פלינק ווי אַ ווינטל,
אויפן שטערן מיט אַ פלעקל
און מיט אַ פריילעכן עקל...
אָט לויפט ער און אָט שטייט ער
און מיט זיין עקל דרייט ער...
ווייזט בריינעלע אַ ציל אים
און רופט: בלעם, בלעם
(אַזוי הייסט ער — בלעם!)
און אַז שוין יאָ בלעם — בילט ער
און מיט עקל שפּילט ער,
דרייט, ווי אַ מיל אים —
אָט דער בלעם...

ב

בינעמל יאָגט נאָך אַ בין,
לויפט ער אום אַהער, אַהין...
קוקט ער אויס אויף איר די אויגן,
זי אין גאָרטן איז פאַרפלויגן...
צו אַ בלום פאַרפליט די בין...
זיי אַ בריה זי געפין...
אַז אָן אַ שיעור איז בלומען דאָרטן
אין געדיכטן גרויסן גאָרטן...

רופט ער: בין, ווו ביסטו, בין?
ענטפערט בין: אין גראָזן גרין,
ווו דו ווּעסט מיך נישט געפינען,
נעם עס זיך אַריין אין זינען...

ב

בערעלע און ברוכל און בענציעלע און בונעם
שפּילן זיך די יינגלעך און טאַנצן לעם אַ ברונעם,
שפּילן זיך אין באַבקעלעך און יאָגן זיך אַרום,
קומט דער פעטער ביינישׂ, קוקט ער אָן זיי קרום...
— וואָס איז דאָ די שׂמחה גרויס?
און וואָס האָט איר געפונען,
וואָס איר האָפּסעט דאָ אַרום,
קונדסים, לעבן ברונעם?...
— איי, דו פעטער ביינישׂ דו, זע אַזוי פיל זון...
און הנאה האָבן מיר — פרייען זיך דערפון...

ב

בערעלע וויל זיין אַ בער,
אַ בער אַ גרויסער טאַקע,
נישט גלאַט־אַזוי אַן אַבי־ווער —
אַ בער מיט האָקעס־פּאַקעס...
— וואָס הייסט אַ בער? צו וואָס
אַ ווילדער און אַ שלעכטער?
אַזאַ מין בער, וואָס ברומען זאָל,
אַן אמתער, אַן עכטער?...
— ווער זאָגט עס, ווער? נישט דאָס איך קלער —
זאָגט בערעלע דער מאַמען...
כ׳וויל זיין אַ בער, ווי פעטער בער...
אַן אַלטיטשקער אַזאַ־מין...

ב

עסט בערעלע אַ באַרעלע
און באַסיעלע אַן אַנאַנאַסעלע,
זאָגט בערעלע צו באַסיעלען:
— גיב מיר דעם אַנאַנאַסעלע,
לאָמיר טון, ווי לייטן,
לאָמיר זיך בייטן...
— האַ? וואָס? נאַרעלע,
וווּ האָסטו די באַרעלע?
זאָגט בערעלע: די באַרעלע,
סאַראַ באַרעלע?
כ'האָב אין גאַנצן פאַרגעסן,
שוין אויפגעגעסן...

ג

גאָלדעלע הייסט נישט אומזיסט גאָלדעלע:
זי איז אַ גאָלדן מיידעלע,
אַ צאַרטע און אַן איידעלע,
מיט אַ גאָלדן הערצעלע,
מיט אַ געל־גאָלדן שערצעלע
און הערעלעך גילדערנע,
וואָס קען זיין העלער און מילדער נאָך?
האָט זי אַ לעבעדיק גענדזעלע,
טאַנצט זי מיט דעם אַ טענצעלע
און טאָרקעט עס אין שנאָבל־נעזעלע
אַ גרינעם גרעזעלע,
ווייל אַ רחמנות אומגעגעסן
קען דאָך דעם גענדזעלע ס'לעבן דערעסן...

ווײל נישט גענדזעלע קײן גראָז,
דרײט עס מיט דעם שנאָבלנאָז.
— עלעהײ, וואָס־זשע ווילסטו, וואָס ?
— כ׳ווײס וואָס — אפשר ברויט שטיקעלעך
און אַ הויפן גריקעלעך...
די מעשה קען פאַרדריסן,
וואָרום פון וואַנען קען גאָלדעלע וויסן
וואָס אַ גענדזעלע וויל —
גײ, קלעזמערל, שפּיל
וואָס אַ גענדזעלע וויל !

ג

גאָדעלע, אָט גאָדעלע
האָט האָלט עפּעס צו טאָן,
נאָר וואָס־זשע טוט מען דען אַצינד,
פון וואָס־זשע הײבט מען אָן ?
אַ גרויסער אויפטוער ער איז
און אויפטון פיל ער קאָן...
אָט נעכטן האָט דעם גאַנער ער
דערלאַנגט... און מיט אַ שפּאָן...
גוט, נעכטן ? הײנט אָבער, וואָס הײנט,
ווען זון אַזוי עס שײנט ?
דער טאָג איז קורץ, אַ קאַצנשפּרונג,
וואָס טוט מען, ליבע פרײנד ?...
פאַלט אים אײַן גאָר אַזאַ מין זאך
אַן אַרבעטל אויף הײנט...
און גאָדעלע אַ נאָדעלע
מיט פאָדעם נעמט אין הענט —

פון הייזלעך קנעפּלעך רייסט ער אָפּ
און קעשענעס ער טרענט...
ער טרענט און נייט זיי ווידער צו
און נייט זיי ווידער איין,
אַז גאָדעלע מיט נאָדעלע
אַ שניידער הײנט וויל זיין...
ווייל גאָדעלע האָט האָלט צו טאָן,
פון וואָס־זשע הייבט מען אָן...

ג

גרוינעמל און גרונעלע
זענען ברודער און שוועסטער,
איז ביי זיי דער פאַרגעניגן
דער גרעסטער,
זיצן אין דער וואַרעם, אין דער שטיל,
אַוועקצוואַרפן יעדע שפּיל
און זיצן און הערן,
ווי הינטערן אויוון
(ווער ווייסט צי אונטן, צי אויבן)
צירקעט אַ גריל...
צי־ציק־ציק
און ציק־ציק־ציק...
די גריל
דערציילט זיי מעשהלעך פיל
אַרויס פון ערגעץ אַ שפּאַרונעלע
און ס'הערן גרונעם און גרונעלע
צי־ציק־ציק
און ציק־ציק־ציק...

אַז ס'איז גוט און וואַרעם
ציקלט זיך די גריל —
אַן אַנטיק...

ג

גיטעלע גייט אין גרינעם גראָז
גיין איז גוט אָן זאָרגן...
נייגט דאָס גראָז זיך, וואָס איז דאָס?
זאָגן זיי: גוט מאָרגן?...
יאָ, גוט מאָרגן זיי,
גיטעלע, קום צו דאָ...
דאָ, צעווישן אונדז דאָ גיי,
ווייל דו ביסט אַ גוטע...
הערט עס גיטל — זאָגט זי: גוט,
מירן גיין פּרובירן...
זי צוליב די גראָזן טוט,
גייט מיט זיי שפּאַצירן...

ד

דינהלע קייט דיניע־קערעלעך
און קוקט.
זעט זי, דינהלע,
ווי אַ שפּינעלע
אין איר שפּינעכץ דינעם
אַ פליגעלע פאַרצוקט.
פלאַטערן די פליגעלעך
ביי דעם פליגעלע
און זי זומט...

נאָר די שפּינעלע
שטומט
און דינהלע!
דינהלע
קוקט,
מיט די אַקסעלעך צוקט,
זי קייט די דיניע־קערעלעך
און פון די אייגעלעך ביי איר
גיסן זיך טרערעלעך:
אויפן פליגעלע אַ רחמנות!
ד
דודל נעמט אַ ברעטעלע אַ קליינס,
האָט איר איינס —
דערנאָך נעמט דודל שטריקעלעך צוויי —
סטרונעס צוויי,
דערנאָך — אַ שטעקעלע דערביי
מיט לאַנגע האָרעלעך דריי —
האָט ער צוזאַמען: פידל און סמיק
און סע שפּילט זיך — אַן אַנטיק...
ד
דער פעטער דודיע איז אַ פעטער,
דער פעטער דאָדיע — מאָגער...
פעטער דודיע פעטער דאָדיעס
איזן איז אַ שוואָגער.
פעטער דאָדיע איז אַ הויכער,
דודיע איז אַ קליינער.
האָבןביידע אַ פלימעניק
דאַניעלע דער שיינער...

פרעגן דאַניעןביידע פעטערס:
דאַניעלע, אויף וועמען
ווילסטו ענלעך זיין, דו זאָג נאָר,
דאַרפסט זיך נישט צו שעמען...
קוקט זיי אָן דער קליינער דאַניע
ביידע זיי — פאַרשיידן
און ער ענטפערט אָפּ: — „פּאַכאָזשע
וויל איך זיין אויף ביידן!"

ד

דאַברישל איז אַ מיידעלע אַ גוטס
און דער מאַמען אירער קומט זי גוט צונוץ,
פאָלגט דער מאַמעס איטלעכן פאַרלאַנג.
שיקט די מאַמע גיין אַ גאַנג —
גייט אַ גאַנג.

ה

הערשעלען רופט מען הערשעלע לויפער,
ווייל לויפן לויפט ער אָן אַן אויפהער.
— הערשעלע, הערשעלע, ס'איז דאָך נישט קיין אופן
אַ גאַנצן טאָג אַרומצולויפן.
— ווו לויפסטו, הערשעלע, נאַריש קינד?
— פאַריאָגן די הינט...
— ווו לויפסטו, הערשעלע, אַזוי געשווינד?
— דעריאָגן דעם ווינט...
— הער, הערשעלע, וואָס כ'וועל דיר זאָגן:
הינט וועסטו נישט פאַריאָגן,
ווינט וועסטו נישט דעריאָגן,

טאָ צו וואָס־זשע לויפסטו, הערשעלע?
— ווייל איך הע... ווייל איך הע...
ווייל איך הייס הערשעלע!...

ה

הענדעלע און הינדעלע זענען אַ יינגעלע
און אַ מיידעלע
דערפאַר — מינעסטאַמע — זאָגט די מאַמע,
האָבן זיי ליב אין האָן־הון זיך צו שפּילן...
רופט די מאַמע: הינדעלע, ווו ביסטו, זאָג?
ענטפערט הינדעלע: קאָק־קאָק...
ווו ביסטו, הענדעלע, ווו?
ענטפערט הענדעלע: קוקעריקו...

ה

האָט האָדעסל פאַרקנייטשט דעם שטערן
און געגעבן צו דערקלערן:
— אַ האָז איז גרויס, איז זייער גרויס
און ווי אַ קאַץ ער זעט באַלד אויס,
און ס'איז אַ העלפאַנד זייער קליין,
קוים ו ו אָ ס אויף פיסלעך קען ער שטיין...
און זי ברענגט אַראָפּ אַהערצו
ביידע צאַצקעס אין איר שערצל,
יעדע חיה, ווי אַ ראיה:
דעם האָז, וואָס ו ו י די קאַץ זעט אויס
און העלפאַנדל, די גרויס — אַ מויז...

ה

האָט אַ שאַרפן קעפּל הענעך,

העגעכל דער קליינער יאַט,
קיין מאָל האָט בעת אַן ענטפער
נאָך קיין טעות נישט געהאַט.
כ׳פרעג אים סאַראַ עוף צי חיה,
ווייס ער זאָגן אויף אַ „היי״...
ענטפערט ער, אַז יעדע איינע,
ווען מען שטעלט זיי אויף אַ „היי״...
העי, נישט דאָס, נאָר די וואָס הייסן
אויף אַ הא, אַן אות, וואָס עכט...
— האָז און הונט און הירש, און העלפאַנד,
האָן און הון און הערינג, העכט...
זיכער, אַז אין יידע פאַלן
איז דאָך העגעכל גערעכט...

וו

וואָוועלע
האָט אַ ביכעלע מיט אַ טאָוועלע
און אויפן טאָוועלע
איז אויסגעמאָלט אַ ווערוריקל —
אַזאַ ווערוריקל אַ קליינס
און ווי אַ וו׳עלע אַ שיינס...
אינעווייניק אינעם ביכעלע.

אַ נײַ וויגליד

ליאַליע, ליאַליע, ליאַליע קליין,
ליאַלינקע, מײַן גאָלד, נישט וויין!
מאַך די אויגן דײַנע צו,
ליוליע, ליאַליע, ליאַליע, ליו!

ליאַליע שיינע, ליאַליע דו,
וווּ איז איצט מײַן מאַמע, וווּ?
מאַך די אויגן דײַנע צו,
ליאַליע, ליוליע, ליאַליע, ליו!

ווער האָט זי דערהרגעט, ווער,
וואָס זי קומט נישט דאָ אַהער?
מאַך די אויגן דײַנע צו,
ליאַליע, ליוליע, ליאַליע, ליו!

ס'איז דער טאַטע ווײַט אין קריג,
קומט ער אויך נישט מער צוריק —
מאַך די אויגן דײַנע צו,
ליאַליע, ליוליע, ליאַליע, ליו!

כ'בין געבליבן איצט אַליין,
ליאַליע, ליאַלינקע, נישט וויין,
מאַך די אויגן דײַנע צו,
ליוליע, ליאַליע, ליאַליע, ליו...

וויינען, וויינען איז נישט פֿײַן,
מיט מײַן ליאַליע שלאָף איך אײַן,

ליוליע, ליאַליע, ליאַליע, ליו,
מאַכן מיר די אויגן צו.

און אין שלאָף אין חלום שיין
טאַטע־מאַמע קומט צו גיין,
מאַך די אויגן דיינע צו,
ליאַליע, ליוליע, ליאַליע, ליו!

וואָס׳טו האָלד, רייזעלע?

— רייזעלע, מיין מיידעלע, מיין גאָלד,
זאָג־זשע וואָס׳טו האָלד?
— אַ זיס עפּעלע!
— אַ געזונט אין דיין קעפּעלע —
וואָס נאָך?
— אַ באַרנעלע!
— גוט, מיין סאַרנעלע...
נאָך וואָס?
— קערשעלעך, און אַגרעסלעך און פלוימעלעך...
— האָסט, ווי זיי, אַלע טעמימלעך.
נאָך וואָס?...
— יאַגעדקעס רויטענקע און שוואַרצענקע!
— גוט, האַרצנקע...
וואָס נאָך?
— און נאָך... און נאָך — דעם פעטער,
וואָס אַלע זיי ברענגען וועט ער
פריער אָדער שפּעטער!

„אַקוקו" מיטן ווינט...

רייזעלע האָט ליב אַלץ צו באַטראַכטן און באַקוקן
און שפּילן זיך אין שפּיל „אַ־קו־קו",
באַהאַלט זי זיך אין ערגעץ ווו פאַרשטעקט,
— בו־בו — זי שרעקט
און רוקט אַרויס דאָס קעפּל אין אַ זייט געבויגן
און לאַכט מיט אויגן:
— אַ־קו־קו!
(איי, האָט זי ליב צו קוקן אין די אויגן!)
און — אָט־אָ שאָקלט זיך דאָס פאָרהענגל פון פענצטער.
עס שאָקלט זיך און בייגט זיך אָפּ.
רוקט רייזעלע גאָר נייגעריק אַרויס דעם קאָפּ,
וויל זאָגן: — קו־קו,

ווער בלאָזט עס דאָ אַריין אַזוי מסוכן,
ווער טוט די פאָרהענגלעך פונאַנדעררוקן,
און גלעט זי ביי די בעקלעך?
ווער איז עס, ווער —

צי נישט אַ מאָל דאָס הינטל שרעקלעך,
אויף פעל מיט שוואַרצע פלעקלעך,
דאָס בייזע הינטל?
ווער איז עס, ווער,
וואָס קומט צו מיר אַהער?

דאָס איז דאָס ווינטל?
— ס'ווינטל?
ווינטל, מאַך־זשע מיר „אַ־קו־קו!"

✶

פאַרשטעלט רייזעלע די אייגעלעך מיט הענט
און צו מיר געווענדט
רופט רייזעלע:
— ווּ רייזעלע...
נר־נו,
ווּ איז רייזעלע, ווּ!
— יאָ, טאַקע, ווּ?
רופט רייזעלע פריילעך:
— באַלד גיי איך און דערצייל איך...
— יאָ, טאַקע, ווּ?
ווּ איז רייזעלע, ווּ?
נעמט רייזעלע די הענט אַרונטער,
פריילעך פּאַטשט זי, האָפּסלט מונטער
און זאָגט מיר אונטער:
— אַט־אָ־ווּ...
קר־קו!

די קאַפּעליע

האָבן מיר, הייסט עס, אַ קאַפּעליע:
קאַפּעלמייסטער איז דער קליינער עליע
און די קלעזמערלעך ווייזן, ווער זיי זענען
און וואָס זיי קענען:
יודעלע אויף אַ דודעלע,
אַרעלע אויף אַ גיטאַרעלע,
אורעלע אויף אַ באַנדורעלע,
פּייקעלע אויף באַלאַלייקעלע,
תּיהקעלע אויף דעם פּייפּעלע,
מייטל אויף איין טראָמפּייטל
און אויפן צווייטן טראָמפּייטל — צייטל;
אברהמלע — אויף אַ קעמעלע,
בענצעלע און באַנצעלע
אויף טעלערלעך בענץ —
בענץ־בענץ־בענץ
און מען לאָזט זיך גיין אין טענץ —
לעבעדיקער און געשווינדער
טאַנצט־זשע, יידישע קינדער!

מענדל — הענדל
(אַ באַלערנדיק מעשהלע וועגן אַ האָנאָראָוון האָן)

מילא, וועל איך אייך דערציילן
קורץ און שאַרף, און דאַכט זיך — שוין,
כ׳וועל דערציילן אייך אַ מעשה
פון אַ יידיש ייִנגל קליין.
אָט דאָס ייִנגל — גאָר געראָטן
איז געווען און מלא־חן,
נאָר געהאַט האָט ער אַ פעלער
אַזאַ מום נישט צום פאַרשטיין.
ער, דער מענדעלע דער קליינער,
(מענדל האָט געהייסן ער)
האָט זיך איינגערעדט, פאַרשטייט איר,
אַז ער איז נישט אַבי־ווער,
אַז ער איז אַ גרויסער יחוס
פון דער גילדענער דער פאָן,
אַז קיין אַנדערער ער איז נישט,
נאָר אַ גאַלאַגאַנער האָן...
און דערפאַר און אָט דעריבער
האָט ער טאָג ווי נאַכט געקרייט,
און געפּאַטשט מיט די פליגלען —
מיט די הענטלעך אויסגעשפּרייט...
און דערפאַר און אָט דעריבער
האָט ער סתם און גלאַט אַן נויט
פון דעם טיש אַראָפּ נאָך וואַרעמס
שנעל געפּיקט די ברעקלעך ברויט.
קורץ — געפּיקט, געקרייט, געפּליעסקעט

און דאָס אַלץ געטאָן געטאָן
מיט התמדה, האָנאָראָווע
מעשה גאַלאַנטער האָן,
און קיין רייד האָט נישט געהאָלפן,
קיין רפואה נישט געווען —
אַז באַשערט עס איז אַן אומגליק,
איז׳ס מיט מענדעלען געשען.
נישט געוואָלט האָט גאָרנישט לערנען
אויף די עלטערע די יאָר,
נישט אַ פינגער אין קאַלט וואַסער —
אַז ער איז אַ האָן און — גאָר!
און ביי אַלע איז געבליבן
אַ פאַרפאַלענע די זאַך:
איינגערעדט זיך, איז פאַרפאַלן,
לא עלינו, גיי און מאַך!
האָט מען לויפן אים געלאָזן,
דעם משוגענעם פאַרשוין,
בלויז אַ צונאָמען געגעבן
מענדל־הענדל־האָן, און — שוין...

✶

ווו קיין דאָקטער קאָן נישט העלפן,
ווו קיין קיידער מיט קיין שמיץ,
קומט אַ מאָל אַ ייד אַ פּראָסטער
דווקא זייער גוט צונוץ.
איז אַ מאָל אַ ייד געקומען,
קוקנדיק גאָר אין אַ זייט,

און אַ זאָג געטאָן: „כ׳וועל פּרוּוון
פון דעם יונג צו מאַכן לייט.
כ׳בין קיין זנאַכער, כ׳בין קיין קיידער,
נאָר בלי־נדר — כ׳מאַך אַ פּרוּוו
פון דעם יונג אַרויסצוטרייבן
ס׳משוגעת פון זיין גוף...
הער־נאָר, מענדל, הער־נאָר, קום־נאָר,
ביסט אַ האָן געזונט און פריש,
אָבער זאָג, ווּ האָסט געזען עס
הענער פּיקן פון אַ טיש?
ווּ איז עס געזען געוואָרן,
ווּ איז עס געווען געהערט:
אַזאַ זאַך פון טיש צו פּיקן
איז אַ יוסטן האָן באַשערט?
אדרבא — גיב אַ קלער נאָר,
ס׳איז דאָך חוזק נאָר געמאַכט,
ביסט אַ קלוגער האָן מיט שכל —
לייג זיך איבער, טו אַ טראַכט!"
האָט אַ טראַכט געטאָן דאָס יאַטל —
מענדל־הענדל טראַכט אַריין,
און ער פרעגט: — „אַז כ׳וועל נישט פּיקן
וועל איך האָן נאָך ווייטער זיין?"
— „אַלץ הייסט האָן! — דער ייד עס ענטפערט: —
האָן פון האָנענלאַנד, ווי שייך —
דעמאָלט ערשט אַ האָן וועסט ווערן,
ווייל ס׳איז האָן צו האָן נישט גלייך!"
קורץ: פון דאַן דער מענדל־הענדל,
ווי געזאָגט און ווי דערקלערט,

ברעקלעך ברויט פון טיש צו פּיקן
האָט אין גאַנצן אויפגעהערט...

*

ס'צווייטע מאָל דער ייד זאָגט ווידער:
— „הער־נאַר, מענדל־הענדל־קרוין,
דו ביסט דאָך אַ ייד אַ חכם,
גאָר אַ ליכטיקער פּאַרשוין,
ביסט אַ האָן אַ האָנאָראָווער —
ווו־זשע, אדרבא, זאָג,
האָסט עס געזען אַ האָן זאָל —
קרייען זאָל אַ גאַנצן טאָג?
כ'ווייס, אַ האָן עס קרייט פאַר טאָג יאר,
ווען ער זעט די זון קומט אָן,
אָבער גלאַט אין מיטן דריצקעס
קוקאַראַקען זאָל אַ האָן?!...
איז אַזוי — דו ווילסט אַ האָן זיין,
זײ־זשע זיך געזונטערהייט,
אָבער פון אָן אויפהער קרייען
קען מען ווערן דאָך פאַרדרייט!"
הערט די רייד ער מענדל־הענדל
גייען רייד אין קאָפּ אַריין.
זאָגט ער: — „הער איך אויף צו קרייען
וועל אַ האָן איך ווייטער זיין?"
— „אַלץ הייסט האָן! — דער ייד עס ענטפערט: —
האָן פון האָנענלאַנד, ווי שייך —
דעמאָלט ערשט אַ האָן וועסט ווערן,
ווייל ס'איז האָן צו האָן נישט גלייך!"

פאָלגט זיך גלייך דער הענדל־מענדל
און ער קרייט און פּיקט נישט מער,
און ער זעט, אַז זיך צו פאָלגן
איז אַ זאַך נישט זייער שווער!

*

זאָגט דער ייד צום מאָל צום דריטן:
— „איין זאַך איז מיר קשה גאָר,
ביסט אַ האָן דאָך מענדל־הענדל
פון דעם לעצטן יונגן דור...
וואָס־זשע פּאַטשסטו מיט די פליגלען
גאַנצע לויפנדיקע טעג?
טוען דען אַזוי די הענער?
ענטפער אָפּן, ווען איך פרעג...
איך, למשל, ווייס, אַ שטייגער,
כ׳ווייס אויף זיכער עס, אויף קלאָר.
ס׳פּאַטשן הענער מיט די פליגלען
איין מאָל אין אַ יובל נאָר!
און דו האַלטסט אין איינעם פּאַטשן
גאָר ווי אויף להכעיס זיי...
טוען דען די הענט נישט וויי דיר,
כ׳מיין די פליגלען טוען וויי?
— „יאָ, — זאָגט שטיל דער מענדל־הענדל: —
כ׳האָב דערוועגן שוין געטראַכט
פון מיין פּאַטשן אויפן הינטן
האָב איךביילן זיך געמאַכט...
דאָס טוט וויי... ס׳טוט וויי מיר טאַקע!

אָבער וואָס־זשע הייבט מען אָן,
אַז כ׳וועל אויפהערן צו פּאַטשן,
וועל איך בלייבן דען אַ האָן ?״
— „אַלץ הייסט האָן ! — דער ייד עס ענטפערט : —
האָן פון האָנענלאַנד, ווי שייך !
דעמאָלט ערשט אַ האָן ווערסט ווערן,
ווייל ס׳איז האָן צו האָן נישט גלייך״...

✶

פּיקט נישט, קרייט נישט, פּאַטשט נישט מענדל,
נאָר ער האַלט נאָך אַלץ פּאַסאָן,
מעשה האָן דער האָנאָראָווער,
מעשה גאַלאַנגאַנער האָן :
ס׳איינרעדן אין אים איז גרויס נאָך,
ר׳איז נאָך נישט אין גאַנצן קלאָר,
און פון הענערשע די מידות
טרעט נישט אָפּ ער אויף אַ האָר
ביז אַנומלט פאַר יום־כיפור
קומט צו אים דער ייד אַריין
און ער זאָגט אים : — „מענדל־הענדל
איצטער כ׳דאַרף די טובה דיין...
כ׳דאַרף כפרות שלאָגן דאַרף איך,
ווייסט — איך בין נישט קיין גביר...
כ׳האָב נישט אויף אַ האָן צו קויפן,
וויל איך אָפּשלאָגן מיט דיר...
מיטגעבראַכט איך האָב דאָס מחזור
דאָ, אָט זעסט, „בני אדם״ שטייט,

ווייל איך איבער קאָפּ זיך דרייען
מיט דעם האָן, וואָס איז צעדרייט!
— „גייט־שוין־גייט! — דערשרעקט זיך מענדל:
כ'בין קיין האָן נישט מער... שוין אויס...
נישט איך בין און נישט געווען
ס'איז געווען אַן אָנשטעל בלויז!"

און אַוועק דער ייִד צופרידן —
איז אַוועק אין היים און הויז,
און אַוועק ס'איז שוין די מעשה,
ס'איז די גאַנצע מעשה אויס!

אינהאלט

דאס לעצטע ליד	7	סך־הכל	44
מיינע ריטמען	9	נו, גוט	45
אויף אונדזער חורבן	11	פֿאַרשפּאַרט צו טראַכטן	46
ראַבאַט	12	קאַשמאַר	47
1942—1939	13	דער וועלט־באַגרעבער	48
דערהרגעטע קינדער	15	די בלויע דיוויזיע־געשיכטע	49
איך אין דער צייט	16	כאַפּעניש	50
צום יידישן דיכטער	17	שפּיאַנען	51
אויס מענטש	18	ס. ס.	52
מיידל מיט דער ליאַלקע	20	דער האַס־פּאַרזיי	53
הענט	21	קיינער וועט נישט מוחל זיין!	54
וואַכזאַמקייט־אַלאַרעם	22	הענגל און גרעטל	55
נישטאָ קיין וועג צוריק	23	דער גליקלעכער	56
פֿאַרגעדענקען און נישט שענקען	24	געטע און — האָרסט וועסעל	57
		אליהו הנביא און דער	
ווייס־שוואַרץ	26	„נייער סדר"	58
דער לאַנדקנעכט טראַכט	27	געסטאַפּאָ	60
ווינט־ווידערשטאַנד	28	וואָרטסלייט	61
אַראַנגוטאַנגען־מאַרש	29	אויף יעדן פֿאַל	62
פון פריער אויס	30	שלאַכטפעלד־פּייזאַזש	63
זעלנער און טויט	31	זייער שרייען	64
האַמלעט — איצט	32	ווי אַזוי?	65
אַ שאָד דער יאַט	34	חלום און וואָר	66
וועגן וואַשן בלוט	35	זיי מעגן דאַס זינגען	68
פּאַרזיי 1942	36	טויטן־קעפּ	69
די „סטרומאַ"	37	אַך, פרידריך, פרידריך...	70
אויסוועג	39	אויסניכטערונג	71
אומזיסט	40	אַ בריוו פון פראָנט	72
דריי סיבות	41	מיין לעבן	73
פּאַראַפראַזע	42	יידיש־דייטש	75
ס'איז אַ געדאַנק	43	דער פּסק־דין	77

דער פענאמען 78
דער פירער טראכט 79
יאַהאנס בליצלויף 80
רחמנות 82
דער געהאנגענער רב 83
די דריטע וועלט־מכה 84
פון א מאמעס א בריוו 85
טאַטאַלע נידערטרעכטיקייט 86
נבלה־פאנטאזיע 88
דער סם 89
עקל, האס, פאראכטונג 90
ווירקלעכקייט־באלאדע 91
אויס מיסטיק 93
נישטא קיין תירוץ 95
נישט היסטאריע 96
נישט דא געדאכט 97
טאַטאַל 98
גענעראל פּאַמאַדע 99
מיט היטלער־גרוס 100
(דאס איז קיין לעסטערונג,
אָ, ניין!) 101
דער טעות אין חשבון 102
נייער מין אָפּן 103
מינכען־נירענבערג 104
ארדענונג מוז זיין ;! 105
דייטשע סאנקציע 106
ווי אנדערש דען ? 107
עס וואיען הינט 108
רומעניש 109
הונטאיינער און דאַבערמאַן 110
דערנאך 111
דעם גענעראלס ווארט 112
צוויי פריצן 113
צופרידענע 114
צום ליבן פריץ 115
דערשיסונג 116
א חרפה, א שאנדע, 117
קויל 118
קיין מאל נישט פארגעסן 119
דער אוטאמאט רעדט 121
דער פארסמטער ברונעם 122
אלף־סוואסטיק 123
זיין פארלאנגען 124
אָפּגרונט און גרונט 125
יידיש לאכן 126
מענטש און גאט 127
איוואן דער אייניקל 128
מיט שטעקנס דערהרגעט 130
קאַרראַמבאַ 131
דייטשלאנד ווארט 132
מיין האנטגראנאט 133
26 פארפרוירענע 134
אומפארשעמטקייט 135
אינטערוויו מיט היינריך היינע 136
די פּאַרטיזאַנערין 137
אויסגעפירט 138
ווער ווייסט ? 139
דער יעגערפּאַלק 140
ריינער אריער 141
פאַקלטרעגער 142
צוויי ארדנס 143
ס'איז איטלעכן פון זיי 144
פון צער און ווייטיק 146
(כ'וועל קיין מאל זיי נישט
מוחל זיין דעם האס) 147
היטלער־פאלק 148

אויף די הינטערפיס 149
שגעון 150
די ווייסע מיתה 151
בהמהש 153
אזא באפעל 155
געקראקעריי 157
נישט קיין קריג 158
אין צייטן פון געפאר 159
ארום און אומעטום 160
מארשן 161
אויב נישט בכוח 162
ווי האָבן זיי געוואגט 163
אָבערלייטענאַנט ניבעלונגע 164
פאנטאסטיש! 165
צו מיינע פריינד 166
שווארץ אויף ווייס 168
דעם 23 מיי 1943 169
אלול אין מיטל־אזיע 170
1914—1918—1933—1942 171
קעגן ווולקאן 172
איבערחיהשקייט 173
דאם נידערטרעכטיקסטע 174
„בעזשענצעס" 175
ראדיא־רייד 176
ראדיא 177
יינגל און טויבן 178
שפּאָרזאמקייט 179
אויף שיידוועגן 180
וואָראָנעס 181
פאריז 1940—1942 182
ברודער, פוילישער ייד! 183
פארצייכענונג מיט בליי 187
ע ר ב 188
(צי ליבט איר פראנץ מאטילדע שפעק) 189
דער סאלדאט און דער טויט 190
פארט א ייד... 191
ס'איז אייער ערד! טא קייט די ערד! 192
פויל זאגט: 194
אורטייל 195
פאר באליידיקונג 196
דער קול אין נאכט 197
איך און פיינט 198
יאָוואָל, דאס לעבן איז פּאַראַדאָקסאַל 199
שלום מאכן 200
לבנה־מיספארשטענדעניש 201
קוק זיך צו 202
וואס טון? 203
יא, האָס 204
די ירושה נאכן זיידן 206
צום פאלק און לאנד 208
בוי, בויער 210
העלד און טויט 212
שלאכט־סך־הכל 214
בוים און פאלק 215
„ווער גראבט עס דארטן אויף מיין קבר"? 216
מען פירט אין „טויטפאבריקן" 218
ארייַנפיר צו די „באלאדן פון טויט" 220
(א קללה צו דער מוטער, וואָס געבוירן האט דאס קינד דעם מערדער) 220

משלים, אפאריזמען און עפיגראמען
אפאריזמען 223
א וועלטבאנעם 228
קעגן ליטעראַרישע
קאַנוועגאַנסן 229
די פינפטע ראד צום וואגן 230
זיין באראבאנישע
עקסעלענץ 232
AD ASTRA 233
גירסא דינקותא 234
זידלרייד 235
גוט מארגן — גוט יאר! 236
ענטפער 237
פרינציפ 237
רעלאטיוויטעט 238
לעזער און לייזער 239
„פעדאַגאָגיק" 240
אייזלאָגיש 241
אויפן שיידוועג 242
„ארעמקייט" 243

פאר קינדער
אלף בית 247
א ניי וויגליד 260
וואס'טו האלד, רייזעלע! 262
„אקוקו" מיטן ווינט 263
די קאַפּעליע 265
מענדל — הענדל 266